STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01106

DOS GEZANG FUN A LEBN

M. D. Guiser

Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. Simon Berliner
in memory of
their parents, Hirsch & Sarah Berliner & Isidore & Fannie Levine

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה דוד גיסער



דאָס געזאַנג
פֿון אַ לעבן

משה דוד גיסער

דאָס געזעגענונג פֿון אַ לעבן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

80 באַנד

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגנבלום

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

משה דוד גיסער

דאָס געזאַנג פֿון אַ לעבן

מיט אַ הקדמה פון
פנחס ביזבערג

☆

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
און באַערונגס־קאָמיטעט פאַר משה דוד גיסער אין טשילע

בוענאָס־איירעס, 1953 — תשי״ג

אינהאַלט

⁂ — VIII
פ. ביזבערג: משה דוד גיסער — X

רויע קראַפט

דאָס וואָרט — 17
פרילינג — 18
סאַלאַמאַנדרע — 19
⁂ — 20
דער היישעריק זינגט — 21
הונגער — 23
געטער־שקיעה — 24
שטאָט — 25
דער ריז — 27
ביינאַכט — 28
עלנטע הינט — 30
האָט איינער געזונגען — 31
שטרייק — 32
אין אונדזער צייט — 33
רויע קראַפּט — 34
זיבן פּאַסטוכער — 35
דאָס איז דער מענטש — 36
אויפגאַנג — 37

ים־לידער

ביים פּאָרט — 38
דאָס געבעט צום ים — 39
די לעגענדע פון דערהאַלטונג — 40
קאַפּיטאַן, קאַפּיטאַן! — 41
דאָס לויבגעזאַנג צו פערנאַמבוקאָ — 42
צום ווידערשטאַנד — 43
שטילער ים — 44
באַהיאַ — 45
שטומער צער — 46
צום שטורעם־פויגל — 47

גלאָקן

גלאָקן — 49
פרימאָרגן — 50
קנעכט — 51
און די אַרבעטער זינגען — 53
דער מענטש — 54
דאָס געזאַנג צו סאַלאַמאַנדרע — 55
צום גייסט — 57
מויערער — 59
טאַטע־הונגער — 60
אונדזער האַמער — 61
גענוג אין רו געשוויגן — 62
דיכטער — 63
רויטער רייטער — 64

תנכישע לידער

נימרוד — 66
יעקבס קינדער — 67
שמעון און לווי — 68
דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד — 70
גושן — 72
שבט אפרים — 74
סיסראַ — 75
יפתחס טאָכטער — 76
שמשון — 81
דער נביא — 83

לאַנדשאַפטן

לאַנדשאַפטן — 84
לידער, לידער לידערליי — 85
קאַנווענטיזשעס — 87
דער אַמבו — 89
אין שיין פון לאַמטערן — 90
ריאַטשועלאַ — 91
אונדזער נאַכט, אונדזער לייב און
אונדזער קלייד — 94
אַלמאַסענען — 96
אַרגענטינע — 97
בערג — 98
עס שימערט סאַנטיאַגאַ, די שיינע — 99
געוועזן איז אַן אַרעמער יונג — 100
סאַנטאַ לוסיאַ — 101
דער אַפּגעריסענער — 102
וווּנדער פון גאַסן סאַנטיאַגישע — 103
רויטינקע עפּל — 104
צום באַרג — 105
דער מאַן, וואַס צינדט אַן פּייערן — 106

איך

איך — 107
ביים טיגל — 108
צום תלין — 109
פּיבער — 110
שטייט אויף — 112
דערקענטעניש — 113
צייט פון אייביקייט — 114
ביים צלם — 116
האַלוצינאַציעס — 117
מיט די וואַס אַרבעטן — 118
מאַשינען — 119
איך בין פון בלוט אַ שמידער — 120
אין חושך — 121
ביי די טויערן — 122
צו מיינע הענט — 123
פּעגאַז — 124
לייז מיך אויס מיט לידער — 125
מאַן און ווייב — 126
ווידערקלאַנג — 127
שרויט — 128

דער נייער דור

אַ נייער ישוב — 129
ארץ ישראל — 130
דער פויער — 131
פון דעם נגב ביז צום שרון — 132
דער קליינער וואַלקן — 134
דער נייער דור — 136
דער קאַוואַל — 137
די הוירא — 138

זיידעס

זיידעס — 140
בלימעלעך — 142
צום זיכרון — 143
בלוט האַט באַשפּריצט אַלע גאַסן — 144
מיין מאַמע רבקה — 146
דער באַלעגאַלע — 147
קדיש — 149
רייד פון פרייד און טרויער — 150
צווישן שטילע ווערבעס — 151
אין הונגער — 152
אַנטקעגן פון מיין פענצטער — 153
מיין פעטער יאַנקל — 154
צו זיך אַליין — 155
אַ שטיקל ברויט — 156
מענטש און ייד — 157

זעונג

זעונג — 158
דער לויטערער קוואַל — 159
מזרח — 160
אַהאַספער — 161
משיח — 162
דאַס ליד פון פרידן — 164
צו עקדה — 165
פאַלק, מיין פאַלק — 167
מיר, וואַנדערער ציגיינער — 168
צו לייוויקן — 170
געדאַנקען־שרעק — 171
חבר געטרייער — 172

אַדלערס־סימבאַלן

אין אויפּברויז — 173
אין אַ יידישער שול — 174
ווינער וואַלץ — 175
אַדלערס — סימבאַלן — 176
הער, פּאַרטיליקער פון פעלקער 177
דער פויער — 179
נס פון זיג — 180
אַ פויגל — 181
טאַנצן — 182
פוילן — 183
תפילת אם — 184
באַנען — 186
די מערדער פון קעלץ — 187
געטאָ — 189
אין דער דאַזיקער נאַכט פון פסח 191
וואַרשע — 193
ירמיהו — 194

ראַדעם

צו מיין טאַטן — 195
ראַדעם — 196
טערקן — 198
מרדכי האַקע — 200
די חתונה — 202
יידן און ציגיינער — 204

זאַמלער

זאַמלער — 205
שטיי אויף — 206
פאַראַן אַזאַ איינער — 207
מאַשינען-געזאַנג — 208
אין טומל — 209
עלנטע — 210
אומרו — 211
גייסט פון אָרעמקייט — 213
דערלייזונג — 214
חבר, חבר — 215
דאָס ליד פון גיין — 216

נעוויאָרקיש

נעוויאָרק — 217
נאָסטאַלגיע — 218
גאַריבאַלדי — 219
עקסטאַזיס — 220
קאַפּע גאַרדען — 221
דיכטער — 222
די דאַמע פון בראָדוויי — 223
דער שמעלץ־טאָפּ — 224

אַזוי זענען דיכטער

אַזוי זענען דיכטער — 225
מיין האַרץ — 226
משה דוד — 227
זינג פּאַיאַץ — 228
די גוטע ברידער — 229
ביינאַכט אַזוי מיד — 231
אין אַ שענק־הויז — 232
אַ בריוו — 233
מיין לייב — 324
אונדזער קוואַל — 235

קליינע פּאָעמען

מאַרימבאַ — 237
מאַרטירער — 240
דער קוילן־טרעגער — 245
דאָן כואַן — 247
דאַניע סטאָליער — 250
מענדל — 253

דער היטער

דער היטער — 262

ביכער־אויסווייז — 291
פּרעסע־שטימען — 294

**
*

מיטן פריצייטיקן טויט פון אונדזער ליבן דיכטער משה דוד גיסער, האָט דער טשילענער ייִדישער ישוב פאַרלוירן איינעם פון די געציילטע, גייסטיק־שעפערישע כוחות, וואָס האָט מיט זיין פלאַמיקן וואָרט און יוגנט־לעכער באַגייסטערונג געוועקט און גערופן צו אַ שענערן, גייסטיק־העכערן ייִדישן לעבן.

פאַר זיינע לעצטע זיבעצן יאָר ווײַנען אין טשילע האָט ער שטענדיק געהאַט אין זיך דעם אומרו, וואָס מער צו בויען, וואָס מער צו שאַפן אין אונדזער קליינעם ישוב, אַז אונדזער ייִדיש קולטור־לעבן זאָל דאָ שלאָגן אַלץ טיפערע וואָרצלען.

אין דעם דאָזיקן פעריאָד האָט משה דוד גיסער פיל געשריבן און געשאַפן. ער איז פאַר אונדזערע אויגן פיל רייפער געוואָרן.

דעם איצטיקן באַנד לידער, וועלכן מיר ברענגען דאָ פאַרן ייִדישן לייענער, האָט מ. ד. גיסער, אַ צייט פאַר זיין קראַנק ווערן, צוגעגרייט צום דרוק מיט דער גאַנצער זאָרגפעלטיקייט און פּינטלעכקייט, ווי דאָס איז געווען זיין שטייגער, און איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע פּעקל מאַנוסקריפּטן אויסגע־סדרט דורך אים אַליין, ביז ער איז זיך געגאַנגען אָפּערירן, און מער שוין קיין געזונטער זיך נישט אויפגעהויבן.

דאָס איז, קען מען זאָגן, זיין לעצטע ליטעראַרישע ירושה.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז צום ערשטן יאָרטאָג נאָך זיין פּריצייטיקן טויט — 19טער אַפּריל 1953 — מוז דער טשילענער ייִדישער ישוב דער־פילן זיין פליכט לגבי זיין דיכטער, מ. ד. גיסער, אַז זיינע לעצטע דיכטע־רישע שאַפונגען זאָלן באַקאַנט ווערן פאַרן ייִדישן לייענער אין דער גאַרער ייִדישער וועלט.

די דאָזיקע איניציאַטיוו האָט גענומען אויף זיך דער „פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין טשילע״, פון וועלכן מ. ד. גיסער איז געווען איינער פון זיינע גרינדער און וואָס איז די לעצטע צען יאָר געווען זיין פּאַקטישע גייסטיקע היים. אונדזער איניציאַטיוו האָט געפונען דעם וואַרימסטן אָפּרוף ביי אַלע היגע וויכטיקסטע אינסטיטוציעס און ביי אונדזער ישוב בכלל.

די פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס זענען די, וועלכע האָבן געבילדעט דעם געזעלשאַפטלעכן „גיסער־בוך־קאָמיטעט״, ווו צוזאַמען מיט אַ גאַנצער רייע יחידים האָבן זיי געשאַפן די נויטיקע מיטלען, אַז דאָס דאָזיקע בוך זאָל קענען דערשיינען:

רעפּרעזענטאַטיווער קאָמיטעט; ציוניסטישע פעדעראַציע; פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן; „סירקולאָ איזראַעליטאַ״; חברה קדישא; „בני ישראל״, „ווי־צאָ״; ועד החינוך; ביקור־חולים; בוקאָווינער פאַראיין; פועלי ציון; פּיאָנערן פרויען; קולטור־צענטער שלום עליכם; שרייבער־קרייז.

דער אויספיר־קאָמיטעט באַשטייט פון די פאָלגנדיקע פריינד:

ישראל פאָלאַק — פאָרזיצער

אלתר קריגער — וויצע־פאָרזיצער

שלמה באַכראַך — סעקרעטאַר

ד״ר יונה אַלטערהאַנד — פּראָ־סעקרעטאַר

יעקב מאַנדערער — קאַסיר

ירוחם ראַפּאַלאָווסקי, יעקב פּילאָווסקי, מאַריאַ טראַקינסקי, אלישבע ראַבינאָוויטש, אַלעכאַנדראַ מעליכזאָן, בערנאַרד אושער, פּעדראָ ברויט־מאַן, יונה אַבאַדאָווסקי, נח וויטאַל, משה צימערמאַן, עדואַרדאָ פּלאַטאַו, ביניש פּילאָווסקי — מיטגלידער פון קאָמיטעט.

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר באַדאַנקען דעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום״ פאַר זיינע לייסטונגען, אַז דאָס דאָזיקע בוך זאָל דערשיינען אין דער געהעריקער צייט און עסטעטישער שיינקייט, מיטווירקנדיק אַזוי אַרום, אַז אונדזער ייִדישע פּאָעזיע זאָל באַרייכערט ווערן מיט אַ וויכטיק בוך לידער און פּאָעמען.

געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט פאַר דער
באַערונג פונעם דיכטער מ. ד. גיסער

סאַנטיאַגאָ, טשילע, מערץ 1953

משה דוד גיסער

(1952—1893)

משה דוד גיסער איז געבוירן געוואָרן אין דער פּויליש־ייִדישער שטאָט ראָדעם אין יאָר 1893. זיין פאָטער איז געווען אַ מעשנגיסער. דער דיכטער שילדערט זיין אָפּשטאַם אָט אַזוי:

...פון פראַנקפורט אַם־מיין
מיט דורות צוריק
איז אונדזערס אַ זיידע
קיין פוילן געגאַנגען,
מיט ווייב און קינד,
— אַ גאַנצע פאַבריק
מיט טיגלען און דריי־בענק,
מיט האַמערס אין די בוידן.

...באַזעצט זיך, געגאָסן
פון קופּער און בראַנדז
מנורות און לייכטערס,
ראָזעטעס און קנעפּ,
און קליאַמקעס צו טירן.

גאָר פרי האָט משה דוד געמוזט צוהעלפן דעם טאַטן ביים טיגל און צעשמעלצן מעטאַל. אין דער שטוב האָט געהערשט גרויע נויט. דער דיכטער קערט גאָר אָפט צוריק צו דער טעמע פון הונגער און דלות, וואָס לייגן אַ חותם אויף זיין שפּעטערדיקן שאַפן.

שפּעטער האָט ער געוווינט אין שטעטל קאָנסק, אין וואַרשע, לאָדזש. אומעטום געהונגערט, געאַרבעט שווער ביי וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. געווען אַ פאַרחלומט בחורל. אַ דורשטיקער נאָך לערנען און וויסן, האָט ער זיך מיט מי אויסגעלערנט לייענען און שרייבן פון די גאַסן־שילדן און פון שטיקלעך צייטונגען.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער יונגער משה־דוד זיך פאַרשריבן צו אַרבעט און אַוועק מיט אַ פּאַרטיע אַרבעטער קיין דייטש־

לאַנד. אין קאַלך, די פאַרשטאָט פון קעלן, אַרבעט ער ווי אַן אייזנטאָקער אין די מעטאַלורגישע וואַרשטאַטן פון דער פירמע הומבאָלד.

זיין ערשט ליד א"ב „מעפיסטאָפעלעס רוף" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זשורנאַל „יידישער אַרבעטער", וואָס איז דערשינען אין ווין. די פּאָעמע „דער יאַריד" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „רינגען" אונטער דער רעדאַקציע פון אַלטער קאַציזנע און מ. ווייכערט.

קיין אַרגענטינע איז גיסער אָנגעקומען אין יאָר 1924, מיט אַ היפשן פּאַק נאָך נישט־געדרוקטע כתבים און פולן שאַפונגס־דראַנג. אָבער אויך דאָ האָט אים ס'לעבן נישט אָקעגנגעשמייכלט. ער האָט געמוזט ביטער קעמפן פאַר זיין חיונה. פון דער ליטעראַטור איז נישט געווען קיין מעג־לעכקייט מפרנס צו זיין פרוי און פיצעלעך קינדער. ער האָט אָבער פאָרט געשאַפן און זיין ליד איז געווען דורכגעמישט מיט ביטערניש, פאַרדרוס און אַנטוישונג.

אין יאָר 1933 וואַנדערט ער אויס קיין טשילע, רעדאַגירט דאָרטן צוזאַמען מיט נח וויטאַלן די מאָנאַטשריפט „זיד־אַמעריקע" און אונטער דער אייגענער רעדאַקציע — „פּאַסיפיק".

נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון 12 יאָר פון אַרגענטינע קומט משה דוד אין יאָר 1945 קיין בוענאָס־איירעס, וואָס האָט אים געמאַכט פאַרגעסן די פריערדיקע תרעומותן. די חברים־שרייבער און פריינד נעמען אים אויף מיט וואַרעמקייט.

ער שאַפט כסדר. עס דערשיינט יעדע פאָר יאָר אַ נייע זאַמלונג פון זיינע לידער און פּאָעמען. משה דוד גיסער טראָגט זיך אַרום מיט נייע שעפערישע פּלענער. אין יאָר 1950 באַזוכט ער ניו־יאָרק, ווערט דאָרט וואַרעם אויפגענומען; אָבער זיין שטרעבונג איז עולה צו זיין מיט זיין פאַ־מיליע קיין מדינת ישראל. ער קומט צוריק קיין סאַנטיאַגאָ דע טשילע, ווו די שווערע קראַנקהייט צעשטערט אָבער אַלע זיינע פּלענער.

משה דוד גיסער מוז אָפּערירט ווערן. ער האָט זיך שוין, ליידער, מער נישט אומגעקערט צום לעבן.

דעם 19טן אַפּריל 1952 איז ער, קוים 59 יאָר אַלט, אַוועק אין דער אייביקייט.

***

משה דוד גיסער איז געשטאָרבן אין דער סאַמער מיט פון זיין רייפער שאַפערישער עלטער. זיין ליטעראַרישע ירושה איז אַ ווערטיקע און באַ־שטייט פון זיינע זעקס לידער־ביכער און פון אַ צאָל נישט־געדרוקטע כתבים, וואָס קומען אַריין אין דאָזיקן נייעם בוך. דאָס איז דאָס זיבעטע ווערק פון גיסערס פּרוכפּערדיקער שעפערישקייט.

גיסער כאַראַקטעריזירט זיך אַליין אין זיין ליד:

כאָטש מיין פערז איז לייכט און צאַרט,\
(צו וואָס פאַרלייקענען די וואָר?)

איז אויסגעשמידט, אַן רחמים, האַרט
דער לעבנס־לויף פון מײַנע יאָר.

גיסערס לעבן פאַר זײַן טשילענער תקופה איז באמת געווען אַ שווערס, מסתמא אָבער נישט קיין ערגערס ווי פון די אַלע, וואָס מאַכן דעם דיכטער־באַרוף פאַר זייער פּרנסה־קוואַל.

משה דודן, דעם צאַרטן געמיטלעכן געפּילפּולן מענטשן, האָט געאַרט געזאַנגען. זײַנע לידער וועגן הונגער און נויט זענען געווען סײַ אינדיווידו־עלער, סײַ סאָציאַלער פּראָטעסט. דאָס זענען געווען דיכטערישע תרעומותן קעגן דעם, וואָס די אכזריותדיקע ווירקלעכקייט באַעוולהט דעם דיכטער און לאָזט אים נישט זינגען וועגן שיינקייט און שטערט צו שפּינען און וועבן זײַנע וווּנדער־חלומות.

אַן אָפּשטאַמיקער פון דורות־מעשׂנגיסערס, איז משה דוד נישט גע־בליבן בײַ דער פּראָפעסיע פון גיסן שבת־לײַכטערס; ער איז נישט געבליבן בײַ דער דריי־באַנק, בײַם פיל־פאַרביקן שמעלץ־פלאַם, בײַם האַמער און טיגל, בײַ דער מעטאַל־גיסעריי, — ער האָט ליבער אויסגעקליבן די דערנערדיקע וועגן פון זײַן בלויז דיכטער בײַ ייִדן, זײַן גורלדיקע באַ־שערטקייט, זײַן נחת אויף דעם וועג פול מיט אַנטוישונגען און ביטערן געראַנגל.

די בוענאָס־איירעסער גאַסן זענען פאַרן פּאָעט געווען גרויזאַמע לאַ־בירינטן; ער האָט נישט געהאַט קיין צײַט צו קוקן אַרויף צו די בלויע ליכטיקע אַרגענטינער הימלען, ער האָט נישט געקענט געניסן פון דער רחבות, פון דער שפע פון דער נײַער אַרגענטינער היים — גאָרנישט האָט צו אים גערעדט מיט דער צוזאָגנדיקער שפּראַך פון אַ האָפענונגפולער צוקונפט, פון אַן אַרויפאַרבעטן זיך — דער חלום פון יעדן פריש־אַרײַנ־געקומענעם אין לאַנד. פאַר אים איז געשטאַנען די פּערספּעקטיוו פון נויט, פון גלײַכגילט מצד דער סביבה, וואָס, ווי געוויינלעך, האָט געקוקט אויפן דיכטער, ווי אויף אַלע מענטשן פון גייסטיקן שטאַנד, מיט גרינג־שאַצונג, וואָס ער טראָגט זיך אַרום מיט אַזאַ נישט־געהויבענער סחורה ווי לידער־ביכלעך, בעת זיי זענען גאָר פאַרנומען מיט אָפּזעצן אַ ממשות־דיקערע סחורה, פון וועלכער מ'קען קומען צו אַ תכלית, אַרויפאַרבעטן זיך. זײַן האַרץ־ווייטיק האָט זיך אויסגעדריקט אין די פאַרביטערטע פערזן:

פאַראַן אַזאַ איינער בײַ אונדז אינעם לאַנד,
מאַכט מען זײַן נאָמען צו שפּאָט און צו שאַנד.
...און ער איז דער איינציקער דאָ אויף דער שטעל,
וואָס צאָלט פאַר דעם אמת מיט בלוט פון זײַן פעל.

אָבער משה־דוד גיסער זאָגט דעמאָלט טראָציק:

אָ, האַרץ מײַנס, מיר דוכט זיך, אַז וועסט ווי אַ שײַטער
אַליין זיך אין חושך צעצינדן.

משה דוד דער בטחון־פולער פוילישער ייִד, אַ זון פון נגינה־ליבנדיקע מאָשיאָנזשניקעס, דער חדווהדיקער און אויפגעלייגטער ראָדעמער, האָט זיך אויך באַטראַכט ווי

...נאָך אַ רינגעץ־שליסער
אין דער קייט פון לאַנגע דורות,
טאַטע פסח, מעשנגיסער,
כשוף־פיילער פון מנורות.

געזאַנג האָט געקוואָלן פון אַלע פיבערן פון זיין מהות, אַ געזאַנג אָן אומגעצוימטעס. ס'איז געווען ביי אים אַ ריינער לויטערער קוואַל פון מעכטיקער שעפערישקייט. אין זיין בוענאָס־איירעסער גרויער צייט האָט ער באַלויכטן זיין געפייניקט געמיט מיט די שענסטע לידער זיינע. ווי שנירלעך פערל האָט ער אויפגעשנירלט ווערטער צעזונגענע ווי פערל, ווי איידלשטיינער אויף אַ האַלדזבאַנד און מיט זיין דריבנענקער שריפט זיי פאַרשריבן אויף שמאָלע לאַנגע בלעטלעך.

**
*

משה דוד גיסערן האָב איך באַגעגנט צום ערשטן מאָל סוף צוואַנציקער יאָרן אויף ענטרע־ריאָסער ערד, ווו איך האָב דעמאָלט געהאַט מיין היים אין דער קאָלאָניע נומער 1.

געדענק איך, ווי ער איז אַ צעשמייכלטער, — ער האָט געהאַט אַזאַ פּאָר אייביק־לאַכנדיקע אויגן — פול מיט הנאה און התפעלות מיר נאָכגעגאַנגען איבער מיין ווירטשאַפט, צו מיינע עופות־שטאַלן, מיינע תבואה־שפּייכלערס, צו מיינע מאַשינען. און מיר האָבן זיך געלאָזט איבער מיינע הונדערט העקטאַר פריש־אויפגעאַקערטע פעלדער, וואָס די בראָנעס האָבן צוגעגרייט צום פאַרזיי.

און אין אָוונט האָבן מיר שפּאַצירט איבער דער ברייטער קאָלאָניע־גאַס, אַ באַגאָסענע מיט לבנה־ליכט. פון יעטוועדן פענצטערל האָבן פייערלעך אַרויסגעפינקלט, דערציילט פון אַ פולער לעבעדיקער קאָלאָניע, פון נייע פונדאַמענטן פאַר נייע הייזקעס און איבער זיי ווי אַ קרוין די וואַסער־מילן.

אַ פרייד איז אויפגעגאַנגען אין דיכטערס געמיט. ער האָט אין די פּאָר טעג פאַרגעסן אַלע זיינע דאגות. זיינע אויגן האָבן אומאויפהערלעך געשמייכלט, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען עפּעס באַזונדערע אומאָפּהענגיקע וועזנס.

שכנים פון דער קאָלאָניע, גאַנצע הויזגעזינטן, זענען געקומען זיך באַקענען מיטן גאַסט פון בוענאָס־איירעס, דער וואָס פאַרפאַסט לידער.

דער טיש איז געווען פול מיט כיבוד: די „מאַטע" איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. משה דוד האָט אינגאַנצן געשטראַלט. ער האָט ליב געהאַט צו זיין צווישן פאָלק. די שכינה האָט אויף אים גערוט. ער פלעגט דאַן

זיך צעזינגען. ער האָט געהאַט אַ באַהאַרצטן פֿאַלצעט און פּלוצלינג אָנגעהויבן אימפּראָוויזירן:

דו ביסט מיין, איך בין דיין,
שטענדיק וועסטו מיינע זיין,
העי, העי, איידעלע,
פון דעם דאָרף מיין מיידעלע!

דאָס איז ער געווען אינספּירירט פון דער אָנוועזנהייט פון אַ פּאָר יוסטע קאָלאָניסטישע טעכטער און געשאַפן דאָס לידל אויף דער קאַנווע פון העברעישן ליבע־לידל:

שימי ידיך בתוך ידי
אני שלך ואת שלי...

גיסער איז דעמאָלט געווען אין זיין סטיכיע, אַ פאָלקס־טרובאַדור, עס האָט בלויז געפעלט די גיטאַרע. די לאַכעדיקע אויגן האָבן באַגלייט דאָס פאַלצעט־שטימעלע און כסדר אימפּראָוויזירט סטראָפע נאָך סטראָפע מיטן רעפריין:

העי, העי, איידעלע,
פון דעם דאָרף מיין מיידעלע.

דאָס האָט ער געזונגען אַזאַ געזאַנג צום ייִדישן דאָרף. שכנים זענען געשטאַנען אַרום די פענצטער און הנאה געהאַט. זיך צעזונגען איבער דער קאָלאָניע נומער 1, ביזן ערשטן האָן־געקריי, ווען אין די שטאַלן האָבן שוין אָנגעהויבן קלימפּערן די עמערס פון די מעלקערס.

***

מיר זענען געוואָרן חברים. תמיד געדענק איך גיסערן מיט זיינע ברייטע אָפענע צעשמייכלטע אויגן. דוכט זיך, פרעמדע זענען אים די טועכצן פון דער וועלט, פון דעם הו־האַ פון מסחר און פּרנסה. ער איז געווען דיכטער מיט אַלע רמ״ח־אברים. דיכטער אַלע פיר און צוואַנציק שעה פון מעת־לעת, אַריינגעטון בלויז אין זיין שאַפונגס־וועלט.

עס פלעגט טרעפן צו גיין מיט משה־דודן איבער בוענאָס־איירעסער גאַסן פול מיט געשעפטן, אָבער ער האָט גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט. זיין געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיט איין זאַך — מיט זיין ליד. ער האָט אַפילו נישט פאַרנומען דאָס, וואָס מ׳רעדט צו אים. ער פלעגט מיר אַזוי־אָ אין סאַמע מיטן גאַס, אין דער פּראָזאַיִש־געשעפטלעכער אַזקורענאַגאַ־גאַס, אַזוי מיר־נישט דיר־נישט אָנהויבן צו סקאַנדירן סטראָפעס גאַנצע פון זיינס אַ ליד אָדער גאָר אַ נייעסטער פּאָעמע, וואָס ער האָט אָקאָרשט אַרויפגעבראַכט אויפן פּאַפּיר מיט זיין דריבנינקער געציקלטער שריפט. און דערביי אַליין אַ פרעג טון אַזוי כלאחר־יד: „ביסט אַ מבין

אויפן ריטם, אויף די פערזן? האַ, פערזן!" — האָט משה־דוד זיך פּאַסמאַקעוועט מיט די אייגענע פערזן, פּונקט ווי אַ מייסטער־קיכער זאָל פאַרזוכן זיינס אַ נייַ ספּעציעל מאכל, אויף וועלכן ער איז שטאַרק שטאָלץ.

***

די בוענאָס־איירעסער נויט און דאָס פעלן פון באַציִונג האָבן משה־דודן געצוווּנגען נאָך צען יאָר ווײַנען אין אַרגענטינע דאָס לאַנד צו פאַרלאָזן. ער האָט עס געטון מיט גרויס האַרץ־ווייטיק, ער האָט ליב געהאַט אַרגענטינע, זי באַזונגען אין אַ סך פון זיינע לידער.

דער דיכטער האָט אַריבערגעשפּרייזט די אַנדן און אויפגעשטעלט אַ נייע היים אין סאַנטיאַגאָ דע טשילע, ווו ער האָט געמוזט ערנסט טראַכטן וועגן דעם טאָג־טעגלעכן שטיקל ברויט.

למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן: משה דוד איז נישט געווען קיין צעכראַסטעטער פּאָעט, אַ באָהעמיען, וואָס האָט געהאַט אין זינען נאָר זיין עגאָ. משה דוד איז געווען אַ גוטער חבר, אַ צאַרט־ליבנדיקער משפּחה־מאַן, זיין פרוי און קינדער האָט ער זיך אָפּגעגעבן בלב ונפש. און סאַנטיאַגאָ דע טשילע האָט אים געגעבן אַ ביסל מנוחה און מעגלעכקייטן צו שאַפן — די ממשותדיקע פּרנסה: די קליינע געשעפטס־דרוקעריי. די היים פון די גיסערס איז געווען אַ צענטער פון גאַסטפריינטלעכקייט פאַר אַלע באַזוכער.

זיין קוואַל פון שאַפן האָט זיך אין סאַנטיאַגאָ דער שיינער נישט אָפּגעשטעלט: אדרבה, ער איז געפלאָסן אימפּעטדיקער, לויטערער. ער האָט זיך דאָ אָנגעהויבן צו באַטראַכטן ווי דער דיכטער פון לידער און לענדער; דער דיכטער פון אַרגענטינער און טשילענער ייִדן. זיין טעמאַטיק איז באַרייכערט געוואָרן מיט די טשילענער מאָטיוון און פון פּערספּעקטיוו האָט ער בעסער און קלאָרער געזען אַרגענטינע. דאָס איז געווען זיין שעפערישסטע תקופה. דאָ האָט ער געשאַפן זיין ציקל לידער „דער נייער דור", וואָס קומען אַריין אין דעם בוך; דאָ האָט ער געשליפן און ציזעלירט זיינע ביזגאָר פיינע לידער פאַר קינדער, — ער איז געווען איינער פון די בעסטע שרייבער פאַר קינדער; — דאָ האָט ער געגעבן זיין בייַשטייער צום ייִדישן טרויער און צער אין די יאָרן פון אומקום. דאָ האָט ער געשאַפן זיין פּאָעמע „יוליוס און מאַרי" (1905). דאָ האָט ער אָנגעהויבן צו וועבן זיין נישט־פאַרענדיקט ווערק „דער היטער", וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין דעם דאָזיקן באַנד.

משה דוד גיסער איז אין טשילע געוואָרן עפּישער, רויִקער, זיך אַרויפגעאַרבעט צו אַ גייסטיקער עשירות. און אין סך־הכל האָבן מיר אַ דיכטער אַ פּשטן, וואָס האָט געשאַפן אין טאָן פון פאָלקסליד: די ווערטער פּשוטע, די מעטאַפאָרן נישט צופיל אויסגעזוכטע, פּרעטענציעזע, דער גראַם אַ דירעקטער, ווי ביי די פאָלקס־זינגער, ביי וועמען די אינספּיראַציע

איז אַ ספּאָנטאַנע פון דעם מין: לאָמיר שאַפן, לאָמיר זינגען אַ זמרל, וואָרט, ריטם און ניגון האַרמאָניזירן.

פון משה דודן ווייעט נאָך אַלץ אַזוי פּשוט־רייזינש, הייניש, אַזוי איינפאַך טרובאַדוריש. זאָגט גיסער וועגן זיין אופן שרייבן:

> כ׳האָב ליב דעם ווייסן ווילדן פּערז, וואָס האָט אויף זיך קיין צוים נישט,
> און ליבער האָב איך נאָך דאָס ליד, וואָס גייט אין טאַקט געמאָסטן,
> כ׳האָב ליב דאָס פּשוטקייט פון וואָרט, וואָס טראָגט אין זיך קיין שוים נישט,
> און ס׳קומט מיט ערלעכן געזאַנג צום האַרץ פון פאָלק דעם פּראָסטן.

משה דודס געזאַנג איז כולו האַרציקייט, כולו קינדישע תמימות, גוטסקייט, ברויט־פּראָסט, דורכזיכטיק, הימליש־בלוי און דערפאַר לייגען זיך זיינע בעסטע לידער ווי מוזיקאַלישע שאַפונגען. אויף גיסערס לידער האָבן זיך געפונען אַזוי פיל בעלנים־קאָמפּאָזיטאָרן אַרומצוקרוינען זיי מיט טענער.

און ס׳גלויבט זיך עפּעס נישט, אַז: שוין, אָפּגעהאַקט איז דער אימפּעטיקער שטראָם פון זיין ליכטיק געזאַנג, אַז שוין זענען פאַרשלאָסן אויף אייביק די שמייכלדיקע אויגן פול מיט ליבשאַפט, די אויגן, וואָס האָבן ווי געטראָגן אין זיך דעם חידוש, וואָס הייסט לעבן.

> ס׳איז אַ שאָד וואָס:
> דער מאַן וואָס צינדט אָן פייערן,
> דער מאַן איז מער נישטאָ,
> און נישט זיין שפּאַן מאַכט ציטערן
> די ערב אָוונט־שעה.

און ס׳איז אַ שאָד וואָס:

> דער מאַן וואָס צינדט אָן פייערן,
> ער ברענגט נישט מער ס׳געשאַנק,
> די בשורה פון זיין ליכטיקייט
> אין אויפשיין פון געזאַנג.

און דער מאַן האָט געהייסן משה דוד גיסער און איז פאַרשניטן געוואָרן אין סאַמע מיט פון זיין רייפסטער שעפערישקייט.

פּנחס ביזבערג

בוענאָס־איירעס, אַפּריל 1953.



משה דוד גיסער

רויע קראפט

דאָס וואָרט

קום, וואָרט — פאַרקערפּערונג,
די װוּנדער דײַנע װײַזן.
דײַן שווּנג — איז העלער בליץ,
דײַן טאָט איז שטאָל און אײַזן,
און איך בין אויסטערליש
אין אַלע מײַנע גרײַזן.

טו אָן דײַן דערנער־קרוין
אויף מײַן געװעלבטן שטערן,
איך װיל פאַרהערלעכט זײַן
און מײַן פאַרפײַניקט װערן.
מײַן װעג פון אײביקייט
איז פול מיט בלוט און טרערן.

אַהאָ! װי ס׳זינגען דאָס
אַלע מײַנע בײנער
דאָס ליד פון שטרויכלונגען
אין קלעם פון שאַרפע שטײנער,
דאָס װוּנדערבאַרע ליד —
דו ביסט פון טויזנט אײנער!

און אויבן פון טויזנטער
דײַן וואָרט האָט מיך דערהויבן,
קום, וואָרט, — פאַרקערפּערונג —
און ציַנד מיך אָן מיט גלויבן,
און כ׳וועל פאַר טויזנטער
דערלײַזן דיך און לויבן.

פרילינג

פרילינג אויף האַרט־ערד,
פרילינג אויף שטיינער,
פרייד פון דערוואַרטונג,
זאַפט אין די ביינער
טריפן די הימלען מיט בלויקייט־חלומות
און לויטער געשליפן, פאַרפרילינגט דער רוים איז.

זינגען די הייזער און גאַסן מיט פרילינג
און ווינטלעך, און שטראַלן מיט שאַטנס זיך שפּילן,
און גרין־גראָז באַווייזט זיך מיט יוגנט פון שפּראָצן
דורך שטיינערנע שפּאַלטן; אויף ווענט און אויף דעכער
און שויבן צעשטוינטע מיט שפּיגל־שיין גלאָצן
אויף צויבער פון פרילינג, וואָס האָט אינעם עכאָ —
צעקלונגען,
צעזונגען
דאָס וווּנדער פון בליִען,
דעם אָנזאָג פון וואַקסן אויף שטיינערנעם באָדן.
און וווּ נאָר אַ בוים איז פאַרווינקלט, פאַרוואָרפן,
שטייט ער און פרייט זיך מיט בלעטער באַלאָדן.
און וווּ נאָר אַ טורעם, און וווּ נאָר אַ קוימען,
גליט ער און פינקלט מיט שטאָלץ אין די רוימען.
און סקווערן, און ביימער, און שינעס, און דראָטן, —
אַלץ שפּילט זיך און וויגט זיך אין ליכט און אין שאָטן,
אַלץ יובלט מיט פריידן פון מענטשן־געווימל.
פרילינג און פרילינג אויף ערד און אויף הימל.

סאַלאַמאַנדרע

אין די פייערן העל־ראַשיקע און בראַנדיקע,
וואָס שמעלצן טאָג און נאַכט די לאַוועס גלוט, די פליסיקע,
לעבט אין זיכערקייט די דרייסטע סאַלאַמאַנדרע,
אין שווינדל־פאַרביקייט אַ טויזנט־טויזנט פיסיקע.

זי שפּייזט מיט פלאַמען זיך, אַ ברויזיקע און גליאיקע,
און שפּרינגט אין פלאַקער אום אַ ווילדע טיגער־לוסטיקע,
און ביי די פייערן — האַרב שטייען מענטשן מיאיקע
דאַר־צעביינערטע, באַוואַקסענע און ברוסטיקע.

און היטן הייליק זי, מיט אויגן טיף־פאַרקאַפּעטע
אין פּנים פינצטערן — דעם הונגער־שוואַרץ און קנאַכיקן,
און הויבן שטומע אויף אַ שוואַרצע בלינדע לאַפּעטע,
און שיבן איין אין בראַנד דעם בייזן און דעם קאַכיקן.

ביז ס׳נעמט דער רויטער פלאַם די קוילן שוואַרץ צעאַקערן,
און זעצט מיט רויכן אויס נעפּלדיק און בלייערן.
באַלד נעמען יום-טובדיק די שוואַרצע לייבער פלאַקערן
אויף סאַלאַמאַנדרעס קנעכט — אין שפּילעוודיקע פייערן.

**
*

אַ מענטש איז אויפגעשטאַנען שטרענג און דרייסט — אַ נייער,
נישט פון פלייש און בלוט — אַ מענטש פון פלאַם און פייער.

אים האַלט קיין זאַך נישט אָפּ, ער ווייס זיין וועג אויף זיכער.
מיט אויפברויז פון געשאַל, ער טראָגט זיך, ווי אַ וויכער.

ער שטורעמט אויף די טאָלן און די בערג צעשיט ער,
אַ מענטש, וואָס זיין דערשיינען איז אויפשטאַנד און געוויטער.

דער היישעריק זינגט

ער קומט, ער ציט, דער היישעריק, עס רוישן זיינע פליגל.
דער קערפער—ברוין־געפּאַנצערטער, די פיסלעך—רויט און שפּרינגענדיק.
אַלץ פינצטערער, געדיכטער, פאַרשטעלט די זון, די וועגן...
צום קאַמף, אַ גרייט־באַוואָפנטער, מיט בייסערס און מיט זעגן.

— ווו ביסטו מענטש!
ער זשומט
און ברומט:
עס וועט דיך נישט פאַרמיידן!
איך בין דער היישעריק און קום דיין תבואה שנײַדן!
מיין פאָלק איז זיגרייך איצט און הונגעריק צום פרעסן...
אויף דיינע שפּיכלערס, פעלד, אויף דיינע זאַטע פליינען,
מיט שטורעם־אָנגעיאָג, מיר לאַגערן מעת־לעתן —
און גאָרנישט וועט דיר העלפן, נישט שרייען און נישט וויינען,
און וויפל זאָלסט נישט אונדז אויף פראַך, אויף שטויב צערייבן,
מיר וועלן טויזנטער און מערער נאָך אַלץ בלייבן.

געקומען מוטיק, דרייסט, אויף ביימער זיך צעשאָטן.
נישטאָ פאַר אונדז קיין שרעק, קיין „טאָר נישט" און „פאַרבאָטן".
די צווייגן — נאַקעט, לער, קיין שאָטן נישט צו וואַרפן;
און מיר די ציינער־פּיס — מיר שאַרפן אַלץ און שאַרפן.
אָ, זע! ווי ס'פליִען ווילד צום הימל אונדזערע „שאַרן"!
מיר זענען דרייסט גענוג און ס'טוט אונדז גאָרנישט אַרן.
געקומען — איז געקומען! איינמאָל לעבט מען, שטאַרבט מען;
און וואָס מען וויל — דאָס פרעסט מען, און וואָס מען וויל—פאַרדאַרבט מען.
אונדז זענען שוין די וועלדער ענג און מיאוס געוואָרן,
און דאָ איז פריי און פריילעך פאַר אונדזער לוסט און צאָרן.
אָט וועל־מיר זיך אַ שפּיל טון און עפּעס נאָך פאַרזייען;
אַ דור מיט יונגע „שפּרינגערס", וואָס וועלן דיך נישט פרייען.

אָהאָ: דו מעגסט אונדז צינדן, די וועגן אונדז פֿאַרצוימען,
איצט לייג אַוועק די וויזיעס פון אַלע דיינע טרוימען.
אַז קומען — איז געקומען! טאָ לאָמיר זיך באַווייזן,
ווער פון אונדז איז שטאַרקער! אומזיסט דיין שטאָל און אייזן!
אַז וויפל זאָלסט נישט וועלן ראַנגלען זיך און ווערן —
מיר וועלן דיך מיט רוגזה פֿאַרניכטן און צעשטערן.

הונגער

ווען ס׳קומט דער הונגער אָן אויף פרוכטבאַרע מדינות,
ווערט געל, און דאַר, און וועלק אַ יעדער בלאַט, וואָס גרין איז.

די פעלדער שרומפּן איין און ס׳שפּרייט זיך אויס אַ צאָרן —
פון וויסט און טריקעניש, אויף גראָז, אויף בוים און דאָרן.

פאַרברענט דער ווייץ און גערשט, און אַלץ איז האַרט און טרוקן,
גלייך ס׳וואָלט די ערד געהאַט אַ שאַנד־פלעק אויף איר רוקן.

די טייכן דעמפּן אויס און ס׳בלייבט נאָך זיי אַ שימל,
וואָס גלאָצט מיט גרינער גאַל אַרויף צום בלויען הימל.

די דערפער ליגן טויט ביים שליאַך פון אַלע וועגן
און אַלץ צום הימל שרייט: נישטאָ, נישטאָ קיין רעגן!

עס שטייען אויסגעהוילט מיט אָפּגעשיילטע שטאַמען
דיביימער פרוכטלאָזע און ברעכן זיך צוזאַמען.

און ס׳לויפן אום די הינט מיט אויסגעדאַרטע פעלן,
פאַרלאָזענע אויף הפקר און וואָיען פאַר די שוועלן;

און כאַטקעס פויערשע, מיט שייערס און מיט שטאַלן,
ווערן לעכערדיק און בויגן זיך צו פאַלן.

און שטיינער שפּאַלטן זיך, און ס׳וואַרטן שוואַרצע ברונעמס
מיט עמערס טרוקענע, אין ליידיקע באַגינענס.

נישטאָ קיין מענטש אין דאָרף, ס׳איז קיינער נישט געבליבן,
ס׳האָט אַלעמען די שרעק פון נויט און טויט פאַרטריבן.

עס האָט די טריקעניש פאַרצערט אַלץ און צעפרעסן,
און ס׳ציִען זיך מגיפות — די שרעקלעכע מעת־לעתן.

געטער־שקיעה

עס צינדט זיך שוין שקיעה אויף קעפּ פון די געטער,
וואָס ברענען אין אָפּשיין פון זונען־פאַרגאַנג.
פאַר זיי איז נישטאָ מער קיין העלפער, קיין רעטער.
דער חושך פאַרשלינגט זיי און ס׳טוט אונדז נישט באַנג.

זיי שטאַרבן פון היצן און קעלטן צעפּרעסן,
און ווערן צעטראָגן אויף ווינט און אויף שטויב.
איצט וועלן זיי ווערן אויף אייביק פאַרגעסן,
און ס׳וועט זיי נישט קיינער שוין זינגען קיין לויב.

די געטער, זיי בלוטיקן רויט אין די שקיעות,
אין זונען־פאַרגאַנגען און הויערן שטום...
און ס׳פּרעפּלען די פּריסטער פאַר זיי אויף די קני׳עס,
און ס׳נעמט זיי דער טויטלעכער פּחד אַרום.

זיי קושן דעם שטויב פון די געטער־געשטאַלטן,
וואָס צייט האָט באַצויגן מיט שימל און ראָסט,
און ס׳העלפט נישט, זיי קאָנען מיט גאָרנישט פאַרהאַלטן
דעם טויט פון די געטער, וואָס שטאַרבן פאַרלאָזט.

עס צינדט זיך שוין שקיעה אויף קעפּ פון די געטער,
וואָס ברענען אין אָפּשיין פון זונען־פאַרגאַנג;
פאַר זיי איז נישטאָ מער קיין העלפער, קיין רעטער,
דער חושך פאַרשלינגט זיי און ס׳טוט אונדז נישט באַנג.

שטאָט

עס רוישט די שטאָט,
פון איר געברום
קיין שטיין,
קיין ציגל
בלייבט נישט שטום,
ווען ס׳קומט אויף איר מיט פלאַם דער טאָג,
ווען ס׳פאָרט אַרויס די זון —
אַ פייערדיקע ראָד,
אין לייצעס איינגעשפּאַנט
פון שטראַלנדיקער דראָט.

אין העלער בולטקייט צינדט די שטאָט זיך אָן
מיט פייער שפּיגלדיק אויף טוי פון יעדן דאַך
און ס׳זינגען די סירענעס, שאַרף,
מיט פייערלעכן טאָן:
אַ לויב דיר, שטאָט, צעוואַקסענע,
מיר רופן דיך:
זיי וואַך!
און ס׳פלעכטן שוין מיט שטראַלן זיך
שפּיכלערס און געמעכער,
און קוימענס קרענקלעכע —
שפּייען שוואַרצן סאַזש,
און ווילדע אויטאָס איילן זיך,
און ס׳ווערט דער לויף אַלץ פרעכער
אין מיט פון גאַסן, אָדערן,
ווו ס׳פליסט דאָס בלוט — קוראַזש...

אָ, זינגענדיקער,
ברומענדיקער
אויפברויז פון געווימל,
איינגעהילט אין בלויס

פון תכלתדיקן הימל,
מיט קעלערן, מיט בוידעמער,
מיט רעש, מיט פלאַם און רויך,
צו דיין צעוואַקסנקייט —
זינג איך שטאַרק און הויך!...

דער ריז

ביים ראָג פון גאַס עס שטייט אַ ריז,
און קוים ער האַלט זיך אויף די פיס,
און מורמלט שטיל די ווערטער פראָסט:
אָ, גאָט, וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט!

דאָס גאַסן־ליכט אויף שילדן שרייט,
און זיינע אויגן קוקן ווייט,
און זיין געשוואָלן שטיל געזיכט —
עס הייליקט זיך אין רויטן ליכט.

עס טראָגט זיך טומל, רעש, געשריי,
אַלץ דרענגט זיך פאַר זיין אויג פאַרביי,
דער ריזן־גוף, וואָס שטייט — אַ שטיין
ביים ראָג פון גאַס און קריצט די ציין.

אַ שוים זיך בלעזלט אויף זיין ליפּ,
ער גיט אַ שעפּטש, ער גיט אַ כליפּ
צום לעצטן מאָל די ווערטער פראָסט:
אָ, גאָט, וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט!...

ביינאַכט

(באַלאַדע)

אין פייכטער פינצטערניש, אויף שוועלן פון אַ מאַרמאָר־הויז
ליגט אַ זאַק מיט שמאַטעס און ס׳קוקט פון דאָרט אַרויס —

אַ געלער שאַרבן־קאָפּ, אַ מענטשלעכע געשטאַלט
און נעבן אים אַ הונט, אַ קרעציקער. — ס׳איז קאַלט.

עס זיפּט און שטעכט אַ רעגנדל מיט שאַרפע נאָדלען, דין;
און אַ לאָמפּ, אַ ווייטלעכער, וואַרפט פעדים ווי אַ שפּין

און וועבט זייביידן איין, פּאַרפּלאָנטערט זיי און בינדט
צוויי אָרעמע געשטאַלטן, און ס׳פּייפט און ס׳בלאָזט דער ווינט.

זיי טוליען זיך און וואַרעמען, זיי נעמען זיך אַרום
מיט הענט און פיס צונויפגעדריקט, אוןביידע זיפצן שטום.

זיי ציטערן און דרימלען איין מיט זעגנדיק געכראָפּ,
מיט פיס צו פיס, מיט בויך צו בויך, מיט קאָפּ צו קאָפּ.

די גאַס איז פול מיט ליידיקייט, די גאַס איז טויט און לער,
און איבער איר עס שפּרייט זיך אויס דער ווינטער־נעפּל שווער.

ער לייגט און טוט אויף הייזער אָן אַ בלינד און שווער געוואַנט,
אַז קיינער זאָל נישט זען, ווי ס׳שלאָפט אַ מענטש מיט הונט באַנאַנד.

נאָר ראַפּטום, ווילד עס שפּרינגט דער הונט פון אָרט אויף מיט געוויין
און נעמט פאַר גרויל אין פינצטערניש זיך יאָמערלעך פאַרגיין.

עס ליגט אין נאַכט דער שמאַטע-זאַק, אומהיימלעך, שרעקלעך שווער
און אונטער אים דער שאָטן־מענטש, ער רירט זיך שוין נישט מער.

די שוועלן זענען אייזיק־קאַלט, זיי זענען גליטשיק־נאַס,
און דאָס וואָיען פון דעם הונט שניידט דורך די טויטע גאַס.

און שלאָגט זיך אין געזימסן אָן מיט פינצטערניש באַפּאַרבט,
און ס׳בייסט דער הונט ביז בלוט די צונג, און גוססט אויך און שטאַרבט...

עלנטע הינט

עס איז אַזאַ ווייטיק אויף עלנטע הינט,
וואָס בלאָנקען אין גאַסן דורך רעגן און ווינט,

געטריבן פון הונגער, אין קעלט און אין נויט,
צו זוכן אויף מיסטן דאָס אָפּפאַל פון ברויט.

זיי לויפן און שוויגן, די קעפּ צו דער ערד —
גענויגט און געבויגן, קוים מען זעט, קוים מען הערט, —

ווי ס׳וויגט זיך אין חושך, ווי ס׳קומט אין געלויף
דער הינטישער עלנט פון הויף ביז צו הויף.

זיי בלייבן פאַר טירן און טויערן שטיין
און ווייזן דעם חושך די קלאָר־ווייסע ציין.

זיי פינטלען די אויגן מיט פלעמלעך פאַרדראָס,
נאָר אַלץ איז פאַרהעמערט אויף פרענט און אויף שלאָס.

און איבער זיי יאָמערט דער ווינט אָן גענאָד
און טרייבט זיי מיט אומעט אַרויס פון דער שטאָט.

און טרייבט זיי אויף וועגן און שטעגן פון ליים,
עס איז אַזאַ ווייטיק אויף הינט אָן אַ היים.

האַט איינער געזונגען

האַט איינער געזונגען פון טרויער,
האַט טרויער אויף אַלץ זיך צעגאָסן,
און שטיל האָבן מיידלעך פאַרטראַכט זיך,
מיט וויַעס די אויגן פאַרשלאָסן.

די מיידלעך, זיי ליבן דעם טרויער,
זיי וואַשן אים האַרציק מיט טרערן,
אומגליקלעך איז דער, וואָס ער ווייגט נישט,
ער איז אַ פאַרלאָשענער שטערן.

האַט איינער געזונגען פון פריידן,
האַט חדווה אויף אַלץ זיך צעגאָסן.
און העל האָבן קינדער געשמייכלט —
מיט ווילדע געלעכטערס געשאָסן.

די קינדער, זיי ליבן די פריידן,
זיי לאַכן פון האַרצן ביז טרערן.
אָ, גליקלעך איז דער, וואָס צעלאַכט זיך,
זיין לעבן איז פול מיט באַגערן.

האַט איינער געזונגען פון ווילן,
האַט ווילן אויף אַלץ זיך צעגאָסן.
און ס'האָבן זיך יונגען באַוואָפנט
מיט גבורה פון שטאַרקע קאָלאָסן.

די יונגען, זיי ליבן דעם ווילן,
זיי ברומען אים אויס ווי די בערן:
אָ, גליקלעך איז דער, וואָס פאַרמעסט זיך,
צו אים וועט דאָס לעבן געהערן.

שטרייק

דאָס האַרץ, עס שלאָגט —
נישט קיינער הערט עס שלאָגן;
עס גייט אַ מענטש אַליין
אין גרויקייט פון פאַרטאָגן.

ער טראָגט מיט זיך זיין ברויט,
זיין שטאָלצן מוט און טרויער
און צו אַ קוימען־האַלדז —
דעם קאָפּ הויבט ער קאַפּויער.

עס וויקלט זיך דער רויך,
אַ קנויליקער, געדיכטער.
עס שפּייט דער קוימען־ריז
מיט בלייערנע געוויכטער.

ער ציטערט אויף מיט רוף
פון אימהקע סירענען,
און פאַרקינדיקט שאַרף,
אַז אויוונס וועלן ברענען.

נאָר ס'איז אומזיסט דער גרויל,
דער רוף פון רויך און ס'שאַלן,
היינט קומט קיין איינער נישט
צום שמעלץ פון די מעטאַלן.

עס רופט, עס שרייט, עס מאָנט,
די לופט ווערט טויב פון ברומען.
דער מענטש פאַרגליווערט שטייט
און לאַכט מיט שפּאָט, מיט שטומען.

אין אונדזער צייט

דאָס איז די צייט די אייזערנע...
ניין!
די שטאָלערנע איז זי.
מיט דראָטן קופּערנע, ווי סטרונעס אָנגעצויגענע
אויף מויערן, אויף סלופּעס — אַ וווּנדערלעכע האַרף,
וואָס שפּילט עלעקטריש דאָס ליד פון אונדזער בלוט.

באַנען אונטער איר,
קוימענס — בליי און רויך,
רעלסן שטאָלערנע,
בריקן, שטאַנג און שטאַנג.
מאַרך,
בלוט און שווייס,
אין אויפשטייג פון איר שווונג —
זעט זי פינצטער אויס, די צייט, די נייע צייט...

און ווי חיילות איבער איר. די וואָלקנס —
שטאָל און בליי
און פולווער־פּול, מיט אומגעדולד שטייען די האַרמאַטן גרייט
מיט גומענס שטאָלערנע און אָפענע צו יעדער זייט געווענדט;
שטאָל, שטאָל, שטאָל!...

נאָר בלויז די שנייד־מאַשין,
זי ווייסט אַן אַנדער ליד צו זינגען אויפן פעלד:
ברויט וועט זיין,
זאָל זיין —
זאָל זיין דער מאַמע־ערד ווייליק איר געזאַנג,
אויף היינט, אויף מאָרגן און אויף יאָרן לאַנג.

רויע קראַפּט

עס ליגט אין אָפּגרונטן די רויע קראַפּט,
אין אָפּגרונטן פון ערדן טיף.
ווי ס׳ליגט אַ קינד אין מאַמעס בויך
צונויפגעקנוילט.
און ס׳וואַרט די וועלט, ווי ס׳וואַרט די פרוי,
מיט ציטערניש איר ערשטלינג אָן,
אַז קומען נענטער זאָל — דער ווייט־געגאַרטער טאָג,
די שעה פון ווייטיקן,
די שעה פון אָנשטרענגונג און פרייד,
די שעה פון ביטערן געוויין.
ווען ס׳פּלאַצט אַרויס מיט קראַפּט — דאָס לעבעדיקע גליק,
און נאַקעט, רויט, און הונגעריק
באַווייזט עס זיך צום ערשטן מאָל
מיט קינדישן געשריי...

נאָר ווי טון מוז ביז גאָר,
און אומפאַרמיידלעך איז דער ווייטיק פון געבורט,
ווען שלאָגן וועט באַשטימט
די אומבאַשטימטע צייט,
און פון דער טיפעניש וועט ציטערן דער אויפברויז פון דער ערד.
דאַן וועלן הימלען ווערן שוואַרץ,
און קופּער־רויט די זון.
און דורך אַ ווילדן שטורעם־ווינט וועט אָנזאָג זיין געהערט:
די רויע קראַפּט,
די הוילע קראַפּט,
פון טיפער טיפעניש — געבוירן ווערט...

זיבן פֿאַסטוכער

זיבן פֿאַסטוכער פֿאַרפֿינצטערטע, צעהויקערט און געבויגן,
און זיבן מידע טשערעדעס פֿון דאַרע שאָף און רינדער,
האָבן שטום פֿאַרחלשטע — צו אַ קוואַל געצויגן
דורך אַ טיפֿער וויסטעניש און דורך אַ נאַכט אַ בלינדער.

און יעדער פֿון די פֿאַסטוכער איז שטיל פֿאַר זיך געגאַנגען,
פֿירנדיק די סטאַדעס בלינד, מיט הינקענדיקע שפּרייזן,
און שפּאָטיש איז אויף יעדנס האַלדז אַ טאָרבע לער געהאָנגען,
און יעדער האָט פֿאַר זיך געטראַכט: אַ קוואַל זאָל זיך באַווייזן.

נאָר שטום און קלוג האָט ס׳וויסטע לאַנד באַשווינדלט זייער גלויבן,
און נישט קיין קוואַל געוויזן זיי צום שטילן דאָס באַגערן.
דאַן האָבן זיי די אויגן שוואַרץ צום הימל גאָטס דערהויבן,
און לאַנג געגישטערט, זוכנדיק — אַן ענטפֿער ביי די שטערן.

נאָר ס׳האָבן אויך די שטערן־ליכט מיט קאַלטן שיין געפֿינקלט,
און ס׳איז צו יעדנס מידע פּיס אַ שאָטן־פּאַס געפֿאַלן.
און פֿון דער מידברס וויסטעניש האָבן זיך צעשפּרינקלט
די העלע פֿייער־אייגעלעד פֿון בלוטיקע שאַקאַלן.

דאַן האָבן זיי, ווי קעמלען, זיך אין זאַמד געזעצט צום קניִען,
און יעדער האָט פֿאַר זיך אַליין צו גאָט אַ ליד געזונגען:
אָ, שטאַרקער גאָט! דיין חסד זאָל פֿאַר סטאַדעס בלינד זיך מיִען,
ווען ס׳וועט דאָס האַרטע מידבר־זאַמד די פֿאַסטוכער פֿאַרשלינגען.

דאָס איז דער מענטש

דאָס איז דער מענטש אין זיין געשטאַלט,
צו בענטשן אים איז נישט גענוג.
ער איז שוין טויזנט דורות אַלט
דאָס גרויסע קינד, וואָס האַלט זיך קלוג.

ער שפּאַנט, ער גייט וועלט־אויס, וועלט־איין
און זיינע אויגן פרעסן אַלץ.
און אויף די ווונדן פון זיין פיין
ער שיט מיט גאַנצע הויפנס זאַלץ.

און אומעטום, ווו ס׳קומט זיין שפּאַן,
מיט שטיינער האָגלט יעדעס אָרט.
עס איז קיין רו שוין נישט פאַראַן
דאָרט, ווו ס׳פּאַלט זיין מענלעך וואָרט.

ער טראָגט מיט זיך דעם עלטסטן שפּור
פון וויסטעניש, פון ווילדן וואַלד.
ער איז דאָס קינד פון טיפסטן אור,
אַ קינד פון טויזנט דורות אַלט.

אויפגאַנג

עס זינגט:
אַ לויב־ליד דער אינסטינקט
צו די מענטשלעכע —
די נאַקעטע געפילן.
דאָס ליד איז וואָרהאַפטיק
און ס׳טענט מיט פרייד און ס׳קלינגט
צו פרייע ווייטקייטן, ווו נאַכט מיט טאָג זיך שפּילן.
גענוג אין פינצטערניש פון שטום זיין, זיין באַהאַלטן!
איצט האַלט אַ נייער רוף אין אַלע חושים אָרט;
מיר װעלן װידער זיך געבערן און געשטאַלטן,
און פלאַם פון טאַט זאָל זיין אין יעדן שאַרף פון וואָרט.
מיר האָבן שטום און לאַנג
דורך דורות צער געליטן.
איצט שלאָגט די שעה שויז אויס
פון אייגענעם באַפריי:
מיר ווילן זיך, ווי מאָן,
אויף בתולה-ערד צעשיטן
און אומעטום זאָל פלאַקערן
דער אויפגאַנג פון געשריי:
— מיר, מיר הונדערטער,
מיר טויזנטער, מיליאָנען,
מיר, פילפאַך, מערער,
רעטעניש און סוד.
מיר וועלן אָנטון פרייד אויף בלוט פון רויטע פאָנען
און זינגען אונטער אונדז זאָל יעדער שפּאַן און טראָט.

ים־לידער

ביים פּאָרט

שטיל וויגן זיך די שיפן,
וואָס רוען ביי דעם פּאָרט,
אין שיין־פאַרבענקטן זילבערנעם פאַרנאַכט.

ס׳איז אומעטיק דאָס ליכט, וואָס דעמערט איבער זיי,
און אָוונט הילט זיי איין אין שווייגן פון אַ טרוים.

זיי שעפּטשען סודותדיק:
נישט קיינער וואָלט געגלויבט,
ווי דרייסט מיר טראָגן זיך,
מיט שטורעם און מיט ווינט,
צווישן וואַסערן, וואָלקנבברוך און ים.

אין אונדזער אינגעווייד טראָגן מיר די לאַסט
פון שווערע בענקשאַפטן, פון וואָגל און פאַרדרוס...
ווי שטרענג און האַרטנעקיק עס זאָל נישט זיין דער גרויל,
וואָס שטעלט זיך קעגן אונדז מיט ווידערשטאַנד אין וועג.
מיר, וואָס ברודערן מיט וווּנדערלעכן באַנד —
די ווייט צעריסענע —
ברעג מיט ברעג און לאַנד מיט לאַנד...

דאָס געבעט צום ים

דאָס אָפּפאַל פון נאַציאָנען, צוועלף,
דעם וויי־געשריי פון נויט און דלות,
טראָגסטו, ים, איצט אויף דיין שויס.
דו, ים, דו גרויסער, גוטער ים!
דו, וואָס שווענקסט די ברעגן פון אַ יעדן לאַנד,
אפשר, ווייסטו דאָך, אָ זאָג!
אַ ביסל רו פאַר מידע קעפּ?
און צי עס איז אַ קוואַל „פאַרגעבונג" ווו פאַראַן?
נישט איינעמס נאָז האָט בלוט שוין,
וואָרעם בלוט געשמעקט...
און הענט, וואָס האָבן קעפּ אַראָפּגעהאַקט,
און מענטשן, נע־ונדע, אָן אַ שעה פון גליק,
און אַלע טראָגסטו, ים, איצט אויף דיין שויס.
און אַלע, אַלע זענען איצט ביי דיר אין האַנט,
אָ, פיר זיי צו אַ גליקלעך לאַנד!
ים!
נישט צאָרן, ווען עס פורעמט דיך דער ווינט
און פאַלט ווי הייסע לאַסט אויף דיינע כוואַליעס שוים.
דאָס יאָמערט ער אויף אונדזער אַלעמס זינד,
און אויף דעם גרויסן צער, וואָס רוט אין יעדנס האַרץ,
און אויף דער ווילדער פרייד, וואָס טרייבט דעם צער אַוועק.
און ער הילט פאַר גרויל אין וואָלקנס גראָ זיך איין.
און וואַרפט זיך, ווי אַ גוסס, אויף דיין שוימיק בעט,
און דורך זיין ווילד געבריל ס'געבעט פון מענטשן רעדט:
אָ, ים!
דו, גרויסער ים, דו, גוטער ים!
פאַרמאַטערטע פון זינד און צער, גיבן מיר דעם גורל אין דיין האַנט,
און פיר אונדז צו אַ גליקלעך לאַנד!

די לעגענדע פון דערהאַלטונג

ווי אַן אַלטער רויבער־מיקלט שטייט דער אינדזל „סאַנקט־ווינצענטי״,
אָנגעגורט מיט שטיקער פּחד...
גלייכע, שיפּע בערגער־שטיקער טראָגן וואַלקנס אויף די שפּיצן,
און די עזותדיקע טאָלן ראַנגלען שטאָלץ זיך מיט די כוואַליעס.
נאַקעט הויערן די לעכער יעדן בייזן ווינט אַנטקעגן,
און עס שמעלצט די זון אַן אויפהער טאָג ביי טאָג די פעלדזן־פּלייצעס.
גלייך עס וואָלטן זיך די כוחות, זון און ים און ווינט פאַרייניקט —
אָפּצומעקן יעדן זכר פון דעם עזותדיקן אינדזל.
גדלותדיקע, ווי פון נעפּלען, הויבן אויף זיך פּיראַמידן,
און זיי שטעכן דורך די בלאָקייט פונעם הימל מיט אַ חוצפּה,
נעמען אָן זיך אין אַ האַלב־קרייז — און זיי שטרעקן אויס די ברוסטן,
און צעשמעטערן די כוואַליעס אויף אַ שוים, וואָס ווערט צערעגנט.
פּלוצים נעמען שטיקער קריכן, ווי באַהאַלטענע שטאָפּעטן,
גרייט דעם ים צו איבערפאַלן,
ביז אַ כוואַליע שוים דערזעט זיי און זי גיט אַ שפּריץ מיט רוגזה,
און מיט ווייסן שוים באַגאָסן בלייבט אַ פעלדז נהרגט ליגן.
אַזוי ראַנגלט זיך פאַרביסן סאַנקט ווינצענטי ס׳גאַנצע לעבן,
לאָזט זיך נישט פון ים פאַרשלינגען,
און ער שטעכט אים אויס די אויגן מיט די שפּיצעדיקסטע שאַטנס,
ווען ער בלייבט פאַרמאַטערט ליגן פונעם שטענדיקן זיך ראַנגלען.

קאַפּיטאַן, קאַפּיטאַן!

קאַפּיטאַן, קאַפּיטאַן! צו אונדז אינעם קאַמער,
קום, ווען עס שלאָפן די מידע געמיטער,
ווען ס׳מישט זיך דער אָטעם פון פעלקער צוזאַמען,
און ווערט אינעם אַוויר אַ פלאַם אַ צעגליטער,
אַזש ס׳הויבן די אייזערנע ווענט אָן צו כליפּן,
און ס׳טריפן די באַלקנס מיט זידיקע טרערן,
און ס׳קרעכצן די שטרוי־זעק צעווייטיקט און סקריפּן
אין גאַרונג, אַז ס׳זאָל זיי כאָטש עמיץ דערהערן.
קאַפּיטאַן, קאַפּיטאַן! ווי קאָנסטו איצט שלאָפן
און זיין נישט געפּייניקט פון בייזע געשטאַלטן,
וואָס קומען צו חלום און מאָנען מיט צאָרן,
פאַר די, וואָס זיי קאָנען קיין רו נישט געפינען —
ביי זיך אויף די קרעציקע, הוילע געלעגערס,
קאַפּיטאַן, קאַפּיטאַן!

דאָס ליבּ־געזאַנג צו פּערנאַמבוקאָ

פּערנאַמבוקאָ, פּערנאַמבוקאָ!
ס'האָט אַ זון־צעגליטער מאָרגן —
דיך געבוירן פאַר אַן אָפּרו פון די וואָגלדיקע שיפן.
זאָל דאָס אויג פון מענטש זיך פרייען
מיט דעם גרינס פון דיינע פּאַלמען,
וועלכע וויגן זיך אין נחת פון אַ זומער־טאָג אַ הייסן.
דיינע פייגל האָבן זיכער פעטע קערנער פולע הויפנס,
דאַרפן זיי שוין מער נישט קומען צו דעם ים נדבות בעטן.
שטאָלצע פּלאַטערן די פענער, ווען זיי קומען צו דיין באָרטן
און דו שמייכלסט זיי אַנטקעגן גרין געשפּרענקלט, פול מיט וועלדער.
דיינע העלע, שיינע ברעגן, וויגנדיק זיך אינעם זון־ליכט,
זעען אויס, ווי גאָלדנע סטעזשקעס פאַר די שוועלן פון פּאַלאַצן.
פון די הויכן דיינע שימערט בלאָלעך גאָלד אויף גרינע לענטעס,
און אַ העלע שאַרלעך־רויטקייט שניידט זיי דורך אויף טויזנט שטרייפן.
יעדער גלויבט, אַז דיינעביימער ברעכן זיכער זיך פון פּירות,
און דו וואַרטסט מיט מאַמע־גרייטקייט יעדן איינעם אויפצונעמען.
וויפל ס'זאָל דיך ס'אויג נישט גאַרן מיט זיין ווילן איינצושלינגען,
בלייבט עס קיינמאָל נישט געזעטיקט פון דיין רחבותדיקער ברייטקייט.
פליגל וויל דער גוף באַקומען און צו דיינע ברעגן פליִען,
פּערנאַמבוקאָ, פּערנאַמבוקאָ!

צום ווידערשטאַנד

האַלט פעסט זיך, פעסט אָן מאַסטבוים פון דער שיף,
ווען ס׳וויל פאַררעטעריש דער אָפּגרונט זי פאַרשלינגען.
צי אָן די זעגלען שטייף, פאַרקייטל זיי מיט שטריק,
און זאָלן ווינטן בושעווען,
און זאָלן ווינטן רייסן זיך
משוגענע פאַר כעס.
שטיי דרייסט ביים מאַסט פון דיין געטרייער שיף,
וואָס קלעטערט צאַפּלדיק אויף בערג פון כוואַליעס שוים,
ווען ס׳וואַרפט זי הין און צ׳ריק ס׳קדחת פונעם ים,
ווען ס׳שליידערט זי דער ווינט מיט איבערקראַפט פון מאַכט.
און אָדלערס קומען אָן — די שוואַרצע וואָלקנס גרויל,
און פייער בליצט אַרויס פון יעדנס שנאָבל־מויל,
און ווילד געקראַקעריי, און דונערן, און בליץ
גיבן אימהדיק אויף דיר מיט שרעק אַ שפּריץ.
און אַלץ פאַרייניקט זיך:
פאַרשלינגען דיך,
באַצווינגען דיך,
און ס׳זידט און קאָכט דער בייזער ים,
ווי ס׳וואָלטן קרעמפּן אים געוואָרפן פון זיין בעט,
און ס׳פּייפט דער ווינט מיט בייז געשפּעט,
און קלאָגט און ברומט,
און וואָלקנס נידערן אויף אים מיט שווערער לאַסט,
גלייך ס׳וואָלט געוועזן דיין שיף פון ים און ווינט פאַרהאַסט
און דו אויף טויט זיכערן באַשטימט,
אין מיטן האַרץ פון ברייטן ים, וואָס רינגלט דיך מיט טויט אַרום
און ברויזט, און זידט,
און שוימט, און גליט,
און רופט מיט כעס: קום אום! קום אום! —
נאָר דו האַלט פעסט זיך, פעסט אָן מאַסטבוים פון דער שיף...

שטילער ים

מיר רודערן אויף שטילן ים, ביי ברעגעס פון אַ זוניק לאַנד,
וואָס וואַרעמט זיך אין הייסן שטויב פון העלע גליִענדיקע טעג,
און טוליעט זיך אין שטומע נעכט מיט בלאָער פינצטערניש פאַרקנוילט,
ווי אַ ווייטער שטומער סוד, געפאַנגען אין אַ כישוף־נעץ.
די אויגן קוקן בלינד זיך אויס צו דעם גרינלעך, גראָען פאַס,
וואָס צייכנט זיך מיט שוים באַקרוינט, ווי אַ ווייטער וואַסערפאַל,
און ס'רייצט דער ברעג זיך מיט דער שיף און פאַרשטעלט זיך מיטן ים —
וואָס צעטאַנצט זיך ווייט און ברייט מיט אַ בייזן שוים באַשפריצט.
פלוצים ווערט דעם ים פאַרשטומט און אַ גרויסע זשמעניע גרינס
גיט אַ וויג זיך פאַרן אויג —
ס'קומט אַ קאַראַוואַן מיט בערג — ווי אַ לאַנגע קעמל־קייט,
אָנגעלאָדן, פול מיט גוטס.
יונגע פאַלמעס, גרין געקרוינט, וויגן פריידיק מיט די קעפּ.
נאָך אַ רגע און די שיף ווענדט זיך צו דעם שטילן באָרט.
באַלד וועט גרעגערן די קייט און די פענער אויפן מאַסט
וועלן שטאַלצע אינעם ווינט פלאַטערן פאַר העלער פרייד,
נאָר דער ברעג אַנטלויפט געשווינט און פאַרדרייט זיך אין אַ זייט,
ווי אַן עזותדיקער פיש, אַנגעמאַטערט פון געיעג,
ווען עס טראָגט אים ווייט אַוועק,
שטאָלץ, דער כישופדיקער ים...

באַהיאַ

לינקס און רעכטס צווישן ברעגן, ס'לאָזט די שיף אַראָפּ דעם אַנקער.
באַהיאַ האָט דאָס האַרץ געפאַנגען און דער ים צעפאַלבט זיך גרינלעך.
ס'ווייסט דאָס אויג נישט וואָס צו טוען מיט דער רייכקייט פון דער געגנט,
און דער דימיון פליט אַן אויפהער אום צווישן אַלע הייזער.
באַהיאַ!... באַהיאַ!...
ס'קלינגט דיין נאָמען, ווי אַ זילבער־קלאַנג פון גלעקלעך,
און די לאַכנדיקע קינדער שטרעקן אויס צו דיר די הענטלעך.
באַהיאַ!... באַהיאַ!...
ס'גלאַנצט דיין שיינקייט
פריי און העל פון דיינע הויכן,
און אויף דיינע טורעם־שפּיצן לאָז איך פלאַטערן מיין בענקשאַפט.
ס'קאָן קיין וואָלקן נישט פאַרטונקלען ס'העלע גליק פון דיינע הייזער,
און דער נעפּל ווערט צערונען, ווייל ער מאַכט דיין רייץ נאָך שענער.
זוניק וויגן זיך די לאָדקעס אָנגעלאָדן פול מיט פּירות,
און די כוואַליעס די צעוויגטע פליעסקען צו צום טאַקט אַ ניגון.
גרינע, לענגלעכע באַנאַנען ליגן פרישע מיט די צווייגן,
און די קאָקאָס־ניס די גרויסע, ווי די פּאַטריאַרכן בערדיק,
לאָזן נישט מיט שפּאָט פאַרשטעלן זיך פון זאַפטיקע אַרבוזן.
יונגע מאַלפּעס מאַכן לוסטיק אין די שטייגלעך זייערע קונצן,
און די גרינע פּאַפּוגייעס שרייען, פּאַכענדיק מיט פליגל.
ס'שפּרייט זיך איבער אַלץ דאָס נחת פון דיין גרויסער שפע, באַהיאַ,
און צעשיט זיך, ווי אַ גאָלד־שטויב, איבער אַלץ אין העלן טאָג־ליכט.
אונטן קריכט דער ים צופוסנס — אויבן לאַכט די שטאָט אַ שטאָלצע.
און צעוויגט אַ ים מיט פּאַלמעס איבער אירע רויטע דעכער.
ביז עס קומט די נאַכט צו שפּאַנען און פאַרקנוילט די שטאָט אין חושך.
דאַן צעשטראַלט זי שטאָלץ זיך ווידער אין אַ ים פון העלן ליכט־שיין
און צעלאַכט זיך פון דער פינצטער מיט אַ ליכטיקייט אַ העלער:
באַהיאַ!... באַהיאַ!...

שטומער צער

און וואָס וועט זיין, אויב נאָך אַ פּאָרט וועט מקריב זיין זיך פאַר דיין אויג,
דיין פרייד וועט דוי׳רן נאָך אַ ווייל און ווידער אַנקערט אָפּ דיין שיף,
און ס׳בלייבט אַ לאָך ביי דיר אין האַרץ און ווידער זעסטו ים און ים.
דו שיקסט דיין בליק אויף לינקס, אויף רעכטס, און הויבסט אים צו
דעם הימל אויף,
וואָס וואָלקנט זיך פאַר דיר פאַרפרעמדט און לייטערט אויס זיך, ווי געווען.
דער ווינט, ער רייסט דיך ביי די האָר און פליקט פון דיר אַראָפּ דאָס העמד,
און ס׳גראָבט זיך איין אין דיר דער צער, ווי אַ שפּין מיט אַלע פיס,
און פרעסט אויף שטיקער פון דיין האַרץ און שליידערט זיי אַריין אין ים,
וואָס טראָגט זיי ערגעץ וויט אַוועק און פאַרזינקט זיי אינעם גרונט.
עס קוקט דיין אויג אויף אַלץ פאַרבלענדט און זעט נישט, ווי עס
נאָגט אַ שלאַנג
פון אַלץ וואָס צירט זיך אויס אין גלאַנץ פון העלע אויסגעפּוצטע שטעט.
און ס׳הערט דיין אויער נישט דעם קרעכץ פון שוואַרצע קנעכט אין
הייסע טעג,
וואָס לאַדעווען משאות אויס און נערן זיך מיט רויען פלייש,
וואָס ווערט געוואַרעמט אויף דער זון,
און שטילן זייער שטומען צער — מיט קריצעניש פון טעמפּע ציין —
וואָס פולט מיט גרויל אַן יעדנס האַרץ.
און זעסטו פון דער וויט אַ שטאָט, וואָס גלאַנצט אַרויס פון בערגער
גרינס,
דאַן לאָז פאַרזינקען שטיל אין ים דיין שטומען, בענקענדיקן בליק,
און זע, ווי גרויסע, שטאַרקע פיש פאַרשלינגען שוואַכע אין געיעג...

צום שטורעם־פויגל

צו ווייטקייטן, אומענדלעכע,
געהיימע, אומפאַרשטענדלעכע,
טראָגט זיך אונדזער ליד.

און איבער אונדז, מיט ווילד געשריי,
אַ שטרענגער און פאַרביסענער,
אַ ווילדער און צעשויבערטער,
דער שטורעם־פויגל פליט...

ער טראָגט זיך אין דער לופטן, דרייסט,
ער טראָגט זיך, ווי אַ שטרענגער גייסט,
מיט שרעקלעך ווילד געטרייב.

ער פאָכעט מיט די פליגלען צוויי,
און ווי די שווערדן שניידן זיי
זיך איין אין אונדזער לייב.

העי, דו פויגל, ווילד פון ווינט!
העי, דו פויגל, פול מיט מוט!
דורכגעשטרייפט מיט שטיקער בלוט
איז דער פאַנצער פון דיין האַרץ!

בליצן בלאַנק
און דונער־קלאַנג,
ווי די נעגל דיינע שאַרף
גראָבן איין זיך אין געדאַנק.

אין דיין העכסטן ווילדן שווונג,
אין דיין פליגלדיק געפאָך,
הערסטו נישט, ווי אונדזער צונג
זינגט דאָס ליד פון אונדזער יאָך.

האַלב פאַרצווייפלט, האַלב אין שרעק,
האַלב מיט פינצטערניש פאַרדעקט,
דורכגעקרייצט מיט צער און גרויל,
איז דאָס ליד פון אונדזער מויל...

ג ל א ק ן

גלאָקן

קייטן מיט ראָסטיקע רינגען
האַלטן די פיס אונדז באַצוואונגען,
און איבער אונדז גלאָקן פון אָנזאָג
הענגען מיט בראַנדזענעם דויער.
זיי וואַרטן מען זאָל נאָר באַרירן
די דראָטיק געפלאָכטענע שנירן,
דאַן וועלן זיי רעשיק פאַריאָגן
פון אונדזערע הערצער דעם טרויער.

נאָר מיר, ווי פאַרמישפּט, געבונדן
צו סלופּעס מיט אָפענע ווונדן;
פאַרהאָריקט, באַוואַקסן, פאַרקאַלטנט,
הויבן די אויגן קאַפּויער,
מיט בלוט און מיט שוים אויף די ליפּן,
און שרייען מיט הייזעריק כריפּן:
העי, גלאָקן, פאַרגליווערטע טרייסטער,
ברענגט אונדז אַ קלאַנג פאַר דעם אויער!

נאָר גלאָקן, פאַרבראַנדזעוועט הענגען,
קיין קלאַנג פון דעם האַלדז נישט צו ברענגען;
פאַרקללהט אין הייכן, פאַרשאָלטן,
אַ קרבן פאַר זונען און רעגן.
און וואַרטן, און גאַרן, און ברענען,
אַ האַנט אַ באַפרייטע צו קענען,
וואָס זאָל זיי מיט מוסקולן האַרטע
צום קלאַנגיקן אויפברויז באַוועגן.

פרימאָרגן

עס וועקט דער גלאָק פון שלאָף טונקעלע געמעכער,
עס שימערט אויף דער מאָרגן איבער שטאָל און אייזן,
שוין נעמען זיך, ווי שאָטנס, ערשטע מענטשן ווייזן
און ס׳טריפן טויען פריש אַראָפּ פון אַלע דעכער.

די הייזער שטייען מיד, ווי אַלטע גראָע גרייזן,
ס׳צעפּייפן זיך די קוימענס, היילן ווילד אַלץ העכער.
זיי שפּייען קנוילן רויך אַרויס פון שוואַרצע לעכער,
און אַרבעטער, פּאַרסאָפּעט, דורך פּוסטע גאַסן שפּרייזן.

עס שמייכלען יונגע ביימלעך מיט זאַפטיק גרינע צווייגן,
און דורך דעם שמאָלן הימל שוועבן זוניק טויבן,
אויף פעלדער טוי־באַנעצטע פרישע קערנער קלויבן.

נאָר אַרבעטער פּאַרשלאָפן איילן שטום אין שווייגן.
אַ גאַנצן ליבן טאָג זיך מאַטערן ביים פייער —
און אין דער היים געלאָזט, וואָס ליב איז אַלץ און טייער...

קנעכט

יעדער טראָט פון אונדז —
אַ צייכן איינגעשניטן
אין דער האַרטער ערד.
נישט איינער האָט פון אונדז פייניקונג געליטן
און נישט איינער האָט דעם רוף פון שאַנד געהערט:

קנעכט!
איר זענט געבונדענע —
צו אייערע טעג און נעכט;
איר זענט פאַרמישפטע
צו דינען שטרענג דעם ווילן
פון אונדזער גרוילהאַפטער און שוידערלעכער צייט;
די צייט,
וואָס נוקמט זיך אין בענקשאַפטן,
די צייט
פון גיריקער בלוט־דורשטיקייט,
די צייט
פון אומרעכט און גערעכט,
ווען בלוט־גיריק איז ערד
און מענטש איז האַרטנעקיק און שלעכט.
ווייל גרויל איז אויפגעגאַנגען פול, ווי אַ געשוויר,
אויף ערד אומפרוכטבאַרער,
און פרעך הענגט איבער איר
די אומפאַרשעמטע זון —
פאַרקופערט אין איר שאַנד
און שמעלצט ביז קרענקלעכקייט —
שקיעה אויפן לאַנד...

קנעכט! —
נישט קיינמאָל האָט אַ וואָרט אַזוי דאָס לייב געביסן,
ווי פייער ס׳ברענט און גליט — אַ שאַנד־פלעק דער באַטייט.

עס האָט געפּלאַצט געדולד,
ווי שטאָל־שפּליטערס צעריסן,
און ס׳געוויסן
ס׳מענטשלעכע, עס שרייט.

קנעכט?
יעדער טראָט פון אונדז —
אַ שאַנד אויף אייער שטערן.
אָ, האַרן ביטערע!
מיר קומען איצטער שטרענג
די רו פון אייך, די זיכערע, אויף אייביקן צעשטערן
און פאָדערן מיט מוט און קראַפט —
דאָס רעכט פון אונדזער רעכט!

און די אַרבעטער זינגען

מיר זענען נישט קיין בעטלערס, מיר שטרעקן נישט די הענט,
מיר זענען אייביק היטערס ביים פייער־פלאַם, וואָס ברענט.

מיר גראָבן טונקל אייזן, מיר שמעלצן האַרטן שטיין,
און האָבן מיר אַ ווייטיק, פאַרקריצן אים די ציין.

מיר האָבן הענט ווי שטאַנגען און פיס ווי שטאַמען שטאַרק,
און ס׳ליגן וועלטן גלויבן מיט פרייד אויף אונדזער קאַרק.

מיר קענען הייליק שווייגן, נאָר יענעם טאָג אַ לויב —
ווען ס׳וועט די צייט באַפאַרבן מיט אונדזער בלוט דעם שטויב.

ווען ס׳וועט די שעה באַפעלן, אין שטורעם מיט געפייף
און ס׳וועלן אונדז די ברוסטן ווי פעלדזן ווערן שטייף.

דאַן וועלן מיר מיט שטאַנגען און צוואַנגען אין די הענט
דורך פוסטע גאַסן שפּאַנען מיט הויך־געשטרעקטע הענט.

דאַן וועלן מיר מיט אויגן דערהויבן צו דער הויך
זיך פייערלעך באַגריסן מיט שוועבנדיקן רויך.

דער מענטש

דער האַמער פאַלט מיט קראַפט אויף טראַציק האַרטן אייזן,
די האַנט — זי שווינגט דעם האַמער און וויל נישט ווערן מיד.
דער מענטש וויל איבער אַלץ זיין איבערקראַפט באַווייזן,
דער מענטש, וואָס האָט אַ ווילן, אַ האַמער און אַ ליד.

אים דינט געטריי דאָס פייער און מאַכטלאָז מוז זיך בויגן
די אומבאַשרענקטע האַרטקייט פון יעדער שטאַרקער קראַפט.
ער שטעכט אַדורך די ווייטקייט מיט בליץ פון זיינע אויגן,
דער מענטש, וואָס האָט אַ ווילן, דער מענטש, וואָס בויט און שאַפט.

אין טיפן ברעכט ער דורך די פינצטערסטע טונעלן,
אויף בערגער קלעטערט ער צו ליכטיקייט און שיין —
דער מענטש, וואָס קעגן אים קאָן קיינער זיך נישט שטעלן,
דער מענטש פון בלוט און מאַרך, וואָס וויל קיין קנעכט נישט זיין.

דאָס געזאַנג צו סאַלאַמאַנדרע

סאַלאַמאַנדרע, סאַלאַמאַנדרע,
דאָס בלוט פון אונדז פאַרצערסטו!
סאַלאַמאַנדרע, סאַלאַמאַנדרע,
נו, זאָג, וואָס נאָך באַגערסטו?
ביי דיינע היילן שטייען מיר, געהייליקט דיך צו שפּייזן,
מיט אייביקער אומשטערבלעכקייט, מיט פייערשטיין און אייזן.

סאַלאַמאַנדרע, סאַלאַמאַנדרע,
פאַררויטלט ביז די נאָפּלען —
האַלטן מיר
געגרייט פאַר דיר —
פון שטאָל געשמידטע גאָפּלען.
שווער־וואָגיקע, פיל־ציינערנע,
ווי שטומע גלאַדיאַטאָרן,
און אונדזער בליק דער שטיינערנער
צינדט אָן זיך פול מיט צאָרן.
און אונדזערע אָרעמס — מעכטיקע,
זיי שפּרייטן זיך פונאַנדער,
אַך, דו שרעקלעך גיפטיקע און בייזע סאַלאַמאַנדרע!

סאַלאַמאַנדרע, סאַלאַמאַנדרע,
מיר ציילן דיינע שעהן,
ווי שורות־ווייז עס פלי׳ען אָפּ —
דיין רויכס געקרויזטע קראָען.
מיר מעסטן דיינע רגעס אויס האַלב־וואַכנדיק און מידע,
און אונדזערע הערצער שטאָלן זיך און קלינגען אויף מרידה.

סאַלאַמאַנדרע, סאַלאַמאַנדרע,
מיר וועלן זיך באַשפּריצן
מיט בלוט פון דיין אומשטערבלעכקייט,

מיט שיין פון דיינע בליצן.
רויט זינגט אין אונדזערע אָדערן דאָס בלוט פון פרייד אַ הימן:

סאַלאַמאַנדרע, סאַלאַמאַנדרע,
דיין גורל מיר באַשטימען!...

צום גייסט

דער גייסט זאָל זיין געלויבט!
דער מוט פון דורות לאַנג,
וואָס קעמפט און שטרעבט, און גלויבט
דורך גרויל פון שווערער צייט,
וואָס וויל נישט בלייבן רום,
באַשטימט אויף אונטערגאַנג,
נאָר האָט אַ בלוט, וואָס שפּריצט
צו הימלען הויך און שרייט:

דער גייסט זאָל זיין געלויבט!
דער אומבאַשרענקטער מוט,
וואָס זינגט, ווי ווילד געזאַנג
אַרויס פון אונדזער בלוט.
מיט אונדז, אין אונדז, פאַר אונדז,
צו יעדן אומעטום,
וואָס וועקט אין אַלץ זיך אויף
און וויל נישט בלייבן שטום;

נאָר שטראָמט צערייצט
און פלייצט
מיט אימפּעט פון געדרענג
דורך טרעפּ פון אָפּגרונטן,
דורך אומגעציילטע גענג.

פון פרייד
און לייד —
באַגלייט
פון ווינט און דונער־קול,
אין שיין פון פאָספאָר־בליץ,
וואָס ווייזט אונדז זיין סימבאָל
דורך וועג פון וואָלקן־ברוך,

אויף אַלץ וואָס שפּרייט זיך אויס,
זאָל זיין דער גייסט געלויבט,
וואָס רופט:
פּאָרויס, פּאָרויס!...

מויערער

מויערער פון אומעטום,
שטיין־העקער און שמידן,
וואָס בויעט איר מיט אומגעדולד?
— מיר בויען פיראַמידן!

פיראַמידן בויעט איר?
צו וואָס, פאַר ועמענס־וועגן?
— מיר שאַפן פאַר דער אייביקייט,
די ספינקסן קענט איר פרעגן.

ווער פייניקט אייך און טרייבט דערצו,
צו בויען רום, פאַר ועמען?
— מיר ווילן לאַנג, אויף אייביקן,
די פייניקער פאַרשעמען!...

טאַטע הונגער

דער טאַטע נעמט דאָס קינד אויף זיינע הענט צו טראָגן
און גייט פון שענק צו שענק פאַר אַלע מענטשן זאָגן:

אַז ס׳איז נישטאָ שוין מער גאָרנישט צו פאַרלירן,
עס קלאַפּט דער הונגער שוין מיט שרעק אין אַלע טירן.

די שפּייכלערס זענען פול מיט עסנוואַרג און ברויטן,
און קיינער שטייט נישט אויף, וואָס זאָל די רייכע נויטן

די שפּייכלערס עפענען — די ברויטן צו צעטיילן
פאַר די, וואָס הונגערן — אין טויזנטער צו ציילן.

די נויט, מיט מויז־געפּישטש, טרייבט אַנגסטלעך פון די הייזער
אַרויס די קינדערלעך — נישטאָ פאַר זיי קיין שפּייזער.

די הענטלעך אויסגעשטרעקט, די אייגעלעך פאַרריסן,
און ס׳בלאָנדזשעט אום אַ הונט — דאָס מענטשלעכע געוויסן.

פאַרשאָלטן זיין זאָל דער, וואָס וויל די נויט באַהאַלטן!
שריי און יאָמער, הונט: דאָס שווייגן זאָל זיך שפּאַלטן.

די שפּייכלערס זענען פול מיט עסנוואַרג און ברויטן,
און מענטשן שטאַרבן אויס מיט אַלע הונגער־טויטן.

אונדזער האַמער

אונדזער האַמער שלאָגט זיין שלאָג
אומאויפהערלעך יעדן טאָג.

און ער איז אויף קלעפּ נישט קאַרג, —
וואָס ער שמידט, דאָס שמידט ער שטאַרק.

אייזן־שטאַבעס, גליאיק־ווייס,
אָן שום שטערונג שלאָגט זיין כעס.

ווערט אַ פעסטער צייכן באַלד
דאָרטן, ווו זיין אימפּעט פאַלט.

אונדזער האַמער — זיינע קלעפּ
מאַכן דין די גרעבסטע גרעב;

בויגן, קנייטשן שטאָל און שטאַנג,
וויל ער — מאַכט ער קורץ און לאַנג.

ברעכט ער, קאַרבט ער, ציט און שווייסט,
ווי אים אונדזער ווילן הייסט...

גענוג אין רו געשוויגן

דאָס אומבאַוווסטע, אומדערקלערטע ווערן זאָל באַוווסט.
זאָל איינמאָל פול מיט רעגונג זיך הויבן אונדזער ברוסט.

זאָל איינמאָל אונדזער עוולה אַרויס פון איר באַהאַלט
אויף גאַסן און אויף מאַרקן מיט נאַקעטן געוואַלט.

נישטאָ זיך וואָס צו שעמען, זאָל ווייזן זיך די שאַנד
מיט אייטערדיקע ווונדן — די האַרן פון דעם לאַנד.

ווי איידער ס׳קומט דער שטורעם, ווען אַלץ איז גרויזאַם־שטיל,
זאָל פלוצים אונדזער צאָרן צעטראָגן זיין געבריל.

זאָל פלוצים אונדזער אויפברויז פאַלן שווער ווי בליי
אויף קעפּ פון אַלע האַרן — מיט האָגל פון געשריי.

גענוג אין רו געשוויגן, דעם דונער־בליץ אַן אָרט,
און זאָל ער אומגעשטערט זיין, זאָגנדיק זיין וואָרט.

און זאָל ער אַלץ פאַרברענען מיט זיין פייער־שווערד
און דאָרט, ווו שלעסער זענען, זאָל ווערן שטויב די ערד.

גענוג שוין אָן רחמנות דערוואָרגן יעדן רעג,
וואָס האָט אין בלוט געפּייערט און לאַנג געזוכט זיין וועג.

די צוימען פריי געלאָזן, אַרויס די פייער־שלאַנג
און לאָמיר נעמען ס׳לעבן דורך שטורעם און געזאַנג.

דיכטער

פערזן, איינס אין איינס, ווונדערלעכע ריטמען,
ווי קלינגענדיקן גאָלד אויף פּראָסט פּאַפּיר צעשיט מען.

אָ, די דיכטער, זינגער — די אייביקע פאַרשווענדער, —
זיי מאַכן ווידערשפעניק די קנעכט אין אַלע לענדער.

זיי זינגען מאָדנע זאַכן, וואָס יעדער ווייסט פון לאַנג עס;
פון בלומען און פון פייגל — און אַלץ ביי זיי געזאַנג איז.

אַ הויז, אַ בריק, אַ קוימען, די טייכן און די ימען,
און גיסן צו נאָך בוימל, ווו ס׳נעמט אַ פייער פלאַמען.

בישטאָ פאַר זיי קיין תפיסה, קיין קראַטעס און קיין שלעסער.
זיי שטעכן מיט די ווערטער, נאָך ערגער ווי מיט מעסערס.

זיי ברענען מיט די לידער, זיי צינדן מיט די בליקן,
ווי לאַווע אין די אויוונס פון שמעלצטעפּ אין פאַבריקן.

זיי נעמען מענטשן פּראָסטע, דאָס אָפּפאַל פון די גאַסן,
און זאָגן צו זיי: חלומט, און לערנען אויס זיי האַסן.

און זינגען זיי פון פעלדער, פון וועלדער, גרינס און גראָזן,
און ווו אַ פונק פון צאָרן — אַ פייער זיי צעבלאָזן.

ווער רופט זיי, ווער באַדאַרף זיי? אויב זינגען, זינגט פאַר זיך נאָר!..
וואָס ווילן זיי, וואָס ווילן די בלאָנדזשענדיקע דיכטער?...

רויטער רייטער

רויטער רייטער
פון דער וועלט!
ס׳גאָלדיקט ווייטער
שוין דאָס פעלד.

לאָז דיך איילן
אויף דיין פערד
איבער מיילן
פון דער ערד.

פלי און פינקל,
שעמעריר,
ווו ס׳איז טונקל —
רייס די טיר.

דאָרט, ווו פינצטער,
צינד אַ שיין, —
רויטער פרינץ, דער
טאָג איז דיין!

צוימען, דראָטן —
ברעך און רייס,
טרייב די שאָטנס
טאַבון־ווייז.

ווילדער שלאָג זיי,
יאָג געשווינד,
און צעטראָג זיי,
ווי דער ווינט.

פאָכע, שליידער
מיט דיין שווערד!
ווייטער, ווייטער
אויף דיין פערד!

איבער היגלען
און דאָרט, ווו
ס׳האַלטן ריגלען
טוי׳רן צו.

העלער, הייטער,
שיין פון טאָג...
רויטער רייטער,
פלי און יאָג!

תנכישע לידער

נימרוד

אַז נימרוד האָט באַפוילן אָנצוצינדן פייער
אין די קאַלך־אויוונס —
פאַר וועמען האָט ער דאָס באַפוילן?
— פאַר אונדזער אור־פאָטער, אברמן,
וואָס האָט צעשטערט די געטער זיינע
און צעבראָכן אַלע נימרודס צלמים.

האָט דאָס פייער זיך דערשראָקן,
און ס׳ערשטע מאָל — וואָס וווּנדער זענען! —
נישט געוואָלט און נישט געקענט
אונדזער אור־פאָטער פאַרברענען.

האָט נימרוד ווילד גענומען שרייען,
רייסן באָרד און לאָקן,
יאָמערן און ברומען —
און געזען צום ערשטן מאָל,
אַז ס׳איז זיין סוף געקומען.

איז אברם אַרויס פון פייער שטאַרקער נאָך, געלייטערט,
און האָט זיך פון זיין געצן-שטאָם מיט פרייד־געזאַנג דערווייטערט.
אין לאַנד כנען מיט שאָף געוואַנדערט,
פאַרקוקט זיך צו די שטערן...
און מיט האַרץ געבעטן גאָט — אַליין אַ פאָלק צו ווערן.

יעקבס קינדער

אַז יעקבס קינדער וועלן טראָגן האַס אין זייערע אויגן,
ווער וועט זיין שולדיק, ווער?
געוועזן אַ פאָלק, אַ שטילס, האָט עס איבער דער וועלט געצויגן
און געזוכט מנוחה, נישט מער...

געהאַט אַ גאָט אין האַרצן און מענטשלעך בלוט נישט פאַרגאָסן,
איז רחמים געוועזן זיין דעוויז;
האָט מען עס צווישן פינצטערע ווענט, אין געטאָס, פאַרשלאָסן
און געפּייניקט מיט שווערד און מיט שפּיז.

האָבן יעקבס קינדער מיט ליבשאַפט די פיינען פאַרנומען,
כאָטש גורל פון ליידן איז האַרט.
און מיט בלוט און מיט טרערן די פיינט איבערגעקומען
און אויף משיח בן־דוד געוואַרט.

און אַז משיח בן־דוד האָט (אין גאָטס ליכטיקן נאָמען)
פאַרשפּעטיקט צו קומען אין נויט,
איז אויפגעשטאַנען ווידער אַ שרעקלעכער המן
און יעקבס קינדער געטריבן צום טויט.

געבויט גאַז־קאַמערן גרויסע מיט שטאָלענע פרענטן,
און די וועלט האָט באַוווּנדערט די זינד,
ווי דאָס לעצטע פון יעקב, אויף אַש אויף צעברענטן,
ווערט צעטראָגן פון מינדעסטן ווינט.

און אַז יעקבס קינדער, אין צאָרן, וועלן נקמה באַגערן,
נאָך יאָרן פון מאָרד און קאַשמאַר,
וועט גאָט אַליין וויינען מיט ביטערע טרערן;
און די וועלט וועט דערשפּירן דעם צער.

שימעון און לווי

שימעון און לווי האָבן אַנדערש פאַרשטאַנען,
ווען מען האָט זייער שוועסטער געשענדט —
זיי האָבן גענומען די שווערדן, די שאַרפע,
און האָבן קיין שכם זיך געווענדט.

געלאָזט הינטער זיך אויפן זאַמד די געצעלטן,
די לעפישע קעמלען, און גיך, ווי אַ ווינט,
געלאָפן אין קילן באַגין, אָן אַן אָטעם,
מיט בלוט אָפּצוואַשן די באַגאַנגענע זינד.

און פּלוצים, פון הינטער די בערגיקע שפּיצן,
די זון איז אַרויס, ווי אַ פייערדיק ראָד,
און אָט זעען זיי ביידע, שימעון און לווי,
דעם אָפענעם טויער, וואָס פירט צו דער שטאָט.

נישטאָ איז קיין וועכטער, די שטאָט — אויסגעשטאָרבן...
זיי ווייסן: אַז שכם האָט נאָך יעקבס פאַרלאַנג
באַפוילן מפּיס צו זיין די בני יעקב
און די מענער צו מלן... איצט ליגן זיי קראַנק...

זיי גליִען, ווי פייער, און פיבערן וויזיעס
פון נאַקעטע מיידן, בלויז בריסט און בלויז לייב,
זיי שיכורן, זויפן אויף שכמישן שטייגער
און יעדערער נואפט אַ מויד פאַר אַ ווייב.

זיי פאַרסקען פון הייסן באַנומענעם תענוג,
ווי צעיושעטע אָגערס און הירזשען ווי פערד,
און גיבן אַפילו קיין קרעכץ נישט פון ווייטיק,
ווען ס'בויערט אַדורך זייערע דיכן די שווערד.

פֿאַרנאַכט, ווען די זון האָט אויף שכמישע גאַסן
פֿאַרלאָשן איר שײַן, אין אַ בלוטיקער באָד,
דאַן זענען באַגלייט פֿון געוויין פֿון שאַקאַלן
שמעון און לוי אַרויס פֿון דער שטאָט.

די כנענישע נאַכט האָט מיט שאָטנס געגנידערט
אויף בערג און אויף טאָלן, אויף שכם און איר שטראָף,
אויף שמעון און לוי, וואָס זענען געגאַנגען
צוריק צו די ברידער, אַהיים, צו די שאָף.

דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד

אויף די פּליינען פון כנען,
אויף די פרוכטבאַרע וויזן
האָבן געפּיטערט אונדזערע אבות
זייערע טשערעדעס רינדער.

ווי הערטן האָבן זיי געוואַנדערט
פון אָרט צו אָרט
מיט זייערע באַראַנעס און שעפסן
און זינגענדיק געפירט די הויקערדיקע קעמלען,
באַלאָדענע מיט האָב און גוטס און קליינע קינדער,
און אויף יעדן באַרג און בערגל אויפגעשטעלט געצעלטן
אָפּגעזונדערטע פון אַלע פרעמדע שכנים,
און ברונימער געגראָבן אין דער האַרטער ערד,
און פאַרפלאַנצט זיך אין דעם נייעם ווונדערלעכן לאַנד.

ווייל שיין איז געווען כנען
מיט אירע טאָלן און אירע בערגער,
מיט אירע אָזיערעס און זינגענדיקע טייכלעך,
און איבער אַלץ געשוועבט האָט זאַנפט דער גייסט פון גאָט,
וואָס נאָר אונדזערע אבות האָבן אים דערשפּירט אין זייערע בלוטן.

נישט קיינער האָט אַזוי געאַנט די הייליקע באַהעפטונג
צו אָט דער ברכה פון דער נייער אויסגעטרוימטער ערד,
וואָס האָט צניעותדיק, מיט זיסער ליבשאַפט, אָנגעבאָטן איר עשירות
פון פעטע איילבירט־ביימער און הויכע שלאַנקע פאַלמען,
מיט דיאַדעמס אָנגעהאָנגענע, מיט הענגלעך זיסע טרויבן;
דאָס לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק,
דאָס זיסע לאַנד כנען...

אויף יעדן שפּאַן און טראָט האָט גאָט אַליין געצייכנט
די גרענעצן פון לאַנד

און אָנגעזאָגט,
און צוגעזאָגט,
אַז אַנדערש קאָן נישט זיין:

— אָט זעט דאָס לאַנד, ווי שיין עס איז!...
די טאָלן, בערג,
דער ירדן, וואָס צעשניידט עס מיט זיין מעסערדיקן שטראָם,
געהערן וועט עס אייך!
און נאָר די קינדער פון אייערע לענדן
וועלן עס ירשענען און אַרבן!...

אַזוי האָט גאָט גערעדט צו אונדזערע אבות,
און גאַנץ כנען, אַ יעדער שטיין, אַ יעדער היגל־באַרג
האָט צוגעהערט די זיסע רייד פון גאָט,
און ווי אַ טשערעדע, וואָס הערט אַ פּאַסטוך־פּלייט,
האָבן טאָל און בערג געוויגט זיך און געטאַנצט,
און די פייגלען האָבן עס
פאַרקינדיקט אין געזאַנג...

גושן

דער נילוס שטראָמט, זיין געלבלעך מוטנע וואַסער
גיסט אויס זיך מיט אַ ברכה אויף פעלדער, טאָל און פליין.
מיצרימס ערד איז פרוכטבאַר און פאַר דער שרעק פון מידבר
שיצט זי זיך מיט ספינקסן, געהאַקט פון רויטן שטיין.

צום הימל שטייגן טעמפּלען און ראָזע איביס־פייגלען
שפּאַנען שטום, פאַרהייליקט, אין רויטן שקיעה־פלאַם.
פון ווייטנס זעט זיך גושן, פאַרשטעלט מיט פּאַלמע־ביימער,
דאָס לאַנד פון פרעהס שקלאַפן, וווּ ס׳וווינט דער עברי־שטאַם.

ביים גרענעץ־ברעג פון גושן, אויף ראַנד פון גרויע שטיינער,
זיצן צוועלף זקנים מיט ווייסע זילבער־בערד;
זיי טראַכטן און זיי דאַכטן אין גאָט פון זייערע אבות,
וואָס שווייגט ווען ס׳ווערט צעריסן פון וויי־געשריי די ערד.

זיי האַלטן ציצית־שנירלעך אין הענט, ווי שטענגלעך דאַרע,
און ציילן, לויט די קנופּן, די יאָרן נאָכאַנאַנד:
פון פּיין און גרויל... פון ליידן... און, אפשר, האָט פאַרגעסן
יעהאָוואַ אין זיין שבועה, דאָס צוגעזאָגטע לאַנד...

עס קוקט פון זייערע אויגן אַזוי פיל צער און בענקשאַפט,
און פון דער ווייטנס הערט זיך אַן אימהדיק געוואַי,
אין לעצטן שיין פון שקיעה, מיט קנאַקנדיקע בייטשן —
אַ מחנה מיצרים טרייבן די עיברים קלייבן שטרוי.

זיי פאַלן אויפן זאַמד־פלאַך צעשמיסענע, פאַרבלוטיקט,
און שטעלן אויף זיך ווידער מיט וואַקלדיקן טראָט;
די אויגן, ווי אין וואַנזין, פאַרריסן צו דעם הימל,
און מיט די לעצטע כוחות שרייען זיי צו גאָט.

צו גאָט פון זייערע אבות: — אָ, גאָט פון פאָטער יעקב,
פון יצחק און אברהם! שטרעק אויס צו אונדז דיין האַנט!
און ווייז דיין וווּנדער־צייכן אין טאָל פון פּיין און קנעכטשאַפט,
דעם ווייטן בלויען שטערן, — דאָס צוגעזאָגטע לאַנד!...

שבט אפרים

צוועלף זענען זיי, די שבטים, וואָס וווינען אין גושן,
און אַלע, חוץ שבט אפרים,
שקלאַפןביים בויען פּתום ורעמסס,
די ערי־מסכנות פון מלך מיצרים.

אַלע קנעטן זיי ליים, נישטערן שטרוי און ברענען ציגל,
און רייסן פון די סקאַלעס שטיינערנע בלאָקן;
בלויז אפרים וויל נישט דינען די פּרעהס
און קעמפט פאַר זיין פרייהייט אומדערשראָקן.

בלויז ער טראָגט האַלב־נאַקעט זיין גוף, ווי דער מיצרי,
געפּענדזלט מיט דופטיקע פאַרבן,
און ווען ס'זאָל נאָר שלאָגן די שעה פון מילחמה —
איז ער גרייט אויפן שלאַכט-פעלד צו שטאַרבן.

אַ כעסן איז ער, אפרים, ווי אַ לייב אין זיין צאָרן,
און נישט קיינער באַהערשט אים מיט בייזן.
און ער זאָגט: — אַז אויב יה האָט פאַרגעסן זיין שבועה,
טאָ דאַרף מען אַליין זיך דערלייזן.

ער אַנטלויפט אין דער מידבר אויף אומענדלעכע וואָכן
און געוווינט זיך צו אַלערליי פּלאָגן,
צו קוקן דעם טויט, אָן שרעק, אין די אויגן,
און הונגער און דאָרשט צו פאַרטראָגן.

ביז ער וועט, אין שטאַרקייט, ווי אַ ווינט פון דער מידבר,
אַ פייף טון אויף גושן זיין אָטעם,
דעם פלאָם פון זיין ווילן, אין קלאַנג פון כלי־זין,
מיט מאַכט צו באַפרייען די שבטים.

סיסראָ

אײַזערנע רײַט־װעגן — סיסראָס פּאַרמעג, —
שטײען געװאָפּנטע, גרײט צום געיעג.

פערד — מיט די העלדזער, װי בױגנס געשפּאַנט,
און קריגער מיט שװערדן און שלײדערס אין האַנט.

און ס׳קרעכצט און עס יאָמערט פאַרביטערט כנען
אויף סיסראָ, דעם שררה, אויף אַלץ, װאָס איז זײַן.

און סיסראָ איז זיכער, און רויִק, און שטאַרק.
ער הערשט איבער טאָלן, ער זיצט אויפן באַרג.

דער װײַן און דער גערשטן, דאָס גוטס אויף דער ערד,
דער װײץ און די טײַטלען — צו אים אַלץ געהערט.

פון בינען דער האָניק, די מילך פון די קי,
און ס׳בויגן די קעמלען פאַר אים אײַן די קני.

און ס׳שלאָגן די מענטשן די שטערנס אין דער ערד,
װען סיסראָ באַװײַזט זיך מיט שטאָלץ אויף זײַן פערד.

װען סיסראָ באַװײַזט זיך — אַנטלויפן פון פעלד
די װײַבער און מײדן צו זיך אין געצעלט.

זײ װאַרפן די קרוגן מיט װאַסער אַװעק
און לויפן, װי אינדן, צעטומלט פון שרעק.

און סיסראָ טרײַבט לוסטיק דאָס פערד אין גאַלאָפּ
און פילט נישט די קללה, װאָס הענגט אויף זײַן קאָפּ.

און סיסראָ איז פרײדיק און גרײט צום געשלעג
און פילט נישט, אַז ס׳זענען געצײלט זײַנע טעג.

געזאַנג און געוויין פון יפתחס טאָכטער

פרייד אויף אַלע וועגן,
זיג אויף אַלע שטעגן!
שוועסטער, טעכטער גילעדס,
קומט מיט מיר אַנטקעגן

יפתח, אונדזער קריגער!
— יפתח, טאַטע ליבער!
פרייד און ברכה ברענגסטו
אויף ישראלס שטיבער.

בלומען לאָמיר פליקן,
צו די פיס אים וואַרפן!
פירט מיך, פירט צום טאַנצן, —
פויק און קלאַנג פון האַרפן!

איך וועל זיין די ערשטע,
ווירבל־טאַנץ און שטראַלן.
ווי אַ זאַנג פון שניטער —
פאַר די פיס אים פאַלן.

שיינע גילעדס טעכטער, —
איך וועל גיין צום ערשטן:
טאַטע, הויב דיין סערפּ אויף,
שנייד פון זיג דעם גערשטן.

פליִען ווייסע טויבן,
פליִען אין אַ טשאַטע.
— יפתח, ס׳גייט דיין טאָכטער
דיר אַנטקעגן, טאַטע!

— גרויס איז ער, מיין פּאָטע
און פון יעדן בעסער.
טויזנטער גיבורים
פאַלן פון זיין מעסער.

גוט איז ער, מיין פאָטער,
זיס, ווי זאַפט צום גומען, —
לאָמיר אים פאַרפלעכטן
מיט האָניק־קוש און בלומען.

דורשטיק איז מיין בענקשאַפט,
ווי אַ לאַם ביים ברונען;
איצטער האָב איך ווידער,
טאַטע, דיך געפונען.

בענטש מיך, נעם מיך ווידער
מיט דיין ליבשאַפט צערטלען.
יפתח, טאַטע, יפתח,
פאַסטוך פון די הערטן!

וויי־געשריגן! טרערן... —
יפתח רייסט די קליידער...
— ווען איך באַשווערן
האָסט געטון אַ נדר?

— טאַטע, יפתח, טאַטע,
לעמפערט, אומדערשראָקן!
קנייפּ נישט לייב און גלידער,
רייס נישט באָרד און לאָקן!

— זינגט נישט, גילעדס טעכטער!
האַרפן, שטומט אין טרויער!
ס׳זינקט פון גרים צעבראָכן
גילעדס פעסטונג־מויער.

ס׳ליגט אין שטויב דער פּאַנצער.
— ווי דיר, טאָכטער, ווי דיר!
קבר, קום, באַגראָב מיך,
נעם מיך מיט מיין נדר!...

— טאָכטער, קינד מיינס, אינדיין!
ווּעסט מיך מער נישט פרייען.
ס׳לייב מיינס וועל איך שינדן,
אָכצן כ׳וועל פון ווייען...

— טאָכטער, שאָף, מיין שטילע!
ווינען וועל איך, בענקען,
און אין גרוב אַפילו
תמיד דיך געדענקען.

וואַרפט אַוועק די פויקן,
פידלען זאָלן שטומען!
— טאַטע, גיבור, יפתח!
לויב דיר! ביסט געקומען...

איך אַליין וועל זינגען,
דיר דעם ווי פאַריאָגן.
ווין נישט, גיבור יפתח, —
האָסט דעם פיינט געשלאָגן.

אַלע בערגער טאַנצן,
טאָלן הויך דערהויבן:
„יפתח הגילעדי״ —
זינגען זיי און לויבן...

— טאַטע, יפתח, טאַטע!
טאַנץ מיט מיר צוזאַמען!
עמון האָסט פאַרטריבן,
האָסט פאַרטריבן עמון!

וועמען זאָל עס אַרן? —
האָסט אַ לייב דערשלאָגן.
איצטער וועל איך זינגען,
שפּעטער וועל איך קלאָגן!

יפתח הגילעדי!
שטעגן, וועגן, פרייט זיך!
פעלדער, וועלדער, דערפער, —
יום־טובדיקע גרייט זיך!

יפתח הגילעדי!
טאָלן, טייכן, ימען,
הימלען, הויכע היגלען, —
טאַנצט מיט מיר צוזאַמען.

אָ, דעם טאַנץ, דעם לעצטן,
לאָמיר איצטער טאַנצן,
נאָכדעם באַלד פאַרגעסט מיך,
אייביק שוין, אינגאַנצן.

אויף אַ באַרג כ'וועל זיצן,
אין אַ הייל פון היילן,
און מיט ביימער, גראָזן
כ'וועל מיין טרויער טיילן.

פייגלען וועלן זינגען,
ביימער וועלן רוישן,
ווינטער... פרילינג... זומער...
האַרבסט וועט אַלץ פאַרטוישן.

מיידלעך וועלן קומען,
טרויערן, באַוויינען...
זינגט, איר הויכע היגלען,
ציטערט שטיל, איר פליינען.

יפתח הגילעדי!
טאַטע, האַר, באַפרייער!
לייז דיך אויס פון נדר
מיט מיר, וואָס כ׳בין דיר טייער...

שימשון

אויף שפּאָט פון די פּלישתּים שימשון שטייט אַצינד
אין טעמפּל פון גאָט דגון, הילפלאָז ווי אַ קינד.

דאָס שיינע, מילדע פּנים — פאַרקריפּלט און געשענדט,
און די ליבסטע אויגן — מיט פייער אויסגעברענט.

ער פילט אַרום זיך געצן, וואָס קוקן פרעמד און בייז,
און אויף זיין שדי־שטערן — פּערלט זיך אַ שוויס.

דער פיינט, ער טאַנצט און יובלט. ער הערט זיין האַס און שפּאָט:
וואָס מאַכסטו, שימשון הגיבור? ווו איז דיין שטאַרקער גאָט?

וואָס קומט ער דיר נישט העלפן? לאָז שאַלן הויך דיין שטים:
„וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן? אדוני, אלוהי, אלוהים!"

ער ברומט פון צער און פאַרצווייפלונג, מיט שטילן געפליסטער אַזוי:
אַ, שימשון, ווער האָט דיך פאַרראַטן? דיין ליבסטע, די גוישע פרוי!

געקושט דיך, געהאַלדזט און געצערטלט, געגעבן דאָס געטלעכסטע גליק —
און אַזוי דיר די האָר אָפּגעשוירן און די אָרעמס געבונדן מיט שטריק.

איצט טאַנצן אַוודאי די שונאים אַרום איר, אין פרייד־קאַראַהאָד:
„אַ לויב דיר, דו שיינע דלילה, אין נאָמען פון דגון, דעם גאָט!"

ער קריצט מיט די ציינער פאַר ווייטיק. כאָטש איין מאָל ווען ער
וואָלט געקענט,
דאַן וואָלט ער צעשמעטערט אויף שטיקער די מעכטיקע זיילן און ווענט.

אָט שפּרייט ער די אָרעמס פונאַנדער, די אויגן צעווונדיקטע, רויט,
דאָס מויל און די ליפּן, די ציינער — אַלץ שעפּטשעט: נקמה און טויט...

נאָך איין מאָל... און פּלוצים דערשפּירט ער אַן אָנשטראָם פון כוחות אַ סך.
דער טעמפּל מיט גרויל גיט אַ ציטער און ס׳פּאַלט, ווי אַ דונער, דער דאַך.

און אונטער אים — שונאים, פּלישתּים, אומצאָליקע, גרויסע און קליין,
און צווישן זיי שימשון, דער גיבור, באַדעקט מיט אַ ריזיקן שטיין.

דער נביא

דורך פעלדזן און היילן פירט צו אַ פּאַלאַץ,
ווו ס׳שלאָפט שוין אַ נביא פון יאָרן.
עס היטן צוויי לייבן די מאַרמאָרנע שטיגן,
אַז ס׳זאָל זיי נישט קיינער באַטרעטן.
און ס׳הענגען דאָרט אָדלערס שטום אין די הייכן
און היטן די גאָלדענע לייבן.

עס שטייען דאָרט ריזן, ווי בראָנדזענע זיילן,
און קאָנען פון אָרט זיך נישט רירן;
און קאַרליקלעך צוואַנציק, באַוואָפנט מיט שפּיזן,
היטן פאַרשטיינערט די טירן.

און ס׳זענען דאָרט ביימער אין אייביקער גרינקייט,
און קאָנען נישט וועלקן, נישט בליִען;
און שוועלבעלעך יונגע דאָרט הענגען אין לופטן,
פאַרגליווערט אין מיטן דעם פליִען.

און ס׳ליגט דאָרט אַ טייכל, ווי זילבער צעגאָסן,
אין שויס פון אַ בלומיקן באָרטן —
און אַלץ איז דאָרט אייביק מיט שוויגן פאַרשלאָסן,
און ס׳רירט זיך קיין זאַך נישט פון דאָרטן.

און לאַנג ועט דאָרט דרימלען און וואַרטן דער נביא,
געהיטן פון ריזן און לייבן, —
ביז ס׳וועט זיך דאָס פאָלק זיינס, וואָס ווינט אין די טאָלן,
צום גאָלדענעם פּאַלאַץ דערהייבן.

לאנדשאפטן

לאַנדשאַפטן

קום, פריינד מיינער, שליסן פאַרוואַנדשאַפטן
מיט נייע עקזאָטישע לאַנדשאַפטן.
מיט שניי־בערג און פעלדער טיף־טאָליקע
און טעמפּלען אינקאַיִש־אַמאָליקע,
ווו געטער, אין גרימצאָרן, הויערן
אויף חורבות פון שטיינערנע מויערן.
ווו קאָנדאָרס מיט אימהקן פלאַטערן
טראָגן זיך הויך איבער קראַטערן,
וואָס שיסן מיט שטיינער מיט פייערנע
און שפּייען מיט וואָלקנס מיט בלייערנע.
ווו שטראָמען פון היילן פאַרלוירענע
ווערן אויף ווידער געבוירענע
און שלענגלען זיך, איילן אַנטשלאָסענע
אין וויטן, ווי זילבער צעגאָסענע.
קום, פריינד מיינער, זוכן פאַרבינדעניש
מיט דזשונגלעס, מיט וועלדער און ווילדעניש,
ווו ס׳לויפן נאָך נאַקעט קרום־נאָזיקע
אינדיאַנער דורך פּאַמפּאַס הויך־גראָזיקע
און קוק, ווי עס סטאַרטשען קאַיאָריקע
„וויקוניאַס", פלינק־פיסיק, לאַנגהאָריקע
אויף פעלדזן, אין בליאַסק פון באַקאַנטשאַפטן
מיט זון־גאָלד פון לאַנדשאַפטן, לאַנדשאַפטן...

לידער, לידער, לידערליי

לידער, לידער, לידערליי!...
עפּעס טוט אין האַרצן וויי.
עפּעס ציטערט אין געמיט —
נישט מיט טענער פון אַ ליד,
נאָר מיט טרויער, נאָר מיט פּיין.
ערגערס קאָן שוין גאָרנישט זיין.
ווי ביינאַכט, אין אָוונט־שטיל,
זעגט ביי מיר אין האַרץ אַ גריל:
עפּעס... עפּעס... גיי פאַרשטיי,
לידער, לידער, לידערליי...

זאָל עס זיין די האָניק־בין?
צי די בלויע „גאָלאָנדרין״?
אין דעם וייטן פּאַמפּאַ-לאַנד
ווײנט מיין האַרץ אַלץ נאָכאַנאַנד.
איבער פעלדערס פריש פאַרזיי,
ווען דער האָן נאָר טוט אַ קריי,
ווערט צעפליקט מיין האַרץ אויף צוויי;
לידער, לידער, לידערליי...

ס'איז קיין שוואַלב שוין מער נישטאָ,
נאָר די גאָלאָנדרינע — דאָ.
נישט מיין פּאַווע פון דער היים
קומט מיט טרייסט צו מיר געהיים,
נאָר אַ „טעררראָ־טעררראָ״ גאָר
יאָמערט איבער מיינע יאָר,
פאַרביק, הויך, אין פלי־געדריי,
לידער, לידער, לידערליי...

נישט קיין תפילה פון בעל־שם
נעמט מיך פרום אַרויס פון קלעם.

נישט קיין צערטלעך מאַמע־וואָרט
מאַכט מיר ווייך דאָס נייע אָרט.
ווי אַ יונגער צווייג פון בוים
וואַלגערט זיך אַרום מיין טרוים
איבער דזשונגלס, פּאַמפּאַ־סטעפּ,
איבער הויכע אַנדן־טרעפּ,
אין דעם פרעמדן ווינט־געוויי,
לידער, לידער, לידערליי...

און פון ערגעץ פּוילן־לאַנד
ווינקט צו מיר נישט מער קיין האַנט,
זינגט צו מיר נישט מער קיין ליד —
אויסגעבערענט דער נאָמען ייִד!
אויסגעבערענט ביז לעצטן גרונט.
יאָמערט אין מיין האַרץ אַ הונט
און באַגלייט מיך, וווּ איך גיי:
לידער, לידער, לידערליי...

קאָנוועגטיזשעס

אין הייזער אָרעמע, באַשאָטנטע מיט טרויער,
אין שטיבער פינצטערע, פאַרשטעלטע מיט אַ מויער,
זשומט און רוישט די פרייד צוזאַמען מיט דעם אומעט,
קראַנק און נאַקעטיקערהייט אַרומעט.
עס טרילט אַ פייגעלע און גרינע פאָפוגייען
שעלטן: „אין דער מאַמען״, מיט שרעקלעכע געשרייען.
און ס׳זינגען לידלעך אויס אויף הייזעריקע טענער —
ווייבער שמוציקע און פוילע איטאַליענער.
עס גייט די שווערע נויט מיט קראַנקע קינדער טאַנצן
און ס׳טראָגט אַ ריח זיך פון שפּאַרעס, פול מיט וואַנצן.
און ס׳איז דער הויף מיט אָפּפאַל פול פון שפּייז און ציגאַרעטן
און שוואַרץ־פּאָלירטע פליי שפּרינגען אום אויף בעטן;
ווי ס׳וואָלט אַלץ בולטער די נויט געוואָלט אַנטפּלעקן —
דאָס בילד, אַן עקלדיקס מיט אַלע פרייד און שרעקן.
ווען ס׳נעמען הייזעריק, האַלב זעקס, די זייגערס קלינגען,
קומען צ׳ריק אַהיים פון אַרבעטס־פּלאַץ די יונגען,
הונגעריק, ווויל־יונגעריש, פייפנדיק אַ טאַנגאָ,
און ס׳קומט זיי דומף אַנטקעגן, — דער שמאָלער הויף, דער לאַנגער —
מיט פייכטער טוכלעקייט, מיט קעכלעך פאַר די טירן,
ווו ס׳לויפן אום די מייז, פראַנק און פריי שפּאַצירן.
און ס׳קומען באַלד נאָך זיי די מיידלעך אָן צו שפּאַנען,
איינער נאָך דער צווייטער, ווי אַ קייט פון שוואַנען.
אין לייכטע זומער־קליידלעך, אין לייב־קאָלירטע זאָקן,
מיד און אָנגעפּודערטע, מיט גלאַנץ פאַרקעמט די לאָקן.
און זיצנדיקע טרעפן זיי אין דרויסן שוין די טאַטעס,
וואָס טרינקען מיד, מיט זשעדנעקייט, אַ מאַטע נאָך אַ מאַטע.
און שווער אין אַוויר דושעט זיך דער רויך פון אַן „אַסאַדע״*)
און ס׳שפּילט אַ נעגער־יונג אין הויף אַ סערענאַדע.
עס קומט קיין טראָפּן לופט נישט צו צו קאָנוועגטיזשעס.

---

*) פליייש געבערנט אויפן פייער

מיט קראַנקע, שווערע פיס, מיט ווייטיק אין די קריזשעס —
גייט אום דער אַלטער דור מיט זיפצן און מיט קרעכצן,
און ציילן... יאָר באַגראָבן דאָ: פופצן, אָדער זעכצן...
צי אפשר מערער נאָך, ווער וויל עס גאָר געדענקען?
דערמאָנען זיך: אין נויט, אין טויט, אין קינדערלעך, וואָס קרענקען.
ביז ס׳קומט די נאַכט אַ הייסע אָן און מאַכט דערשטיקט צו ווערן,
און שמאָל דער הימל שפּרייט זיך אויס, מיט בלישטשענדיקע שטערן.
און פאַר די טירן ליגן מיד די איינוווינער און כראָפּן,
און ס׳רינט אויף זיי פון וועש אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן:
טריפּ, טראָפּ, ווי פאַר אַן אָנהויב שטורעם, ווי פאַר אַ געוויטער,
נאָר ס׳ליגט די קאָנוועגטיזשע מיד, אָן מינדסטן רעג, אָן ציטער...

דער אָמבו

פול מיט צווייגן, אַ צעשפּרייטער,
אויף אַ קליינעם בערגל שטייט ער,
דער פאַרחלומטער אָמבו.
זיינע גרין־געדיכטע בלעטער
ברענגען שוץ פאַר הייסן וועטער,
שענקען שאָטן, פריד און רו.

סיי אין ווינטער, סיי אין זומער,
שטענדיק שווייגנדיק, — אַ שטומער,
רופט ער מידע, דאָ און דאָרט,
מיט די צוויגן ווייט־געווענדטע
און דער שטורעם, די טאָרמענטע,
רירט אים קיינמאָל נישט פון אָרט.

מעשיות פול, פון פרייד און זאָרגן
ליגן סודותדיק פאַרבאָרגן
אינעם שאָטן פון אָמבו.
ווען אין שטילן, שטילסטן שווייגן
נעמען רוישן זיינע צווייגן,
הערט זיך צו די מעשיות צו...

אין שיין פון לאַמטערן

אַ קרענקלעכער נאַכט־פלעק איז שיין פון לאַמטערן.
קאַפּעען און שענקען מיט שפּיל פון ביליאַרד.
אין האַלבער פאַרטויבטקייט אַ שטים טו איך הערן:
וואָס זיצסטו פאַרגולמט, גרויס־שטאָטישער באַרד?

דו האָסט נישט קיין פידל, קיין פויק און קיין האַרפע?
לאָז ברומען אַ ניגון פון ווייטיק — דיין וואָרט,
מיט דונער פון זילבן צעשטער און פאַרשרפע
די נגוה פון איבל, פון זנות און פון מאָרד.

דעם ביר אויסגעזויפן. דער שוים איז געבליבן,
און ס׳זעצט אין דער לופטן אַ קרענקלעכער דזשאַז.
ווי עמיץ וואָלט מוראַשקעס בייזע פאַרטריבן
צו דיר אין די בלוטן — דער פיין און דער האַס.

אַנטלויף און באַפריי דיך פון רויך, פון די רינגען,
וואָס זויגן, ווי שלאַנגען, דיין מאַרך און דיין זאַפט!
נישט לאָז דיך פון גיפטיקן לאַנגווייל פאַרשלינגען,
צערייס דיך פון גליווער מיט לידער פון קראַפט.

ריאַטשועלאָ

די קרבנות פון 12טן יולי 1930

באַגינען,
מאָרגנפרי,
אַ נעפּל שפּרייט זיך איבער גאַסן אויס.
גייט דער אַרבעטער פון שטוב אַרויס.
און טריב, מיט בענקעניש קוקט אים נאָך זיין הויז...
ווו לויפט ער און ווו איילט ער דאָס אַצינד
אין קאַלטן מאָרגנפרי,
אין רעגן, סליאָטע, ווינט,
פאַרלאָזנדיק זיין ווייב,
פאַרלאָזנדיק זיין קינד?...
דאָס רופן די סירענעס, „אָנזאָג״ פון פאַבריק;
און ס׳הוזשען די טראַמווייען שוין מיט אימפעט, הין און צ׳ריק.
פאַרשפּעטיק נישט, די צייט איז קורץ, דער וועג איז לאַנג!
אַן אויגנבליק, אַ פלי, אַ שפּרונג
און כאַפּ זיך אָן אין דעם, וואָס לויפט, אין מיטן גאַנג...

דער ווינט, ער פייפט; דער ווינט איז ווילד,
ער פרייכט, ער קייכט, ער ברומט און שילט,
און דער נעפּל קנוידערט זיך אַלץ פינצטערער צונויף,
און עפּעס שניידט זיך דורך דער פינצטערניש און טראָגט זיך ווילד אין לויף...

אָנגעפּאַקט, צונויפגעדריקט,
מאַן אויף מאַן, קאָפּ אויף קאָפּ
און אַ טראַמוויי-אויג מיט געלן שווידער קוקט;
קיינער ווייסט נישט, קיינער קלערט נישט פונעם טויט;

דער טייוול טראָגט זיך, יאָגט זיך
אינעם נאָמען הייליקן פון נויט...
גיכער, מאָטאָרמאַן! בלייב נישט שטיין, נישטאָ קיין צייט,
די שעה איז קורץ, דער וועג איז ווייט!
שוין רופן ווידער די סירענעס און זיי שרייען הויך,
און די קוימענס שטיקן זיך מיט פולע גומענס רויך.

ווער ס׳דרימלט נאָך, זיך וויגנדיק, צום לעצט־מאָל אויף אַ באַנק,
און טראַמוויי־רעדער גרילצן אויס אַן אויסטערליש געזאַנג:
העי, ווי קאַלט עס איז, וואָס זאָגסטו, חבר, צו דעם פראָסט?
און דער נעפּל גריזשעט, פרעסט און פרעסט דאָס לייב מיט נאַסן ראָסט.

העי, וואָס יאָגט עס שנעל מיט אימפּעט דער טראַמוויי
און שניידט שאַרף גרילצנדיק די לופט אַדורך אויף צוויי?
נישט קיין רוחות טרייבן אים, פון מאָטאָרמאַן די האַנט,
האַלט אים אינעם ווילדסטן פּענד, עלעקטעריש געשפּאַנט.
אָט אַזוי! וואָס גיכער יאָג און אייל! עס בלענדט דאָס ליכט,
און ווייס ווי קאַלעך איז דעם מאָטאָרמאַנס געזיכט —
צוויי אויגן, רויטע, וואָרענען אַקעגן אים מיט שיין:
געוואַלד! בלייב שטיין! דעם לויף האַלט איין!!!
דו ביסט ביים ברעג, ביים טייך, ביים ראַנד!!!
נאָר ס׳זעט נישט מער דער מאָטאָרמאַן, געליימט איז זיין פאַרשטאַנד.

דער „ריִאַטשועלאָ“ וואַרט מיט מוטנעקייט, מיט עיפּושדיק געדולד,
ר׳איז פול היינט — איבערפולט —
מיט וואַסערן; די בריק איז אויפגעהויבן, אָפּגערוקט פון אָרט
און מיט אָרעמס אָפענע וואַרט דער שטראָם, דער ברודיקער, ביים באָרט...

עס גיט אַ פלי, אַ ברום פאַראיינמאָל מענטשלעך פיין,
און עפּעס פאַלט מיט ראַשן בראַזג אין ווילדן שוים אַריין.
דאָס וואַסער שטורעמט אויף, עס קאָכט, צעשוימט זיך ווילד,
עס הערט אויף רו׳ק זיין און שווער ס׳זאָל זיין געשטילט.
דען קולות מענטשלעכע צערייסן באַלד די לופט.
דער מענטש, דער שיפער־יונג, אין מיט פון טייך, פאַרצווייפלט רופט;
די שיפלעך איילן זיך פון אומעטום, פאַרווירבלטע אין שטראָם.
עס טרייבט דער ווינט דעם רוף דעם מענטשלעכן,
טומל, רעש, ווירוואַר —
העי, גיכער העלפט!
ראַטעוועט!
געשווינד!

געפּאַר! געפּאַר!! געפּאַר!!!
אַ וויסט צוזאַמענלויף פון מענטשן,
מאַן און ווייב און קינד.
אַן אומגעזעענס לעבעדיקס דערוואָרגן ליגט אין תהום...
טרויער, צאָרן, כעס, אויפברויז און געוויין.
די טויבערס אַרבעטן. דער טאָג איז ווינטיק־קאַלט, ר'איז נאַס
און הילפלאָז שטייט די גאַס...

מען ציילט די טויטע שוין — פאַרבלוטיקטע, פאַרשמירט, פאַרקלעבט
מיט ליים,
נישטאָ שוין פאַר זיי מער דער חלום פון אַ היים.
ווייבער, קינדער, עלטערן, — אַ יאָמערן, אַ קלאָג —
און קאַלט און וואַסערדיק צעגענעצט זיך דער טאָג.

אונדזער נאַכט, אונדזער לייב און אונדזער קלייד

(קאַרנאַוואַליש)

אונדזער נאַכט, אונדזער נאַכט
איבער אונדז מיט חוזק לאַכט,
און באַגיסט אונדז העל מיט שיין,
אַז עס זאָל אונדז היימלעך זיין.
היימלעך, היימלעך אויף דער וועלט!
כאָטש דאָס פּנים איז פאַרשטעלט
מיט אַ מאַסקע אויף געשפּעט,
נאָר דאָס לייב מיט ווערטער רעדט,
רעדט און וואַרפט זיך, ווי אַ שפּין
אויף אַ פאָדעם לאַנג און דין.

אונדזער לייב, אונדזער לייב
איז אַ שפּיל אויף צייט-פאַרטרייב,
וואָס באַצווינגט אונדז קאָפּ און האַנט,
גאַנצע שעהן נאָכאַנאַנד,
און פאַרשיכורט אונדז מיט וויין,
אַז עס זאָל אונדז היימלעך זיין.
היימלעך, היימלעך ביז צום טויט,
אין אַ קלייד פון גאָלד און רויט,
אין אַ קלייד פון גרין און בלאָ,
ביז עס קומט די לעצטע שעה.

אונדזער קלייד, אונדזער קלייד
איז מיט פאַלשן גאָלד באַנייט,
און באַפּוצט מיט פּליוש און זייד,
ביז עס מאַכט אונדז ווילד פאַרשייט.
און פאַרשלייערט אונדזער פּיין,
אַז עס זאָל אונדז היימלעך זיין.

הימלעך, היימלעך ביז צום גרויל,
און פאַרקרימט אונדז ווילד דאָס מויל
מיט אַ שרעקלעך פרעמד געוואַלט:
ווי איז אונדז אין גאָטס געשטאַלט!...

אַלמאַסענען

(אַרגענטינער מאָטיוו)

אינעם הינטערגרונט פון טיפע אַלמאַסענען
פירט אין שענק אַריין אַ יעדער לעצטע טיר.
ביז האַלבער נאַכט און מער — די לאָמפּן דאַרטן ברענען,
און ס׳פעלט נישט אויס קיין וויין, און ס׳פעלט נישט אויס קיין ביר.

און וואָס טוט מען נישט אויס לאַנגווייל אין די שענקען?
מען טרינקט אָן אויפהער וויין און מען עסט קאַשטאַנען.
און אפשר וועט מען דאָך אַהיים אַזוי נישט בענקען,
ווו עס איז אויף עלנטקייט אַ האַרציק ווייב פאַראַנען.

און האַלב פאַרנעפּלטע צווישן רויך און פעסער,
אין מיט פון קאָרטן־שפּיל צי גאָר ביים וואַרפןביינער,
בליצן אויגן אויף און ס׳גיט אַ בלאַנק אַ מעסער,
און עמיץ כריפּעט שוין מיט אויסגעשטאַרצטע ציינער.

איצט שלאָף, דו עלנטער, איצט דאַרפסטו מער נישט קלערן.
עס האָט דיך ס׳לעצטע מאָל דער צער אין שענק געטריבן.
און אין דער ווייטער היים וועט ווײנען שטיל דורך טרערן
דיין ווייב, אַן איינזאַמע, וואָס איז נאָך דיר געבליבן.

אַרגענטינע

אַרגענטינע, דו לאַנד מיינס, געחלומטס
מיט שטעט און מיט ייִדישע פויערן! —
ווי קאָן איך דען שליסן איצט שלום
מיט דעם, וואָס איך מוז דיך באַדויערן.

איך האָב דיך אין לידער געצערטלט,
און דו — האָסט פאַרשטאָפּט דיינע אויערן.
איצט ליגט מיין נשמה צעפּערטלט
ביי דיינע פאַרלאָזענע טויערן.

איצט טראָג איך דיין לאַסט אויף די אַקסלען,
וואָס מאַכט מיין געביין, עס זאָל ציטערן.
אַרגענטינע, דו לאַנד מיינס, צעוואַקסנס —
ווּעסט מער נישט מיין לעבן פאַרביטערן?...

דיין ערד האָט געשפּרייט מיר מיט האַרטקייט
אַ וועג, פול מיט דערנער און שפּליטערן.
דאָך האָב איך פול לידער פון צאַרטקייט
געטראָגן דורך דיינע געוויטערן.

מיין ליד האָט דאָרט ווייט אין די זאַמדן
געלייטערט זיין פּיין, ווי אין פייערן —
איצט שיק איך „פון יענער זייט" אַנדן,
אַרגענטינע, אַ גרוס דיר, אַ טייערן!

בערג

בערג
און בערג
אַרום
און
אַרום...
קלעטערן, קלעטערן
שווייגנדיק שטום.
אויסטערליש, אימהדיק, שניי אויף די קעפּ,
אָפּהאַנגען־בערג, טרעפּ איבער טרעפּ.
אייניק געשמידטע,
קייטן אויף קייט.
אַרויף און אַראָפּ,
קרום־בייכיק געדרייט,
גיגאַנטן און ריזן — פּאַר שטורעם — אָן שרעק,
וואָס שפּרייזן אויף היגלען, העט וייט, ווייט אַוועק.
וואָס קריכן, פאַרקריכן זיגזאַגיק־קרום,
וואָס שלינגען, פאַרשלינגען דעם אויטאָס געברום.
באַשאָטנט, צעריסן, פאַרגליווערט און שטאַר,
העל־זוניק צעזונגען און טונקל פון צער.
גאָלד־גיניק, בלוי־רויטלעך, באַוואַקסן אויף גרין,
אַ קער און אַ ווענד — אַהער און אַהין.
אַ שפּרונג און אַ דריי, אַ ראָד און אַ רינג,
גרויס־ברוסטיק פאַרפּאַנצערט, גרין־גראָזיק און יונג.
שפּילנדיק, פאַלנדיק, שטייגנדיק אויף.
אָ, וווּנדער פון אויפשטייג אין חלום אין־סוף.

עס שימערט סאַנטיאַגאָ, די שיינע

עס שימערט סאַנטיאַגאָ, די שיינע,
אינמיטן די בערגער אַרום.
מיט גאַסן, וואָס רוישן און זינגען,
מיט קלויסטערס, וואָס דאַווענען פרום.

מיט פלעקן, מיט בלוי און מיט פאַרבן.
מיט בלומען, מיט פירות און פלאַנץ,
כאָטש נעם און צעהוליע זיך לוסטיק,
און גיי אַ משוגענעם טאַנץ.

עס שימערט סאַנטיאַגאָ, די שיינע,
און שמייכלט מיט איידעלן חן,
מיט מיידלעך, מיט ווילדע, ווי פייער,
אַזש ס׳ברענט אונטער פיס זיי דער שטיין.

מיט ליבשאַפט אויף פנימלעך צאַרטע,
מיט ריטם אין איידעלן גאַנג.
עס שימערט סאַנטיאַגאָ, די שיינע,
אויף אייביק אַ ליכטיק געזאַנג.

געוועזן איז אַן אָרעמער יונג

געוועזן איז אַן אָרעמער יונג מיט באָרוועסע, ברודיקע פיס,
מיט קליידער צעפליקט און צעריסן, דאָס פּנים געשטופּלט און מיאוס.

ער האָט נישט קיין חבר געהאַט, זיין לעבן געוועזן איז אַ סוד;
ווער ס'האָט אין דער גאַס אים געזען, דער האָט פון זיין פּנים געשפּאָט.

געוועזן איז ער אָרעם אַזוי, וואָס אָרעמער קאָן שוין נישט זיין.
מיט ווייך און מיט „טשיטשאַ"־געטראַנק ער האָט נישט פאַרשיכורט
זיין פּיין.

ער האָט אין זיין בוזים געטראָגן אַ גוטסקייט צו אַלץ אויף דער וועלט;
אַליין אינעם רעגן געטאָפּטשעט, געציטערט פון נעץ און פון קעלט.

געטראָפן אַ קינד אַ פאַרלאָזנס! — ער האָט עס מיט ליבשאַפט געגלעט;
געגאַנגען אין טומל פון גאַסן, געשמייכלט צו זיך און גערעדט.

עס האָבן די הינט, די פאַרלאָזטע, געלעקט און געקושט זיינע הענט,
און ס'האָבן די שטאָטישע טויבן זיין שמייכל פון גוטסקייט דערקענט.

ביי זיך אויף זיין אָרעם געלעגער, ווען ער איז געלעגן אַליין,
דאַן זענען פון גאַנץ סאַנטיאַגאָ די בעטלערס געקומען צו גיין.

זיי האָבן פון שלאָף אויפגעוועקט אים, געשטעלט זיך אַרום אין אַ רינג,
און בייזע געהייסן אים טאַנצן, און שטרענגע באַפוילן אים: זינג!

ער האָט זיך מיט זיי נישט געדונגען, געזונגען אַזאַ מין געזאַנג,
וואָס ווער עס האָט עס געהערט נאָר, דער וועט עס געדענקען אויף לאַנג.

סאַנטאַ לוסיאַ!

פון פעלדז און שטיין, דו בוים, דו באַרג!
דו מויער־וואַנט און טורעם־קאַרק.
דו בלומען-בייט און קווייטן־קוסט,
איך זינג צו דיר מיט פולער ברוסט:
סאַנטאַ לוסיאַ!

שוין שטייג איך הויך, איך קלעטער דרייסט,
דו, זונען־באַרג! ווי שיין דו גייסט
מיט טרעפּ אַרויף, מיט שטעג און שליאַך,
דו ביסט אַ ווילדע צויבער־זאַך —
סאַנטאַ לוסיאַ!

דו שיינסט מיט גרינס פון יעדן פּאַלב,
און איך וועל זיין דיין יונגע שוואַלב.
אַ זינג, אַ שפּרונג, פון גליק אַ פּלי,
מיט לויב פאַר דיר, מיין באַרג, איך קני,
סאַנטאַ לוסיאַ!

מיין אָטעם שטייט, דער פוס ווערט מיד,
נאָר שטאַרקער שוימט, ווי ווײַן מיין ליד.
עס זינגט אין מיר דאָס גאַנצע לייב,
ביסט שענער, ווי דאָס שענסטע ווייב —
סאַנטאַ לוסיאַ!

איך שטראַל און כ׳פּיל אַ גליק, אַ העלס,
דו גרינער באַרג, דו שטומער פעלדז!
דו שטיינער־קרוין, דו טורעם־בלום,
אָט זינג איך ייִדיש צו דיין רום —
סאַנטאַ לוסיאַ!

דער אָפּגעריסענער

דער אָפּגעריסענער, מיין גאָט,
ער דאַרף קיין טרייסט נישט האָבן.
לאַנג שוין האָט ער זיינע טרוימען
אין דער ערד באַגראָבן.

ווילדע אויגן, שויבער־באָרד,
ברודיק לייב דורך קליידער־ריסן.
— זאָל דיין קאָפּ אויף מיר נישט דאַרן,
קלוגער, מענטשלעכער געוויסן.

— כ'האָב מיט „טשיטשאַ“, רויטן ווייַן
חזיריש זיך אָנגעטרונקען.
זע איך נאָר אין פיבער־וויזיעס,
ווי צו מיר די שטערן ווינקען.

נאַסער רינשטאָק — זיסע רו...
גוט אַזוי צו כראָפּען, דרימלען...
און אויף זילבער־וואָלקנס שוועבן
העכער צו די בערג און הימלען.

נאָר נישט וואַך זיין, זין איז סם
פאַר די אויפגעלייזטע חושים.
נעם אַרום אַ שטיין, אַ מענטשן, —
און מיט טרערן האַלדז אים, קוש אים.

אָט אַזוי, דו, חבר שטיין!
העלף אים שרייען, זינגען, לאַכן,
ביז דער גאָט פון לויטער גוטסקייט
וועט די אויגן אים פאַרמאַכן.

װונדער פון גאַסן סאַנטיאַגישע

איבער די גאַסן סאַנטיאַגישע
טומל, געדויש און ווירוואַר.
געכישופט פון שטעקעלעך מאַגישע,
טראָגט זיך מיט פּייפן אַ קאַר.
און יינגלעך מיט שטימעלעך טראַגישע —
פאַרקויפן דעם נאַקעטן צער.

ווי שיין זענט איר, מיידלעך, סאַנטיאַגישע,
אַ דימענט אין אויג אייערס ברענט,
ווען יונגען אויף גאַסן בראַדיאַגישע,
ווי וואָגשאָלן טראָגן די הענט.
און איטאָס אויף װעגן זיגזאַגישע —
פליִען מיט אימפּעט און בלענד.

אָ, ווונדער פון פרוכט־מערק סאַנטיאַגישע!
מיט טרויבן, מיט עפּל און באַר.
געגאַרטלט מיט בערג־קייטן מאַגישע,
מיט דינסטן, מיט קנעכט און מיט האַר.
און זיס איז דאָס שיינע און טראַגישע —
באַצאָל איך מיט לידער דערפאַר.

רויטינקע עפּל

אַ קינד מיט אַ קוישעלע רויטינקע עפּל,
מיט באָרוועסע פיסלעך, געווייקטע אין קויט,
באַהאַלטן אין קאָלנער דאָס האָריקע קעפּל, —
פאַרדינט שוין צום לעבן אַליין זיך דאָס ברויט.

„העי, עפּלעך רויטינקע!" — קלינגט ווי אַ גלעקל
דאָס קול פון דעם אָרעם, צעריסענעם קינד.
און ס׳פלאַמען מיט רויטקייט די בלייכינקע בעקלעך,
און ס׳נעצט אים דעם רעגן און ס׳קושט אים דער ווינט.

דאָ נעמט ער דעם זאַקענעם מאַנטל אַרונטער
פון גופל און דעקט זיינע עפּלעך איין.
און ליכטיקער שרייט ער, פריילעכער, מונטער:
„די עפּלעך רויטינקע שמעקן ווי ווייַן!"

דאָס רעגנדל שפּיזלט די קינדערשע גלידער,
די פיסעלעך ציטערן, פאַלן פון מיד.
און ס׳זינקט אויף די עפּלעך רויטע אַנידער
דאָס קינדערשע קעפּל און ס׳פּנימל גליט...

צום באַרג

אָ, מעכטיקער, שטאַרקער, אַלמעכטיקער באַרג!
איך מוז דיך באַשטייגן, מיין ווילן איז שטאַרק.

נישט אָפּגרונט וועט שרעקן מיין פּוסטריט צו דיר, —
איך מוז דיך באַשטייגן, עס ציט מיך צו דיר.

דיין אָפּגרונט, דער שוואַרצער, גלאָצט פינצטער און קאַלט;
דער טויט זיך באַהאַלט דאָרט אין יעדערן שפּאַלט.

און הויערט מיט אימה אַרויף צו דעם מאַן,
וואָס גייט ביי זיין אָפּהאַנג מיט זיכערן שפּאַן.

שניידן און שניידן אויף היגלען אַ וועג,
דורך טרעפּן, דורך שוועלן, געקושטע פון טעג.

שטייגן און שטייגן, און ווענדן מיין גאַנג,
ווו ס'פאַלן קאַסקאַדן מיט שוים און געזאַנג.

אָ, מעכטיקער, שטאַרקער, אַלמעכטיקער פעלדז,
געטונקלט אין שאָטנס, געבאָדן אין העלס,

פון זוניקן פייער געבראָטן, געברענט, —
דו האָסט מיך פאַרכישופט, דו האָסט מיך פאַרבלענדט.

איך מוז דיך באַשטייגן, מיין ווילן איז שטאַרק,
אָ, מעכטיקער, שטאַרקער, אַלמעכטיקער באַרג!

דער מאַן, וואָס צינדט אָן פייערן

דער מאַן, וואָס צינדט אָן פייערן,
דער מאַן איז מער נישטאָ.
און נישט זיין שפּאַן מאַכט ציטערן
די ערב אָונט־שעה.

ער קומט נישט מער אָן זינגענדיק —
און ווו נאָר אַ לאָמטער,
וויגט זי זיך אין פינצטערניש
און וואַרט אויף אים נישט מער.

דער מאַן, וואָס צינדט אָן פייערן,
ער ברענגט נישט מער ס׳געשאַנק,
די בשורה פון זיין ליכטיקייט
אין אויפשיין פון געזאַנג.

אין שאָטנס שויס פאַרהוילנקייט
אַ גאַז־לאָמפּ, אינעם ווינט,
וויגט זיך בלויז אין עלנטקייט
און ווײנט אויף אים אַצינד.

און ס׳קרעכצט אויף קופּעס חרובע
די נאַכט — אַ בלינדע קראָ —
— דער מאַן, וואָס צינדט אָן פייערן
נישטאָ... נישטאָ... נישטאָ...

א י ך

איך

איך בין דער און איך בין יענער, און איך בין ווער איך זאָל נישט זיין.
ווער פרעגט ביי וועמען, וואָס איך בין, איך בין אַ שווערד, איך בין אַ האַרף
און כ׳בין די גאַנצע וועלט אַליין, און איך בין אַלץ, וואָס איך נאָר דאַרף.
איך בין די נויט, איך בין די שרעק, איך בין דער שלאָף, וואָס וויגט מיך איין,
איך בין די פרייד, איך בין דאָס גליק און כ׳בין דער שקלאַף פון זיך אַליין,
און כ׳בין דער הערשער איבער זיך, און כ׳בין פון טויזנטער ס׳געוויין.
און כ׳בין דער שטורעם־גלאָק, וואָס וועקט פון פינצטערניש די מידע קנעכט,
און כ׳בין דער פונק, וואָס שפּרינגט אַרויס פון יעדן האַרטן קיזל־שטיין.
איך בין דאָס בייז געוואָיערײ פון וועלף אין שוואַרצע וויסטע נעכט
און כ׳בין דער אויפגאַנג איבער מיר — איך בין דער יאָ און כ׳בין דער ניין.
איך בין דער דינסטער שטויב, איך בין דער וואָלקנבראָך און כ׳בין דער בליץ,
און אַלץ, וואָס פילט מיין האַרץ, איז מיין און אויסער מיר איז גאָרנישטאָ,
נישט טאָג, נישט נאַכט, נישט גליק, נישט אייביקייט, נישט עלנטקייט צומאָל.
און כ׳בין דאָס אויג, וואָס זעט דאָס אַלץ און כ׳גלויב דער קראַפט, וואָס איך באַזיץ,
און ווייל איך לעב, נעם איך פאַרליב די פּיין, די פרייד — און כ׳דאַנק אַ יעדער שעה,
וואָס שענקט מיר קראַפט פאַר אייביקייט, און מאַכט מיין זיין ווי שטאָל.

##ביים טיגל

אויף מײַנע הויט און ביינער, ווער וואָלט וועלן גלויבן;
אויף מיר, וואָס כ׳האָב געשוימט
דאָס הייסע מעש פון טיגלען,
ווען ס׳האָט אין פײַער זיך דאָס שפּיאַלטער בלוי געבלעזלט
און אַלץ האָט זיס געדרייט זיך אין פּעדער־גרינגע שטויבן.
איך, וואָס האָב געאָטעמט רויך מיט פולע לונגען
און פלעג מיט שווערע צוואַנגען די גרעסטע טיגלען הויבן.
זאָלן לידער זינגען און מײַנע מעשים לויבן!
געלויבט זאָלן זײַן די אָרעמס אויף פײַער־בראַנד געבראָטן,
געבענטשט זאָל זײַן דאָס פּנים, באַבלויט, באַגרינט מיט שאָטנס
פון בראַנדיקע קאָלירן, באַשפּיאַלטערט און באַקופּערט.
נאָר ווײ איז דעם, וואָס היפּערט
און גיסט דעם גוס דערנעבן.
איר, מײַנע בלײַכע גלידער,
צעברוינטע אין די פלאַמען;
איר, מײַנע פיס, די דאַרע,
ווי פעסט געשטאָלטע שטאַמען,
איר, מײַנע גראָבע פינגער,
וואָרצלדיקע, פעסטע,
אַלע איר אינאיינעם, ווײַזט די וווּנדער גרעסטע.
און ווען אַ גליד זאָל פעלן,
ס׳קאָן דאָס אויך געשעען,
אויגן, זײַט געהיטן, וואָרנט אַלע גלידער!
שיקט פאָרויס דורך בראַנדן — פײַער־בליץ־באַפעלן.
נאָר ווײ אויב ס׳זאָל געשעען,
אַז איר וועט פאַרזעען,
גײ איך אויף און פלאַקער, אין בראַנד פון מײַנע לידער...

צום תלין

מאַרטער, פּייניק, תלין בייזער,
שינד מיין הויט, כ׳זאָל שרייען.
ס׳וועט נישט העלפן — אַ דערלייזער
קומט די וועלט באַפרייען.

צאַפּ מיין בלוט, עס שפּריצט, זאָל שפּריצן...
דיל און ווענט באַגאָסן.
הער, דורך דונערן און בליצן
קומט ער אָן אַנטשלאָסן.

זיין געשריי איז קריץ פון ציינער,
ס׳ציטערן די טראָנען...
ער איז טויזנטער, נישט איינער,
מערער פון מיליאָנען.

מאַרטער, תלין, פּיין נישט מינער,
בלוט און בלוט מעג רינען.
ס׳וועט דיך דעם דערלייזערס דונער —
אומעטום געפינען.

פיבער

טאַנצן גאַסן! טאַנצן שטיבער
אין אַ שווינדלדיק געדריי,
פאַר מיין אויג וואָס גלאַנצט מיט פיבער,
פאַר מיין לייב, וואָס גליט מיט ווייַ.

כ'ווער אַ שטיק מעטאַל צעשמאָלצנס,
וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין גוס,
און מיין קאָפּ ער טאַנצט אויף שטאָלצן,
ווען איך שטעל צום שפּאַן אַ פוס.

מיינע הענט, ווי גראַבליעס זענען
אָנגעגליט אויף הייסן בראַנד.
כ'קאָן אַליין מיך נישט דערקענען,
כ'בין מיר פרעמד און אומבאַקאַנט.

שווינדלען עיגולס, ראָד און רינגען
און פאַרכאַפּן מיך מיט האַסט.
גלאָקן אין די אויערן קלינגען
און די לונגען שטיקט אַ לאַסט.

כ'האָב אַ רויך אַריינגעאָטעמט —
מיט אַ דינעם זיסן סם,
שטעכט ער מיך מיט הייסע דראָטן
און פאַרצערט מיך מיט זיין פלאַם.

גיט מיר מעד דעם דורשט צו שטילן,
גיט מיר גלעזער אָקעוויט.
כ'וויל באַפרייען מיט מיין ווילן
מיינע ווילד־באַרוישטע טריט.

כ'האָב דאָס העמד אויף מיר צעריסן,
בין איך נאַקעט אין מיין שאַנד.

כ׳האָב ביז בלוט מיין לייב צעביסן,
כ׳רייס די האָר מיר מיט מיין האַנט.

ביין, איך ווער עס נישט פאַרטראָגן,
וואָס עס זאָל נישט זיין מיט מיר,
כ׳וועל אויף מאַרך מיין קאָפּ צעשלאָגן,
ווילדער וואַנזין איז מיט מיר.

אין דעם לייב פון מיין געוויסן
פליסט דאָס בלוט, ווי הייסער בליי.
ווי, איך ווער אויף שטיק צעריסן
פון מיין מענטשלעכן געשריי!...

שטייט אויף

שטייט אויף!
איר הערלעכע באַפּעלערס —
אָנזאָגער פון נייס.
אַראָפּ פון בוידעמער —
אַרויס פון נאַסע קעלערס,
מיט גלי פון שטראָמענדיקן, זידנדיקן כעס.

ברויזט אויף!
צעגיסט זיך איבער טאָלן...
צעפלייצט זיך איבער גאַסן, איבער מאַרקן.
פאַר אַלעמען מיט בלוט זאָלט איר באַצאָלן,
און מיט צאָרן אָנגעלאָדענעם —
און שטאַרקן.

וואַכט אויף!
מיט הונגער פון באַפעלן,
מיט האַרטן יובל־רוף,
מיט דונער פון קאַנאָנען.
מיט ברוסטן — פעסטונגען,
מיט הייזעריקע קעלן,
מאַרש!
מאַרש, מיליאָנען!...

דערקענטעניש

כ׳האָב ליב דעם ווייסן, ווילדן פערד, וואָס האָט אויף זיך קיין צוים נישט
און ליבער האָב איך נאָך דאָס ליד, וואָס גייט אין טאַקט געמאָסטן.
כ׳האָב ליב דאָס פשוטקייט פון וואָרט, וואָס טראָגט אין זיך קיין שום נישט
און ס׳קומט מיט ערלעכן געזאַנג צום האַרץ פון פאָלק דעם פּראָסטן.

ווייל שיין איז דאָך, דער ווילדער פערד, וואָס ווייסט פאַר זיך קיין וועג נישט,
ער רייסט זיך, ווי אַ שטורעם־ווינט, דאָ בלייבט ער שטיל, געלאַסן.
אָט טרעפט ער זיך מיט פּראָסט און פלאַם אין אַ ווילד באַגעג׳ניש
און ווערט צעריסן אין אַ שטויב פון דימענטן מיליאַסן...

נאָר שענער איז נאָך אַלץ דאָס ליד, דאָס פשוטע, וואָס בלענדט נישט —
מיט רייץ פון ווילדן פאַרבן־שפּיל, מיט אימהקע כאַאָסן.
עס וואַקסט פונאַנדער זיך אין האַרץ צו אַ גרויס דערקענטניש,
עס מוז מיט פעסטער דיכטער־קראַפט אין גראַמען זיין געשלאָסן.

צייט פון אייביקייט

צייט פון אייביקייט,
דו הייליקע, געבענטשטע צייט!
עס האָט דיין האַנט באַרירט —
די טונקלקייט פון מיין געמיט,
און איבער מיר האָט אויפגעשיינט —
דיין פייערדיקער דיסק.
רויט,
דו האָסט מיט קראַפט מיך אָנגעפילט,
ווי קרוגן ערדענע מיט ווייַן;
ווי קוואַלן לויטערע, וואָס לויפן רוישנדיק
דורך שאָטנס פון אַ וואַלד.
האָב איך דערהערט דיך זינגענדיק
ריזלען דורך מיין בלוט.

צייט פון אייביקייט,
דו הייליקע, דו שטורעמדיקע צייט!
אויף מיר געפאַלן איז —
אַ טייל פון דיין באַגער,
ווי האַמערס שטאָלענע אויף קלינגענדיק מעטאַל,
און דער האַמער־רוף שלאָגט שטאַרק אויף מיין געהער,
און דיין אָנזאָג־פרייד
הילכט הויך ביי מיר אין האַרץ,
ווי אַ ווידער־קול, וואָס קאָליערט זיך דורך בערג.

צייט פון אייביקייט,
דו ראַשיקע,
דו גרויסע און אומענדלעכע!
עס פליסט אין מיינע אָדערן —
ווי רויטער גלי דאָס בלוט
און אַלע מוסקולן פון מיינע הענט און פיס
זענען אָנגעשטרענגט

און אויפמערקזאַם געשפּאַנט,
ווי בויגנס שטאָלענע —
ביים גיבור אין דער האַנט.

און איצטער זע איך מיך פאַררויטלט אין דיין שיין,
און איצטער לאָז איך מיך צו דיר מיט פעסטן גאַנג,
און כ׳טראָג אַנטקעגן דיר,
אָ, צייט פון אייביקייט!
מיין האַרץ, דאָס בלוטיקע — אַ פריידיקן געשאַנק...

##ביים צלם

ווי פרעמד דו ביסט מיר, פרעמד, געקרייציקטער צום צלם!
ווי נישטיק ס׳איז דיין טרויער אַנטקעגן ווייטיק מיינעם.
און מעגן נאָנעס זוכן ביי דיינע פיס אַ היילונג,
נאָר איך וועל שטיין און לאַכן, אויב ווען ס׳גלוסט זיך וויינען.

ווער האָט דיך אויפגעהאָנגען ביים שייד־וועג פון די טראַקטן?
און ווען קאָנסטו טרייסטן מיט בלייכקייט פון דיין פּנים?
גאָר אַנדערע פרימאָרגנס און אַנדערע פאַרנאַכטן
גליִען היינט, ווי פייער, אויף בלוט פון מיינע פאָנען.

זיי פלאַטערן, די פאָנען, מיט פרייד, ווי רויטע זעגלען,
און דו, דו הענגסט אַ שטאַרער, געקרייציקטער פון דורות,
ווען ס׳קומען אָן געזאַנגען, וואָס טראָגן זיך מיט חדווה
פון ווייטע צפון־סטעפּעס, דורך דזשונגלען און דורך פּריירעס.

דו ברענגסט נישט מער קיין בשורות פאַר קיינעם נישט, פאַר קיינעם,
איך שפּאַן פאַרביי די טראַקטן, ווו שטום דו הענגסט אין גליווער,
און ס׳שרייט אין מיר דער ווייטיק און זינגט אין מיינע ביינער
דאָס ליד פון ניי דערלייזונג, דאָס ליד פון אַלע לידער.

האַלוצינאַציע

איז מיין בעט געוואָרן קליין
פאַר מיין נאַקעטן געביין.
פייער ברענט
און מיין אויג איז ווילד צעקרימט.
מיינע אויגן — רעדער צוויי,
שפּריצן
אין מיינע הענט
בליצן
אין געדריי,
און אַ טעמפּער גלאָקן־קלאַנג
אין די אויערן מיינע ברומט.
וויפל ס׳זאָלן מיינע ציין
נישט פאַרשטיקן מיין געוויין,
רייסט און בייסט זיך אויף די וווּנד
פון מיין אויסגעטריקנט גוף.
מיינע אָדערן, ווי דראָט,
גליט דער פיבער, אָן געגנאָד
און דאָס לייב צעריסן ווערט
פון מיין הייזעריקן רוף.
כ׳האָב אין פייער־גלוט, אין בראַנד
אויסגעשמאָלצן מיין פאַרשטאַנד,
און סקעלעטיש דאַר און קוואַר,
ברענט מיין לעצטער זיין,
ווי זשאַר...

מיט די וואָס אַרבעטן

מיט די, וואָס אַרבעטן ביי גראָבנס און קאַנאַלן;
מיט די, וואָס נאַקעטע די הוילע גאַסן שטייניקן,
אין טעג צעשמאָלצענע פון גליִענדיקע שטראַלן,
וויל איך מיין קללה־ליד — פאַרייניקן.

מיט די, וואָס הונגערן, מיט די, וואָס מויערן,
מיט טויזנטער פאַרפייניקטע, געליטענע,
וויל איך חלומען און טרויערן, —
און הייליק יאָמערן אויף לעבנס יונג־פאַרשניטענע.

און הייליק יאָמערן און שרעקלעכער נאָך צאָרענען,
מיט אויגן בלוטיקע, מיט ציין־געקריץ — ווי דונערן,
פאַר אונדזער הוילן לייב, מיט שוויס, געזאַלבט געוואָרענעם,
וואָס האָט צעשריגן זיך מיט וויי פון אַ געווינערין.

מאַשינען

מאַשינען, רעדער, קייטן, שטאַנגען,
און מענטשן בויגן זיך מיט רוקנס איבער זיי.
הענט מיט אָנגעשטרענגטע אָדערן און שווערע האַמער־קלאַנגען
אויף מיסטעריעזן שאָטן־שפּיל פון רעדערדיק געדריי.

פלאַם און פייער ווערגן זיך מיט געלן רויך פון קוילן,
גרויע פּאַסן שווינדזיכט־ליכט אויף שטויב־פאַרשוויצטע ווענט.
אַ שווידערלעכער ריטם־טאַנץ, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרהוילן
און ווערט אַליין אין חללן פון אָנשטרענגונג פאַרברענט.

פנימער פאַרטונקלטע מיט אויסגעשטאַרצטע ביינער,
באַצויגענע מיט פאַרמעט־הויט, וואָס קנייטשט זיך דין און לייכט
אין ווילדן קאַמף פון פונקען־גלי מיט שרייענדיקע שטיינער
און שטערנס איינגעצויגענע און אויגן רויט און פייכט.

און ס׳ראַנגלען זיך אין אימפעט־לויף געקייטלט און געבונדן
מוסקולן און קאָרבעס, קייטן, שטאָל און שטאַנג.
עס רינט דאָס בלוט פון אייזן־גלי און ס׳ריגט פון מענטשנס וווּנדן,
און שוואַנגער־רעדער וועלגערן — יאָמער און געזאַנג.

איך בין פון בלוט אַ שמידער

אייזערנע באַגערן,
שטאָלענער פאַרלאַנג.
וואָס כ׳וויל זאָל גלייך מיר ווערן
אויף פליגל פון געזאַנג.

נישטאָ אַזוינס פאַרבאָרגן,
וואָס ס׳פילט עס נישט מיין האַרץ.
מיין קול איז נישט דערוואָרגן,
מיין הויט איז האַרט, ווי אַרץ.

איך בין פון בלוט אַ שמידער
און כ׳פלאַם מיט שאַרפע רייד,
דאָך זינגען מיינע לידער
מיט ווייכקייט פון אַ פלייט.

נישטאָ אַזוינס אין ווילן,
וואָס זאָל נישט זיין פאַר מיר.
איך קאָן מיט צאָרן ברילן
און פלאַקערן מיט גיר.

און אַלץ, וואָס שווער — דערגרייכן
אין מיין געצוימט געזאַנג,
און פאַר מיינע ס׳גלייכן —
ברענגען אַ געשאַנק.

אין חושך

די נאַכט האָט אין חושך צעשויבערט די צעפּ,
און נאַקעט געקלאָגט האָט דער האַרבסטיקער ווינט.
און כ׳האָב ווי אַ קינד
געטוליעט צו שטיינערנע טרעפּ
מיין פלאַמיק געמיט.
מיסתמא, מיסתמא
צו ברוסט פון אַ מאַמע,
בין איך עס ווערט...
עס האָט מיך געהיטן אַ הונט אויף דער ערד —
מיין אייגענער שאָטן — אַ מורא׳קער פלעק —
איך זאָל נישט אַנטלויפן פאַר אייגענער שרעק.
וווהין וועל איך לויפן?
וווהין און וווהין?
עס שטייען פאַרדרימלט די שטיינערנע ווענט.
דיביימער אין חושך זיי זענען נישט גרין,
נאָר קלאָגן מיט נאַקעטע צווייגיקע הענט:
און דאָס איז אַ לעבן צו ליגן אַזוי?
און דאָס איז אַ וועלט?
אויף שטיגן אויף האַרטע, אָן קישן, אָן שטרוי,
זיך קנוילן און קורטשען אין דרייען פאַר קעלט?
אָ, מאַמע, ווו ביסטו!
ווער הערט מיין געוויין?
עס איז אַזוי קאַלט, און האַרט איז דער שטיין,
נאָר אומעטום שלאָפט מען אין גאָלדענער רו...

ביי די טויערן

היינט ברעך איך אויף די טויערן
פון דורות לאַנג פאַרמאַכט
און כ׳לאָז אַליין מיך גיין דורך זיי —
צום קיניג פון דער נאַכט;
צום אייביק גרויסן האַר פון פינצטערניש און שרעק.
היינט לויכט איר אויף צום ערשטן מאָל
מיט העלן פאָספאָר־שיין,
און כ׳גיי אַדורך, אַ פינצטער לאַנד,
ווו אַלץ, וואָס שרעקט, איז זיין.
און כ׳רייס פון אַלץ אַראָפּ מיט קראַפט
פון נאַכט די שוואַרצע דעק,
און כ׳טרייב פון אַלץ די שאָטנס־גרויל,
די פינצטערע, אַוועק.
און שטרענג לאָז איך דאָרט דונערן,
צום ערשטן, מיין באַגער:
אָ, גרויסער האַר פון פינצטערניש,
די זון גיב מיר אַהער!...

צו מיינע הענט

דאָס זענען מיינע הענט, נאַט אייך און אָט זעט זיי!
פון וווּנדן דורכגעאַקערט, פון האַמער־שלעק צעשלאָגן.
און אַלץ וואָס טרעפט מיין לעבן, רחמים־לאָז געשעט זיי,
ווי ווילט זיך אויף זיי פרייען,
און ס׳ווילט זיך אויף זיי קלאָגן:
אָ, הענט, איר שווערע, האַרטע!
איר הייליקע און צאַרטע...
מיט קנייטשן און מיט צייכנס אומצייליקע באַשריבן,
בלויז פאַר מיר נאָר איינעם,
און ווייטער נישט פאַר קיינעם,
זענט איר מיר, אָ, דלאָניעס, ווי לוחות צוויי געבליבן!

איך קאָן זיי מער נישט בענטשן
מיט ברכות, וואָס פאַרשעלטן,
זיי זאָלן שטענדיק בלייבן, רויק, ווי זיי זענען.
אַ רעטעניש, אַ סוד פאַר פרעמדע שלעכטע מענטשן,
וואָס ווילן נישט אין זיי די ערלעכקייט דערקענען.

פון צייט און נויט צעבלוטיקט מיט אַלע שווערסטע פּיינען,
איז אויף זיי געשטעמפּלט דער דורכגאַנג פון מיין לעבן,
וואָס האָט זיי נישט געוואַשן אין שוים פון מילך און ווייַנען
און לאָזט זיי נישט פאַרכישופט מיט מעשהלעך פאַרוועבן.

איצט זענען זיי נישט צאַרט מער, נאָר האַרט, מיט פעל באַצויגן,
די פינגער, ווי אין האַקעס, צעבערגלט און געבויגן.
צעגריבלט און צעגראָבן, מיט גאָרנישט צו פאַרווישן,
ווי ווילט זיך אויף זיי כליפּען און ס׳ווילט זיך שטאָלץ זיי קושן...

פעגאַז

מיין פלייצע בויגט זיך שוין פון שווערן אַרבעטס־לאַסט,
איך וויין פאַר קיינעם נישט, כאָטש ס׳בלוטיקט יעדער גליד.
דעם האַמער טרוי איך אָן דאָס שלאָגן פון מיין האַרץ,
און ס׳נעמט ס׳געוויש פון ראָד די לידער מיינע מיט.
דער שיינער לידער־שפּיל, וואָס וועקט זיך אין געדאַנק,
לאָזט שנעל פאַרטויבן זיך פון ווילדן קלאַפּעריי.
איך פיל דעם אָטעם־צוג, וואָס קומט פון ברוסטן קראַנק
און ס׳זידן קייקלעך בלוט, ברויזיק, אויף געשריי...
און אפשר ברויזט עס גאָר ביי מיר אין האַרץ אַליין,
און ס׳רייסט דער דיכטער זיך פון אַרבעטס־העמד אַרויס
און וויל אַ רגע כאָטש באַפרייען זיין געביין —
פון שוואַרצן מידן טאָג, וואָס ציט די זאַפטן אויס, —
פון יעדן שטורעם־ליד, וואָס הורמעט אָן זיך ווילד;
און פאַסן וויקלען זיך, ווי שלאַנגען שוואַרץ פאַרביי,
און שטיינער גרילצן צו און ווערן גאַרנישט מיד,
און ווי אַן אָפּגאָט מוז איך דינען אַלץ געטריי.
אָט בויגט זיך אין מיין גוף און ס׳שטרעקן זיך די הענט,
און ס׳שעפּטשעט אויס דאָס מויל: ווי מיד איך ווער, ווי שווער.
אין אויג אַ גאַנצער ים פון שטומען צער זיך ברענט
און ס׳ווערט פאַרצערט דאָס האַרץ פון פלאַמיקן באַגער:
אָ, יונגער פעגאַז, דו צעגרילצט זיך אַ מאַשין...
אומזיסט דיין רייסן זיך, דעם גורל שלעפּ און צי,
און לייג די פליגל איין און שטום אונדז, שטום באַדין,
צו הימלען בענקען דיר, צו פרי פאַר דיר, צו פרי!...

לייז מיך אויס מיט לידער

כ׳בין הונגעריק נאָך לידער,
כ׳בין דורשטיק נאָך געזאַנג.
פון גאַרונג מיינע גלידער
ווי־אַנעז, ווערן קראַנק.

טיף, אין בונד פון ברידער,
הייל מיך, זינג אַזוי,
אַז ס׳זאָלן דיינע לידער
זיין מיר ווי אַ טוי.

ווי פון שטאָל אַ ווידער
שמעטערט מויער, שטיין;
זאָלן דיינע לידער
שטורמען מיין געביין.

ווי די שכינה — נידער
אויף מיין בלוטיק באַנג;
לייז מיך אויס מיט לידער,
וועק מיך מיט געזאַנג.

מאַן און ווייב

מיין מאַן, די קינדער הונגערן,
נישטאָ אין שטוב קיין שפּייז.
און ביי דעם קינד — דעם יינגערן,
דאָס לייב איז קאַלט ווי אייז.

מיין מאַן, איך פּיל אַ ציטערניש
שווידערט דורך מיין לייב.
און כ׳פרעג דיך איצט, מיט ביטערניש,
וואָס פּייניקסטו דו דיין ווייב?

מיין ווייב, וואָס העלפט דיין טרויערן,
שאַרף שניידן דיינע רייד.
כ׳בין גרייט צו ברעכן מויערן
פאַר בלויז אַ רגע פרייד.

איך זע דיין האַרץ ס׳צעריסענע
און ס׳בלוטיקט שטום דערביי.
נאָר מיינע ציין — פאַרביסענע,
באַהאַלטן מיין געשריי.

ווידערקלאַנג

די זון איז אויפגעגאַנגען און מיינע אויגן לייכטן,
איך גיי דער זון אַנטקעגן,
איך שפּאַן אין גראָז אין פייכטן.
און איבער מיר די פייגל טויזנט קרייזן שפּינען,
שניידנדיק די הייכן פון בלוילעכן באַגינען.

העי, האָ, העי!
ווער ענטפערט מיר אַנטקעגן?
און מחנות ווילדע קולות נעמען לוסטיק פרעגן:
העי, האָ, העי!
ווער ענטפערט מיר אַ קעגן?...

שרויט

איך שווייג,
איך וואַרט.
ווי שטאָל איז האַרט
מיין פולער גייסט.
מיין ווילן איז געשטאַרקט און דרייסט.
צונויפגעפּרעסט,
ווי פודן שרויט,
איז ווּט און כעס
ביי מיר אין לייב.
מיין האַנט האָט שווּנג,
מיין בלוט איז יונג.
מיין פּנים איז פון פלאַמען רויט.
מיין צאָרן זידט ווי ים־שוים — ווייס.
איך שטיי געהילט אין בראַנד פון שטויב;
מיין שטים ווי שטורעם — דונערט, טויב:
איך בין „פאַרמעסט",
צונויפגעפּרעסט —
אין אומבאַשרענקטער קראַפט פון שרויט.

דער נײַער דור

אַ נײַער ישוב

יונגען אויסגעברוינטע, דרייסטע,
מיידן ליכטיקע, ווי זאַנגען.
אויף אַן ערד, אַן אויסגעלייזטע,
זענען זיי — אַרויפגעגאַנגען.

ערגעץ, אויף די גליל־וועגן,
ווו די ערד איז וויסט אינגאַנצן —
אַ פאַרבענקטע נאָך אַ רעגן —
זענען זיי געקומען פלאַנצן.

גראָבן ברונימער און קוואַלן.
האַרטע גרודעס אויפצורייען.
הויבן פעסטונג־ווענט און שטאַלן
און אַ ישוב אויפצובויען.

האָט די ערד מיט פרייד פאַרנומען
ס׳ליד פון אַקער, האַמערס, לאָמען
און מיט ליבשאַפט אויפגענומען
אין איר שויס דעם פרישן זאָמען.

און די נאַכט, ווי נאָך אַ שטורעם,
האָט אין חושך ס׳ליכט, ווי כישוף,
אויסגעזזונגען פון אַ טורעם:
— זעט, ס׳איז דאָ אַ נײַער ישוב!...

ארץ ישראל

מיט בענקשאַפט קיין ארץ ישראל,
די ייִדן פון טויזנטער ערטער;
זיי זענען מיט מעשים געקומען
און נישט מיט קיין ליידיקע ווערטער.

זיי האָבן פון באָדן, דעם האַרטן
געריסן דעם שטיין און דעם דאָרן,
און ס׳לאַנד, וואָס איז חרוב געווען,
איז גרעסער און שענער געוואָרן.

זיי האָבן פון אָפּגרונטן טיפע
געצויבערט באַהאַלטענע קוואַלן,
ביז ס׳מזל פון זילבערנער ברכה
איז שטראָמיק אויף פעלדער געפאַלן.

מיט פיבער, ביז טויט זיך פאַרמאָסטן
אויף זומפּן, באַדעקטע מיט שימל.
ביז בלי איז פון דאָרט אויפגעגאַנגען
און פאַלמע, וואָס רייסט זיך צום הימל.

מיט בלוט און מיט שוייס פון די גלידער
זיי האָבן באַפרוכפּערט דעם באָדן,
אַז אַלץ זאָל דאָרט לעבן און וואַקסן
פאַר יעדן, אָן קיינעמענס שאָדן...

דאָס איז זי, די נחלה פון אבות,
וואָס זינגט זיי אַנטקעגן מיט גלויבן
דאָס הייליקע ליד פון דער בענקשאַפט,
פאַרקערפּערט אין מאַנדלען און טרויבן.

דער פויער

אַ רידל, אַ ווידלע, אַ גראַבליע,
אַן אַקער, אַ בראָנע, אַ פערד.
אַ פויער, אַ יונגער, אַ שטאַרקער,
מיט אַקער באַאַרבעט די ערד.

דאָ וועט ער די ציבעלעס זעצן
און דאָרטן די דיניעס און מאָן.
און הינטער אים גייען און פּיקן
די ווערמלעך — אַ הון מיט אַ האָן.

אַ טויב קומט פון ווייט־ווו צופליִען,
און ס׳דרייט זיך אין לופטן אַ ראָב.
נאָר ס׳קוקט נישט דער פויער און זייעט
מיט ליבשאַפט די געטלעכע גאָב:

די אַרבעס, די קנאָבלען, די קרויטן,
די רעטעכלעך רויטע, דעם שויט.
און זאָל ער נאָר קומען, דער רעגן,
וועט זיין אַ קאַרטאָפליע און ברויט.

פון ווייטנס עס בלייכט זיך זיין כאַטקע.
די ראָב הויבט זיך אויף און פאַרשווינדט.
דער פויער, ער שמייכלט צופרידן
און טראַכט פון זיין שאָף און זיין רינד.

פון מילך און פון פּוטער און קעזלעך.
פון שייער מיט שמעקנדיק היי.
פון זעט פאַר זיין ווייב און די קינדער;
די ברכה פון גוטן פאַרזיי.

פון דעם נגב ביז צום שרון

אין אַ טאָל פון סאַמע גריבער,
ווו עס האָט געוווינט דער פיבער,

פול מיט זומפּן, ביז די קני׳ען,
האָט די ערד געגומען בלי׳ען.

פלוצים, פריילעך, גיך און ראַפּטום
מיט אַן אָטעם אַ פאַרכאַפּטן —

זענען ווי אַ טייך מיט ברומען
כאַפּטעס יונגען אָנגעקומען.

יונגען ברייטע, שטאַרקע, פעסטע.
מוידן פון די שענסטע, בעסטע.

פול מיט ווילן — שטאָל און אייזן
און געגומען וווּנדער ווייזן:

איידער ס׳האָט אַ האָן געקרייעט,
האָבן זיי אַ פעלד פאַרזייעט;

אויסגעשטיינט אַ באַרג אינגאַנצן
און געגומען וועלדלעך פלאַנצן.

האָט די זון געגומען שיינען,
האָבן זיך צעגרינט די פליינען

און אַ קוואַל, פון בערג באַהאַלטן,
האָט געשטראָמט פון פעלדזן־שפּאַלטן.

ס׳וואַסער, פריש, מיט שוים מיט קילן,
פאַרביק האָט געגומען שפּילן.

און געשפריצט מיט דימענט־פונקען,
גרייט אַיעדן אָנצוטרינקען:

האָט די זון גענומען בראָטן,
איז אַ טורעם, ווי אַ שאָטן,

אויסגעוואַקסן מיט געזימסן,
ווי אַן איינגעשפּאַרטער שימשון:

— דאָ וועט וואַקסן ווייץ און טייטלען,
דאָ וועט זיך דער מילגראָם רייטלען.

פרייד פאַר יידן אַלע יאָרן,
פון דעם נגב ביז צום שרון...

דער קליינער וואַלקן

האָט אַ קליינער, ווייסער וואַלקן
זיך באַוויזן מיט אַמאָל.
גאָלד־באַזוימט פון זונען־שטראַלן
און מיט פראַנדזן — בלוי, ווי שטאָל.

איז ער קיניגלעך געשווומען
אין דעם בלויען הימל־רוים
און געוואַקסן פלוצים וואַקסן,
ווי אַ גרויסער דעמבע־בוים.

האָבן זיינע זילבער־צווייגן,
גרין, ווי קופּער זיך צעשפּרייט,
גרויס געוואָרן און פאַרפלאָנטערט,
ווי אַ שפּין צונויפגעדרייט.

האָט די שפּין זיך אָנגעבלאָזן,
ווי אַ שוואַרצער ריזן־קנויל
און געוואַרן פלוצים גיסן
מיט אַ רעגן פון איר מויל.

גיסט דער רעגן, פליצט און כליאַפּעט,
מיט אַמאָל געוואָרן נאַכט.
פלוצים צינדט זיך אָן דער הימל
און אַ בייזער דונער קראַכט...

טראַך און טראַך!... עס שפּריצט מיט פייער.
נאָך אַ בליץ און נאָך אַ בלענד,
און צעריסן ווערט דער חושך,
און דער רעגן איז צו ענד.

שוועבט דער קליינער וואָלקן ווידער
אויף דעם הימל, לויטער, ריין.
און ער ווערט אַלץ קלענער, קלענער,
ביז מען זעט אים שוין נישט מיין.

דער נייער דור

אויסגעוואַקסן, אויפגעשטאַנען
איז אַ נייער, יונגער דור,
איבער לענדער גרייט צו שפּאַנען,
ווען די שעה וועט שלאָגן נאָר.

איבער טייכן, איבער ימען,
איבער שטאָק און איבער שטיין,
דורך אַ וועלט פון פייער־פלאַמען
וועט ער טראָגן זיין געביין.

ס'וועט קיין זאַך אים נישט פאַרהאַלטן,
נישט קיין פייער, נישט קיין בראַנד.
דורך אַ וועג אַ וויסטן, אַלטן,
וועט ער ציִען צו זיין לאַנד.

אָנגעגורט מיט הייסן ווילן,
וועט ער קומען צו דעם אָרט,
ווּ ער וועט זיין אימפּעט שטילן
מיט דעם פייער פון זיין וואָרט.

מיט דעם שווייס פון זיינע גלידער
וועט ער זאַפּטן האַרטע ערד,
און עס וועלן בליִען ווידער
פעלדער, וועלדער, אומגעשטערט.

איבער בערג און איבער פליינען
זינגען וועט אַ פויגל־כאָר:
— זון זאָל יונג און ליכטיק שיינען
פאַר דעם יונגן נייעם דור!...

דער קאָוואַל

שלאָגט אַ קאָוואַל מיט אַ האַמער,
האַלט ער ס׳אייזן מיט אַ צוואַנג.
און דער בלאָז־זאַק בלאָזט דאָס פייער
און די אַרבעט גייט אַ גאַנג.

נישט קיין שווערדן שמידט דער קאָוואַל,
נאָר אַן אַקער פאַרן פעלד.
וועט דער פויער קאָנען זייען
ווייץ און קאָרן פאַר דער וועלט.

זינגט דער קאָוואַל, האַמערט לוסטיק
אויף דעם אייזן, רויט, ווי צוויק.
אים ווערט פריילעך אויפן האַרצן,
ווען ער טראַכט פון מענטשנס גליק.

אַז ס׳איז ערגעץ דאָ אַ שונא,
וואָס ער לויערט, ווי אַ שפין
אויף דעם לעבן פון די מענטשן,
פאַלט אים גאָרנישט אויפן זין.

אין זיין קוזשניע שטייט ער ווּקסיק
מיט אַ האַמער, ווי אַ ריז.
פונקען העלע, ווי די שטערן,
פאַלן שטיל צו זיינע פיס.

ער וועט קאָסעס שאַרפע שמידן,
סערפּן, פאָדקאָוועס פאַר פערד,
און דעם שענסטן טרוים פון פרידן,
וואָס וועט הערשן אויף דער ערד.

די הוירא

וואָסער טאַנץ איז דער פריילעכסטער, דער בעסטער?
מען נעמט אַרום זיך מיט אַ זמר, ברידער, שוועסטער;
מען מאַכט אַ רינג, מען מאַכט אַ ראָד
און עס טאַנצט די גאַנצע שטאָט?
די הוירא!... די הוירא!...
אַזאַ מין יוגנטלעך צעפּלי צינדט אָן די ערד אינגאַנצן,
אַז אפילו הויך אין הימל דרייען זיך די שטערן,
וויגן זיך און טאַנצן.
אָט אַזוי!...
הענט פאַרוואָרפענע אויף אַקסלען,
הענט אַרומגעקייטלטע אויף יונגע מיידל־טאַליעס,
און די לופט ווערט לויטער ניגון,
טענער — אויפגעברויזטע כוואַליעס.
אָט אַזוי!...
גיכער, גיכער הויבן פיס און פיאַטעס, פריילעכער, דערפרייטער,
און דער טאַנצנדיקער ראָד, זאָל אַלץ ווערן גרעסער, ברייטער,
לעבן זאָל דאָס פאָלק ישראל! און פאַר שונאים נישט קיין מורא!
און דער עכאָ —
ענטפערט מיט אַ ניגון:
העכער... העכער...
הוירא, הוירא!...
אָט אַזוי דאַרף מען קענען טאַנצן,
איבערהאָפּסלען אַלע פּיינען,
ווידער וועט אַ לעבן אויפגיין, גלאַנצן,
ווידער וועט דער מאָרגן־שטערן שיינען.
אויסגעבלוטיקט אַלע אייטער־ווונדן,
דאַרער לייב מיט פרישער הויט באַצויגן,
וויגט זיך ווידער ריטמיש שלאַנקער מיידל־קערפּער,
פינקלען ווידער פלאַמיק ברענענדיקע ייִנגל־אויגן.
גאָרנישט מיד צו ווערן, ביז זיך אויסצושעפּן,
היפּען, שפּרינגען פריילעך אויפן פוס דעם לינקן,

טופען, קלאַפּן, פּויקן מיטן פוס דעם רעכטן
און פאַרגעסן אין דעם בייזן עבר און אין יאָמער פון דעם שוואַרצן נעכטן.
אָט אַזוי און אָט אַזוי זאָלן טאַנצן פריילעך יונגע, נייע ייִדן!
אָפּגעמעקט זאָל ווערן צייט און שטח,
הערצער זאָלן ראַשער שלאָגן, בלוטן זאָלן זידן, זידן
אין דעם טאַנץ דעם יונג־צעברויזטן,
אין די דרייענדיקע רעדער, אומגעהוירע...
אָט אַזוי,
געטאַנצט זאָל ווערן אונדזער הוירא!
אונדזער הוירא!...

ז ײ ד ע ס

זײדעס

פון פראַנקפורט־אַם־מײן,
מיט דורות צוריק,
איז אונדזערס אַ זײדע
קײן פוילן געגאַנגען
מיט װײב און מיט קינד —
אַ גאַנצע פאַבריק
מיט טיגלען און דרײבענק,
מיט האַמערס און שטאַנגען.
געפירט אין די בוידן
זײן האָב און זײן גליק.
און אַזוי אין זײן װאַנדער —
קײן פוילן דערגאַנגען.

געקומען נאָך װאָכן,
נאָך לאַנגע צו צי'ן
דורך װעלדער געדיכטע,
דורך זומפּן און גריבער.
און פּלוצים דערזען
אין זון־שײן לובלין —
מיט באַשטעס און שלעסער
און שטײנערנע שטיבער.
האָט געזאָגט אונדזער זײדע
צום װײב און די זין:
— דאָ װעלן מיר בויען
אַ הײם זיך אַ ליבער...

באַזעצט זיך, געגאָסן
פון קופּער און בראָנדז

מגורות און לייכטערס,
ראָזעטעס און קנעפּ
און קליאַמקעס צו טירן

פֿאַר פּריץ און קשיאָנדז.
ביז ס'זענען קאָזאַקן
געקומען פֿון סטעפּ,
האָט ווידער אַ זיידע
די בוידן געשפּאַנט,
און טיפֿער געפֿאָרן
אין פּוילישן לאַנד...

און אַזוי האָבן זיידעס
פֿון דורות אַמאָל...
באַזעצט זיך, פֿאַרשפּרייט זיך,
געהאַמערט, געשמידט
דאָס ליד פֿון דער אַרבעט,
ווי אייזן און שטאָל.
און איצט איז אין שטעטלעך
נישטאָ מער קיין ייִד...
נאָר שוועבן וועט אייביק
אין פּוילישן לאַנד —
פֿון אונדזערע זיידעס
דאָס הייליקע ליד...

בלימעלעך

איר, ווילדע בלימעלעךביים וועג!
אָ, לאָזט, איך וועל אייך רייסן
און כ׳וועל זיך אויסצירן מיט אייך,
אין רויטן און אין ווייסן.

איך וועל אייך אָטעמען אין זיך
מיט נאָזלעכער און לונגען.
אָ, קומט באַשיינען מיר מיין וועג!
אָ, קומט באַדופטן מיר דעם קאָפּ דעם יונגן,

כ׳וויל נאַקעט שפּירן אייך אויף מיר,
שטעכט איין אין מיר די דערנער־שאַרפן,
ביז וויטיקן; עס שמעקט מיר אייער דופט,
ווי גוט עס איז אין שויס פון גראָז זיך וואַרפן.

מיך ציט צו אייך, איך בין ביי אייך, ווי טראָפּנס צווי,
אַ בלום צווישן בלומען,
ווי ווילט זיך איינמאָל כאָטש דעם פרישן מאָרגן־טוי —
דערפילן קילנדיק אויף לייב און גומען!...

צום זיכרון

טויט? נישט איינמאָל שוין האָב איך דעם טויט געקוקט אין זיינע אויגן.
זיין פּנים נישט צו מאָלן איז, מען ווייסט נישט זיינע כּוחות.
בלינד מוז ווערן יעדנס אויג, מיט הייטלעך שרעק באַצויגן,
און אַלץ זעט אויס, ווי ס'וואָלט געווען פאַרדעקט מיט אַ פּרוכת...

אָט דוכט זיך, זעגט ער מיט אַ זעג, אָט בלאָזט ער, ווי מיט מיעכן.
זיין קרבן איז געבונדן פעסט צום בעט — ווי אַן עקידה.
דער טאַטע קלאָגט און הערט נישט אויף די פינגער זיך צו ברעכן,
און ס'וויגט זיך שטום אויף מידע ווענט אַ שוואַרצע שאָטן־עדה.

אין שטוב ווערט נאַכט: נישט קיינמאָל נאָך געווען אַזאַ אפילה.
אָט ברענט אַ ליכט. מען קוקט מיט שרעק, צי וועט עס זיך דערברענען.
און מומעס בעטן שטיל צו גאָט: „אין זכות פון שרה,ביילע".
און אַלע, ווי אין גסיסה־אַנגסט, צונויפגעוויקלט זענען.

נאָך היינט דער אָפּשיין פונעם בילד רוט שטיל פאַר מיינע ברעמען.
איך שוידער אויף אַ רגע בלויז און כ'לאַך פון יענע רגעס.
איך לעב און כ'האָב צו לעבן נאָך, איך ווייס פאַר וואָס, פאַר וועמען.
און גלויביק איז מיין יעדער טראָט, ווי לאַנג מיין לעבנסוועג איז...

בלוט האָט באַשפּריצט אַלע גאַסן

בלוט האָט באַשפּריצט אַלע גאַסן,
פייער די שטאָט האָט פאַרצערט.
רעגן האָט ס׳בלוט אָפּגעוואַשן
און גראָז האָט געשפּראָצט פון דער ערד.

אַז ווײ איז צום גראָז אין זײן וואַקסן,
אַז ווײ איז צום חרובן אָרט,
וואָס האָט אויף צעבראָכענע אַקסלען
געטראָגן די צייכנס פון מאָרד.

די ערד ליגט געשטעמפּלט מיט חתימות
פון טויטלעכע שאָטנס, — אַ וואַנט
ווייזט שטום, מיט פאַררויכערטער תמימות,
פון בלוט — אַ צעשאָסענע האַנט.

איין פינגער צום הימל, מיט נאָגל,
ער טײטלט פאַרעקשנט און לאַנג.
אַ פויגל אַ ליד ברענגט צו טראָגן,
אַז ווײ איז צום פויגלס געזאַנג.

די זון אין איר אָונט־שײן־ציטער
צעשמעלצט אירע שטראַלן אין בלענד
און פאַלט אויף צעעפנטע גריבער
מיט ביינער פון פיס און פון הענט.

אַז ווײ איז דער זון אין איר ליכט־שײן;
אַז ווײ איז איר גליאיק פאַרגיין!
די ערד אין איר חורבן, דעם וויסטן,
ליגט שענדלעך, פאַרשאָלטן, אַליין.

צום הימל, אין ווילדער קאָנוווּלסיע,
אַ דיכטער מיט לעסטערונג שרייט;
און ס'טראָגט זיך אין בלוט איינגעטונקען
זיין צאָרן, דורך רוים און דורך צייט.

מיין מאַמע, רבקה

ווייט, ווייט איבער ימען
איז אַ שטאָט פאַראַנען.
שטאָט, אָ, שטאָט, דו ווייטע,
דערצייל מיר פון מיין מאַמען!

מאַמע, ליבע מיינע!
איבער וויסט פון וועגן
קומט מיר שטיל דיין ליבשאַפט
אומעטום אַנטקעגן.

איבער מיר די שטערן,
דערנער אין דער נידער.
מאַמע, דיינע טרערן —
בלוט פון מיינע לידער.

טראָגט איך, לידער מיינע,
איבער ווייטע ימען.
טרעפט איר אויף אַ קבר,
גריסן גריסט מיין מאַמען!

דער באַלאַגאָלע

(באַלאַדע)

דורך די נעכט די שוואַרצע,
איבער פוילנס לאַנד
שוועבט אַ באַלאַגאָלע
מיט אַ בייטש אין האַנט.

איבער זומפּן, וועגן,
איבער דאָרף און שטאָט —
הערט ער — אין אַ וואָגן
האָט געפּלאַצט אַ ראָד.

זיינער איז דער וואָגן,
אַנדערש קאָן נישט זיין...
פאָרט מיט אים אַ פּויער
אין דער שטאָט אַריין.

שפּרינגט אַראָפּ דער פּויער
פון דעם וואָגן, מיד;
זעט ער: אין דער פינצטער —
שטייט אַ טויטער ייִד.

פאַלט ער אויף די קניִען,
צלמט זיך ביז גאָר,
און ווי נאָדלען שטעלן
אויף זיך זיינע האָר.

— העי, דו פּויער, גזלן!
בלוט איז דאָ די ערד!
מיינער איז דער וואָגן,
מיינער איז דאָס פערד!

גוט, וואָס כ׳האָב געפונען,
ערגעץ ווו די בייטש,
וועסטו מער נישט פאָרן
מסרן צום דייטש!

צי נישט שטאַרק די לייצעס,
וערג זיך מיט מיין געלט!
בלייב, ווי מיינע קינדער —
ליגן אויפן פעלד.

דיר האָב איך פאַרטרויעט
האָב מיינס, אויפן וואָרט.
האָסטו מיינע קינדער
געהרגעט אויפן אָרט.

ווּעסטו מער נישט זעען
ווייזט דיין פעלד און שטוב.
דאָ וועט זיין דיין קבר,
דאָ וועט זיין דיין גרוב.

דאָ, אין זומפּ פון בלאָטעס,
צו דער בלאָטע ווער!
און צו דיינע קינדער
קום אַהיים נישט מער...

רייט דאָס פערד, ווי פייער,
ביז צום לאַנד פון דייטש,
אין דער באַלאַגאָלע
כוואָשטשעט מיט דער בייטש.

קדיש

האָט אַ ייִנגל פון רוסלאַנד מיט בענקשאַפט געוואַנדערט
צופוס און מיט באַנען, דורך וואָכן.
נאָך לאַנגע חדשים פון סטעפּ און פון „טאַיגע"
איז ער קיין פוילן דערקראָכן.

אַהיים צו זיין שטעטל, צו אייגענע מענטשן,
האָט אים אין האַרצן געצויגן.
און איז ער געקומען צום הויז פון זיין טאַטן,
האָט צער אים אין דרייען געבויגן.

אין טיר פון זיין שטוב איז אַ פּאָליאַק געשטאַנען
און רוצחיש געשפּיזט מיט די אויגן:
— אויב ס'ווילט זיך דיר לעבן, טראָג אָפּ זיך פון דאַנען!
און אַ שטיין איז אין קאָפּ אים געפלויגן.

איז ער אַוועק פון דער שטוב מיט אַ וויטיק:
מיט בלוט אַלע שטיינער באַגאָסן.
און הינטער זיך האָט ער געהערט, ווי דער פּאָליאַק,
מיט חוזק, די טיר האָט פאַרשלאָסן.

האָט ער צום ערשט מאָל אין וועג פון זיין לעבן
דערפילט, ווי דער גוי האָט פאַרראַטן.
דערגאַנגען צום שול־הויף, געפונען אַ סידור,
און קדיש געזאָגט נאָך זיין טאַטן.

געמאַכט אַן „אל מלא" נאָך ברידער און שוועסטער
און ביטער געוויינט נאָך זיין מאַמען.
און איבער אים, שטום, האָט געבלוטיקט דער הימל
און גלי פון צעצונדענע פלאַמען.

רייד פון פרייד און טרויער

ווער עס זינגט פון טרויער און ווער עס זינגט פון פרייד,
נאָר שענער נאָך פון לידער קלינגען מיינע רייד.

זיי זענען צאַרט און מילדע, און זענען האַרט צומאָל,
ווי קיזלשטיין, ווי האַרטער, און ווי דאַמאַסקער שטאָל.

עס קלינגען, ווי לעגענדעס, די ווערטער פון מיין צונג,
און בינדן זיך אין ריטמען, צאַפּלדיק און יונג.

זיי זענען האַרב און ביטער, און זענען זיס געטראַנק,
אָ, מיינע רייד, די ליבע, נאָך שענער פון געזאַנג.

ווער קאָן זיי דען פאַרשעמען? — צו דעם זאָל זיין אַ שאַנד,
וואָס וועט מיט ביטול שטרעקן צו זיי זיין שווערע האַנט.

ווער קאָן זיי דען פאַרשעמען? צו דעם זאָל זיין אַ לויב,
וואָס וועט ווי גאָלד זיי פּוצן און לייטערן פון שטויב —

זיי זאָלן זוניק בלענדן, זיי זאָלן שטראַלן בלאַנק,
אָ, מיינע רייד, די ליבע, נאָך שענער פון געזאַנג!

צווישן שטילע ווערבעס

אַ טייך מיט שטילע ווערבעס.
אין שאָטן אויף דער ערד
ליגט אַ יונגער זעלנער,
געזאָטלט שטייט דאָס פערד.

עס לאַשטשען שטיל די צווייגן
די כוואַליעס פונעם טייך.
דער זעלנער האַלט ביים שטאַרבן,
דאָס פנים — גרין און בלייך.

עס הערט די ווערבעס רוישן,
די כוואַליעס פליעסקען קוים.
ער הערט די פייגלען זינגען,
נאָר ס׳דוכט זיך, ווי אין טרוים.

עס פאַלט דורך גרינע צווייגן
אַ גאָלדן־ראָזיק ליכט —
באַשטראַלט זיין גרין געלעגער,
באַשיינט זיין בלייך געזיכט.

אין די טיפע גראָזן,
אויף דער ווייכער ערד
ליגט ער שטיל און גוססט,
און ס׳רירט זיך נישט דאָס פערד.

אין הונגער

נישט מיט פלייש און נישט מיט פיש
איז געגרייט דער אָרעמער טיש
פון אונדזער שטוב.
מיין ווייב,
אויב ס׳לעבן איז דיר ליב,
פאַרשעם נישט אונדזער ברויט;
פאַר אונדז איז טריב —
אַ יעדע שעה,
און ס׳איז קיין זאַך צו זעט נישטאָ,
נאָר שטענדיק נויט און נויט...

צו אונדז זאָגט האַרב אַ יעדער טאָג:
אין גיפט פון שיין טונק איין דאָס לייב...
געדולד, מיין ווייב!
נישט וויין, נישט קלאָג,
אין פּיין, אין נויט דעם צער פאַרטרייב.
און מיש מיט מיר, און טייל דאָס בלוט,
ווי אונדזער אָרעם הייליק ברויט.
מיין ווייב, זיי שטאַרק,
אַזוי איז גוט,
באַהעפט צו זיין — אַ בונד ביז טויט.

אַנטקעגן פון מיין פענצטער

אַנטקעגן פון מיין פענצטער אַ גאָרטן איז פאַראַן,
שטייט אַ פּאַלאַץ דאָרט, אין סאַמע פון זיין מיט.
זווינט אין אים אַליין אַ רייכער, אַלטער מאַן.

און ס׳פּאַלט ביי מיר אין שטוב דער צעמענט פון סופיט,
און ס׳ווערן טונקל־געל די קרישלדיקע ווענט,
און שווערער, טויטער שטויב פון יעדן אָרט זיך שיט.

און דאָרט, אַנטקעגן מיר — דער ווייסער מאַרמאָר בלענדט.
און שטראַלן שפּיגלען זיך אויף שויבן פון קרישטאָל,
און ביימער וויגן זיך מיט צווייגיק־גרינע הענט.

און אָרעם איז מיין שטוב, פאַרחושכט, קרום און שמאָל,
ווי ס׳ווערט אַ גוף פאַרצערט — פון קרענק, טובערקולאָז,
און ווערים ווימלען זיך אין יעדן שפּאַלט, אָן צאָל.

און אַנטקעגן מיר די קוסטן בליִען ראָז,
און ביימער וויגן איין די שאָטנס אויף דער ערד,
און מיט וואַסער שפּריצט פון בראָנדז אַן אַלבאַטראָז.

און ביי מיר אין שטוב אַ רויז פאַרוויאַנעט ווערט
אין אַ גרינער פלאַש פון בראָנפן, צי פון ביר,
און די געלע זאַך אַ בלומען־שטרויך פאַרצערט.

און דאָרט, אין גאָרטן, גייט דער אַלטער אויף שפּאַציר,
פון אַ גרויסן הונט אויף שריט און טריט באַגלייט,
וואָס ציט זיך פאַר אים אויס אויף אַלע זיינע פיר.

און איך, ביים פענצטער, שטיי, אין אָרעמקייט געקליידט,
ווי אַ בילד פון וואַקס, איינגעפּאַסט אין גלאָז
און קוק דעם אַלטן אָן, און כ׳בין צו שטאַרבן גרייט

פאַר פרישן בלומען־דופט, פאַר שיינקייט און פאַר גראָז.

מיין פעטער יאַנקל

מיין טאַטנס עלטסטן ברודער
גערופן האָט מען יאַנקל.
אַ ייִד מיט זיסע אויגן, —
אַליין אַ חומש־מעשה.

ער איז צופוס געגאַנגען
פון קאָזשיעניץ קיין ראָדעם, —
ווי אונדזער פאָטער יעקב
געצויגן האָט קיין חרן.

מיט אים האָט אויך געטראָפן
דער זעלבער טראַף און וווּנדער:
ער האָט אין וועג באַגעגנט
אַ פאַסטוך־יונג, אַ גברן.

אַליין אין פעלד, פאַרלאָזן,
ביי אַ טייך, ווי יבוק,
געמוזט מיט אים זיך ראַנגלען
אין בלויען שיין פון שטערן.

נאָך קלינגט „אַזוי־צו־זאָגן!"
מיט פרייד דער חומש־ניגון:
מיין טאַטנס ברודער... יעקב
געקומען איז פון פדן.

ווי טייטלען — זיינע מעשיות,
ווי מילגרוימען — משלים.
און ליב וואַקסט אויס זיין נאָמען,
און אַלץ ווערט לויטער חלום.

צו זיך אַליין

איך ווייס, מיין פריינד, אַז אַנדערש קאָן נישט זיין,
טרינקען מוזסטו,
נאַדיר, ביז צום ראַנד, אַ בעכער שוימענדיקן ווין.
און ליידיק אויס מיט האַסט דאָס גאַנצע ביזן דעק,
און זאָל פון דיר די ביטערניש אַ רגע כאָטש אַוועק.
און ווען פאַרשיכורט, ווילד, דורך גאַסן וועסטו גיין,
זאָלסטו טרייסטן זיך מיט נאַרישן געוויין:
ווער זאָגט, אַז עלנט זיין הייסט אַ שווערע זאַך?
אָ, קוקט: ווי רייך איך בין, מיט שאָטנס פיל, אַ סך!
אָ, זעט, ווי גליקלעך ס׳איז — אַ מענטש, וואָס שפּאַנט ביינאַכט
מיט שטאַרקן ווין אין קאָפּ און וויינט אויף אַלץ און לאַכט.
און קושט אַ שטומען בוים און גלעט אַ קאַלטן שטיין,
און שטשירעט, ווי אַ וואָלף אויף זיך מיט זיינע ציין.
און לאָזט צעפלאַקערן אין זיך די ווילדסטע פרייד,
די פרייד פון שיכורן, וואָס קיינער נישט פאַרשטייט.
ווער זאָגט, אַז ביטערניש איז אַ שווערער לוין?
אָ, זעט! ווי פריידיק כ׳טאַנץ, ווייל כ׳טראָג אויף זיך אַ קרוין,
אַ קרוין אַ גאָלדענע, וואָס גליט אויף מיר און ברענט,
און אָרעם־בענדער צוויי, וואָס פלאַמען אויף די הענט.
און וועט די ביטערניש זיך וועקן דאָך אין מיר,
וועל איך שפּרינגען ווילד אויף אַלע מיינע פיר,
און וואָיען דורך די נעכט, ווי ס׳וואָיעט אַ שאַקאַל,
און שפּייען אויף דער וועלט מיט שלאַנגען־גיפט און גאַל:
ווער זאָגט: אַז ס׳לעבן איז פאַר מיר גאָר אַ געזאַנג?
אָט וואַרף איך זיך, אַ מענטש, אין רינשטאָק, ווי אַ שלאַנג,
מיט שטאַרקן ווין אין קאָפּ, מיט שווערן בליי אין בליק,
און כ׳שעלט די גאַנצע וועלט, און כ׳קלאָג און וויין פון גליק!

אַ שטיקל ברויט

אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל ברויט,
ווו קריגט מען צו באַקומען —
צו זעטיקן דעם הונגער?
און מעג עס זיין געמישט מיט מיסט,
און זאָל עס זיין מיט זאַמד און קויט;
עס וואָלט דערפון געוואָרן גרינגער
דאָס ברומען
אין דעם שטומען
לערן לייב...

אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל ברויט!...
נאָר ווי?!
עס איז דאָס חלומען אומזיסט
און ס'איז דאָס נישטערן אַ שרעקלעך צייט־פּאָרטרייב...

באַקן בלייכן זיך און פלאַקערן,
אויגן גליִען ווילד פון פייערדיקער שאַנד.
און פינגער ברודיקע — די בערג מיט מיסט צעאַקערן,
זוכנדיק אַ ביין שעהן נאָכאַנאַנד.

אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל ברויט!...

אין אָפּפאַל פון די הויפן
קריכן גרויע מייז אַרום
הונגעריקע און לויפן.
און פונעם מיסט, פאַרבאָרגענע,
אַנטפּלעקן זיך אין ליכט:
פאַרפוילטע קעץ, דערוואָרגענע,
און ס'שלאָגט פון זיי געדיכט
מיט מיאוסן עקל, עיפוש און שרעקלעכן גערוך,
און ס'שיקט דער מענטש זיין וויי־געשריי
מיט שווידערלעכן פלוך: —
אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל ברויט!...

מענטש און ייִד

אַ מענטש איז מער נישט ווי אַ מענטש
און אַ ייִד איז מער נאָך ווי אַ ייִד.
און אַ ייִדישער דיכטער רייסט זיך די האָר פון זיין קאָפּ
און טראַכט פון ייִד און מענטש און ס'ווערט דערפון אַ ליד.

דער מענטש אין דער האַנט האַלט אַ האַק
און ביים ייִד — אַ ציטערניש אין געמיט.
און דער ייִדישער דיכטער רייסט שטיקער פלייש פון זיין לייב,
און אויף זיין פּנים אַן אייביקער פרעג־צייכן גליט.

— וואָס איז דען דערמער מיטן מענטש?
און וואָס ציטערט דער ייִד, דער בעל־שם?
און דער ייִדישער דיכטער צעבייסט אַזש די ליפּן ביז בלוט,
און פרעגט ביי די הימלען און האָט נישט קיין ענטפער אויף דעם.

דער מענטש איז מיט תאווה נאָך מאָרד,
און דער ייִד איז פאַרגיביק און קלוג.
נאָר דער ייִדישער דיכטער שפּרינגט פון זיינע הויטן אַרויס
און דונערט מיט שום אויף די ליפּן: גענוג און גענוג!...

דער מענטש טוט אַ ציטער פון גרויל
און דער ייִד — טוט אַ ברום און דערוואַכט...
און דער ייִדישער דיכטער צינדט אונטער מיט פלאַם פון זיין וואָרט
דאָס האַרץ פון דער וועלט, ווי אַ וואַלד אין אַ פינצטערער נאַכט.

זעאונג

זעאונג

אַ ווינט האָט אָנגענומען מיך פאַר מיינע האָר
און ווייט, מיך וויט פאַרטראָגן אויף צוריק מיט דורות־יאָר.

געברענגט מיך צו אַ טייך־ברעג, געלאָזט מיך דאָרט אַליין,
און דער טייך געהייסן האָט: — דער בלויער רהיין.

איך בין מיט שטילן ציטער געשטאַנען ביי דעם ברעג,
און כ׳האָב אין טייך געזען מיין פּנים פול מיט שרעק.

איך האָב געשטוינט פון זעאונג, דער ווינט האָט מיך געגלעט.
און ס׳האָט דאָס שטילע וואַסער צו מיר אַזוי גערעדט:

— דאָ האָט מען דיינע ברידער אַמאָל שוין אין אַ נאַכט
געשאָכטן מיט חלפים און ס׳וואַסער רויט געמאַכט.

איך האָב דערזען אין פלאַמען די ווייטע ייִדן־שטעט,
און ס׳איז מיין האַרץ צעגאַנגען פון רחמים און געבעט.

דער טייך האָט מילד געוויגט זיך, געפּליעסקעט ביי מיין טראָט,
און איך בין ווי געשטאַנען ביים שוועל פון עשאַפאָט.

אַרום מיר — פייכטע שטילקייט און שווייגנדיקער טאָל
און אין דער לופטן גרוילן די מעשיות פון אַמאָל.

דער לויטערער קוואַל

אַ מאַן איז געקומען מיט ליכטיקע רייד
און ער האָט אַזוי אונדז פאַרציילט:
אַז ערגעץ איז דאָ אַ לויטערער קוואַל,
וואָס מענטשלעכע וווּנדן ער היילט.

דער קוואַל איז פאַרבאָרגן, מען ווייסט נישט אַוווּ,
אין בערגישע היילן, צי גאָר אין אַ וואַלד.
און בענקט אין זיין עלנט שוין טויזנטער יאָר,
צו זען אין זיין שפּיגל אַ מענטשלעך געשטאַלט.

ער שיקט ווי אַ תפילה זיין קוואַליק געזאַנג,
מען זאָל אים דערהערן: קום, מענטש, צו מיין שטראָם!
כ׳וועל וואַשן דיין קערפּער, כ׳וועל היילן דיין גייסט
און זאָל מיך אומזיסט נישט פאַרשלינגען דער תהום...

דער מענטש, ווי אַ בלינדער, שטרעקט אויס זיינע הענט,
ווי ס׳עפנט אַן אָדלער דעם שנאָבל, ער שרייט
פאַרצאַפּלט, ביז ווייטיק, נאָך בענקשאַפט צום קוואַל,
וואָס איז אַזוי נאָענט און איז אַזוי ווייט.

נאָר קומען וועט מוזן דער טאָג און די שעה,
ווען מענטש וועט דערשפּאַנען, נאָך יאָרן, ווער ווייסט?
צום קוואַל דעם פאַרבענקטן, אַנטפּלעקט פון זיין סוד,
און ווערן געלייטערט, און ווערן געטרייסט.

מיזרח

ברוינע פּנימער און אויגן מיט חלומות, —
אָ, ווונדערלעכער מיזרח, מיט כּישוף פון מקומות!

דו האָסט אין אונדזער בלוט אַ פייער־בראַנד געצונדן,
מיר זאָלן זיין צו דיר אויף אייביקן געבונדן.

מיר ליבן דיך מיט אַלץ, מיט אומגליק און מיט פריידן
און קיינער וועט אונדז נישט צעטיילן און צעשיידן.

מיר האָבן בענקשאַפטן אין זיך אַריינגעשרומפּן
פון דיינע שפּיצן בערג, פון דיינע שטעט און זומפּן.

מיר האָבן אומעטום געטראָגן דיינע זונען;
און ווו מיר זענען דאָ, דאָרט האָסטו זיך געפונען.

אָ, ווונדערלעכער מיזרח! דו זאַפט פון אונדזער ווילן!
מיר בלוטיקן פאַר דיר און ס׳וויל דאָס בלוט נישט שטילן.

אויף דיינע וויסטעניש, ווו ס׳קלאָגן די שאַקאַלן, —
דאָרט איז אונדזער רוף פון פרוכטבאַרקייט געפאַלן.

דאָרט האָבן מיר מיט דרייסט געוואָרפן נייעם זאָמען
און זיך אין דיר דערלייזט, און דיך — אין אונדזער נאָמען!

אַהאַספּער

לויף, אַהאַספּער־ייִד, — פון פּײַן און גרויל, דו ריטער! —
פאַרפאָלגט פון פעלקער־האַס, דורך וועגן, דערנער, שטיינער.
נישט שריי, נישט וויין, נישט ברום, נישט גיב מיט לייב קיין ציטער...
די שונאים זענען פיל און דו — ביסט בלויז נאָר איינער.

לויף דורך וואַלד, דורך סטעפּ, דורך שטורעם און געוויטער,
מיט אויפגעשטעטשטע האָר, מיט קראַמף־ווייִ אין די ביינער.
דײַן לייב, וואָס רינט מיט בלוט פון דאָרן־שטאָך און שפּליטער,
וועט קיינער נישט פאַרבינדן, קיינער נישט, נישט קיינער.

ס'איז שרעק, ס'איז גרויל! די נאַכט, פון בליצן אָנגעצונדן,
איז פול, אין יעדן שאָרך, מיט מערדער און פאַררעטער.
דו פאַלסט, שטייסט אויף און לויפסט, ווו טראָגסטו דײַנע וווּנדן,
אַהאַספּער, ברודער מײַנער, געיאָגטער פון די שפּעטער?

אויך איך לויף מיט דיר, מיט מײַנע לידער־טרערן
לעש איך דײַנע וווּנדן, אַז ס'זאָל דיר גרינגער ווערן.

משיח

נישט ביי די טויערן פון רוים צווישן די בעטלער זיצט ער,
אונדזער ליכטיקער משיח, וואָס איז נישט געקומען ביז איצטער.

ער איז לאַנג שוין אַוועק פון די בעטלער־לייט און צ׳ריק קיין גליל געגאַנגען,
דאָרט, ווו ייִדישע חלוצים אַקערן די ערד מיט געזאַנגען.

גייט ער אַרום דורך די נעכט צווישן די קיבוצישע גיטער
און זינגט מיט שטילן געזאַנג: עס שלאָפט נישט דער ייִדישער היטער!

ביים ברעג פון ים בלייבט ער שטיין. די כוואַליעס, זיי רוישן און ברומען,
ווי זיי וואָלטן דורך רעש אים פאַרטרויט, אַז אַ שיף מיט וואָגלער דאַרף קומען.

ער שפרייט אויס די הענט מיט געבעט: צום ים, צום הימל, צום שוואַרצן
און וואַרט אויף די פּליטי־ישראל, מיט אַנגסט און מיט פּחד אין האַרצן.

פון אומעטום פילט ער די פיינט, ווי פינצטערע שאָטנס אין לויער,
און איבער אים הענגט, ווי אַ לאַסט, דער אייביקער ייִדישער טרויער.

דער ווינט, וואָס יאָמערט און קלאָגט מיט ביטערע בשורות, וואָס שניידן,
ער וואַרפט צו די פיס פון משיחן דאָס געשריי פון ייִדישע ליידן.

ער זאָגט: בויג איך זיך, משיח, צום ים, צום זאַלציקן, שווערן.
פאַרזוך פון זיין וואַסער און זע, ער איז פול מיט ייִדישע טרערן.

ער הערט דאָס געשריי פון זיין פאָלק, עס קאָן עס די ווייט נישט פאַרהוילן
און ס׳קומט, ווי אַ מאָנונג צו אים פון דייטשלאַנד, פון בעמען און פוילן.

וואָס שוויגסטו? ווו ביסטו, משיח? אָ, קום אונדז באַפרייען, דערלייזן!
און ער איז אַליין מיט זיין האַרץ אַנטקעגן דעם שטורעם, דעם בייזן.

ער בויגט זיך אַראָפּ צו דער ערד און קילט אין די טויען זיין שטערן,
אויך זי מיט אַ בענקשאַפט באַגערט — באַפרייט פון דער וויסטקייט
צו ווערן.

דאַן ווענדט ער זיך אָפּ פון דעם ים, וואָס שליידערט זיין לייב, ווי אין
פיבער,
צוריק צו די לייוונט־געצעלטן, דורך זומפּן, דורך זאַמדן, דורך גריבער.

אַרויף אויף אַ באַרג און ער זעט: אַ קבר, אַ חלוץ געפאַלן...
און פול איז די נאַכט מיט געבעט און יאָמער־געוויין פון שאַקאַלן.

און ער איז אין טרויער, משיח, אַליין אויף די גלילער וועגן,
און וואַרט אויף זיין פאָלק און וואַרט, ווי די טרוקענע ערד אויף אַ רעגן.

דאָס ליד פון פרידן

דער פויער פירט דעם אַקער,
דער שמידער שמידט אַן אַקס;
און די אַלטע באַבע
רואיק שפּינט דעם פלאַקס.

אויף פייער שטייט אַ טעפּל
און יום־טובדיק עס זידט;
און ס'וויגט אַ יונגע מאַמע
איר קינד און זינגט אַ ליד.

אויף פריזבע ליגט אַ קעצל
און דרימלט אומגעשטערט,
און מיט רו און פרידן
שמעקט די גאַנצע ערד.

ס'איז שטיל דער בין־השמשות,
די זון אין פייער גליט,
און אַהיים צום בינשטאָק
אַ בין, פאַרשפּעטיקט, פליט...

און צאַרט, ווי סטרונע, ציטערט
מייך האַרץ אין בלויען רוים.
און ס'טריפט מיט פרייד און בענקשאַפט
פון יעדן גראָז און בוים.

און אין חלום־שימער —
די נאַכט מיט שטערן בליט,
און דוממים און צמחים —
אַלץ שעפּטשעט פרייד און פריד...

צו עקידה

צו עקידה,
ווי אַ ווידער
וועל איך פירן
מיינע לידער.

קעגן הימל —
פריי און אָפן —
וועל איך בינדן
מיינע סטראָפן.

זאָלן זון און
הימל זעען,
וואָס מיט לידער
וועט געשעען.

ווי עס וועט אין
כאָר פון קלאַנגען
זילבן־פערז
זיין האַלדז דערלאַנגען.

ווי אויף בעט
פון שאַרפע שפּענער
וועלן שעפּטשען
זיסע טענער;

ריטמען צאַרטע
וועלן פרעגן:
ביסט אונדז מקריב? —
וועמענס־וועגן?

טרוימסט אַ קרבן —
ווו איז ס׳מעסער?
צינד דאָס האָלץ אָן,
וועט זיין בעסער...

הימלס־אויג
אין רינג זאָל גלוטן —
און מיר וועלן
בלוטן... בלוטן...

אויפגיין העל,
אין פלאַם, ווי קטורת...
יִידער־קרבן
פאַר די דורות.

פאָלק, מיין פאָלק

אָ, פאָלק, מיין פאָלק! צו וואָס זאָל איך דיר שווערן,
אַז דיר וועל איך געטריי זיין אין אַלע דיינע גאַנגען?
אַז דיר נאָר זאָל מיין ליד מיט האַרץ און בלוט געהערן,
צי בין איך נישט, ווי דו, פון שונאס האַנט געפאַנגען?

צי שריי איך נישט פון ווײ, ווען ווערסט פון פיינט געשלאָגן?
צי קנייפּ איך נישט מיין לייב, ווען כ׳מוז פון ווייטיק שטומען?
מיט וואָס זאָל איך דיך טרייסטן, וואָס זאָל איך, פאָלק, דיר זאָגן?
אַז כ׳ווייס אַליין נישט אויך פון ווו מיין הילף וועט קומען.

כ׳האָב פויסטן צוויי פאַרקלעמטע, מיין האַרץ — איין קנויל פון צאָרן.
כ׳וועל אונטערטעניק, שטום, פאַרמיידן קריץ פון ציינער,
און ווי אַ נזיר שעפּטשען צו יעדן שטיין און דאָרן:
קום, זיי מיר אַ געלעגער פאַר מיינע מידע ביינער.

מיך יאָגט, ווי דיך, דער שונא, איך ווער פאַרברענט פון פיבער.
ווי דו, מיין פאָלק, צום הימל שריי איך אין יסורים:
ווו ביסטו, קנוא ונוקם! דו אַלטער גאָט, מיין ליבער?
וואָס קומסטו אונדז נישט העלפן מיט פייער — ווינט און שטורעם?

אָ, פאָלק, מיין פאָלק, געפּייניקטס! וואָס קאָן איך מער באַווייזן,
חוץ זינגען פון דיין טרויער? מיט לידער, שטיקער לונגען
די מחנות דיינע נאָכגיין אויף וועגן, ווו זיי שפּרייזן,
און זאָל דער גאַנג זיי גרינג זיין, וואָס כ׳האָב מיט האַרץ באַזונגען.

מיר, וואַנדערער־ציגיינער

מיר זענען וואַנדערער, ציגיינער,
מיט אומרו אין געמיט.
דעם וואָגל־גייסט געירשנט
האָבן מיר
שוין דורות לאַנג.
מיר זענען קראַנק פון וואַנדערן
און פול מיט שרעק —
פאַר אונטערגאַנג.

די וועלט איז פול מיט אונדז,
און מיר, — מיר מאַכן פול די וועלט
מיט אונדזער אומרו־גייסט,
מיט אונדזער אימהדיק געברום
פאַר אויסטערלישן גרויל,
וואָס רינגלט אונדז —
אַרום,
אַרום...

עס איז די ערד פאַר אַלעמען.
די וועלט איז גרויס און ברייט —
פאַר וועמען ס׳איז אַ גליק,
פאַר וועמען ס׳איז אַ פרייד.
נאָר מיר, מיר וואַנדערן,
דעם שטעקן אין דער האַנט, —
מיר האָבן נישט קיין היים,
מיר האָבן נישט קיין לאַנד!

אין אונדזער בלוט איז אומרו דאָ.
מיר ווייסן עס:
מיר מאַכן נישט דערפון קיין סוד.
מיר טראָגן אויפשטאַנדן מיט זיך.

ס׳איז וואָר —
מיר קרייציקן אַ יעדן פאַלשן גאָט. —
און אונדז פאַרפייניקט מען;
אויף יעדער תליה הענגט
אַ ברודער אונדזערער
מיט אָפּגעהאַקטע הענט.

מיר זענען וואַנדערער (צי יאָ, צי נישט באַשערט)
און ס׳בלוטיקט אומעטום אונטער אונדז די ערד,
און הימלען פלאַקערן איבער אונדז מיט בראַנד,
יאָר־צענדליקער,
יאָר־הונדערטער
און דורות נאָכאַנאַנד.

צו לייוויקן

צו לייוויקן שרייבן אַ בריוו:
מיין טייערער פריינד פון געזאַנג.
ווי שיין איז דיין וואָרט און ווי טיף,
שיק איך דערפאַר דיר אַ דאַנק.

אויף מיר איז אַ מיטלייד ביז גאָר,
איך לעב אין אַן איינזאַמען אָרט.
היט איך שוין ס׳וויפלטע יאָר,
ווי אַ שומר, דאָס יִדישע וואָרט.

היט איך, ווי הייליק מען היט
אַ וווּנדער־קמיע־געשאַנק,
דאָס איידעלע וואָרט פון דיין ליד,
דאָס גוטס פון דיין מענטשלעך געזאַנג.

ווי שווער אינעם יאָך פון פאַרשטאַנד
איז טראָגן דעם גורל „אַליין״
אין אַ ווייטן פאַרוואָרפענעם לאַנד,
וואָס איז אַזוי וווּנדערלעך שיין.

גיי, זוך אין די פעלדזן — אַ שליאַך.
גיי, נעם ביי די כוואַליעס די שיין.
גיי, באָרג ביי די פייגלען די שפּראַך,
בעט ווינט, ער זאָל חבר דיר זיין.

טראָג איך אין איינזאַמקייט, מיד,
די בענקשאַפט אַ שטילע צו דיר.
אין אַנדאַכט פון טרוים און פון ליד,
דעם שוידער פון שניי און סיביר.

מיר דוכט, אַז איך הער אַן אַדיע,
פון וואָלקן גייט אויף דיין געזיכט.
און כ׳קוק צו די בערג און איך זע,
ווי זיי שיינען אין אָונט־שיין־ליכט.

געדאַנקען־שרעק

אינעם וואַלד פון מיין זיכרון האָב איך בלינד פאַרבלאָנדזשעט
און ווילד באַוואַקסן, פינצטער האָט ער מיך געפאַנגען.
עס האָט אַ שטראַל זיך פונעם הימל אין זיין טיף פאַרגנבעט,
און איבער מיר איז גרינער פחד שטום און שווער געהאָנגען.

ציללאַז האָט דער וועג געפירט מיך, צווייג אין צווייג פאַרקאָלטנט,
סאָוועס קלאָגן פון די לעכער, שלאַנגען — גרין זיך קנוילן.
ס׳ברומען בערן, ס׳וואָיען וועלף פון גאָט און לייט פאַרשאָלטן,
און ס׳שפרייט דער טייוול אויס זיין מאַכט, וואָס וועקט די שוואַרצסטע גרויל.

הילפלאָז טרעט איך אין געצוויג, ווו אַלצדינג ליגט פאַרפינצטערט.
דערנער שטעכן מיר דאָס לייב און ס׳פּנים שמייסן ריטער.
שרייסט נישט מיט דיין אייגן קול, און יעדער רוף דער מינדסטער
וועקט אַ פרעמדן בת־קול אויף, וואָס שרעקט דיך מיט זיין ציטער.

און פייגל שרייען דאָ און דאָרט, און צוויַיגן דאַר באַפינגערט
כאַפּן אָן מיך פאַר די האָר. — ברודער, ביסט פאַרפאַלן!
בלאָנדזשעסט אום ביי זיך אין וואַלד. און דיך זיין גרויסקייט וווּנדערט,
ווער האָט באַשאַפן אין זיין טיף אַזוי פיל אימה־קוואַלן?

איצט הערסטו חיהיש ווילד געהייל און ציטערסט אויף צעטומלט.
עס האָט אַ וואַלד, אומענדלעך גרויס, דיך און אַלץ פאַרשלונגען.
פאַרשלאָסן יעדן האָריזאָנט, פאַרפלאָכטן פעסט דעם הימל,
און ס׳רייצט זיך בייז מיט דיר אַ שד, און ווייזט דיר טויזנט צונגען...

חבר געטרייער

שוויגסט, שוויגסט, מיין חבר געטרייער,
פֿאַרגליווערט אין האַרטקייט פֿון שטיין.
די וועלט ווערט פֿאַרניכטעט פֿון פֿייער
און דו האַלטסט פֿאַרשטשעמעט די ציין.

דאָס פֿייער דערגרייכט ביז די קני דיר,
אָט ווערסטו פֿון פֿלאַמען פֿאַרצערט,
באַזאַמען מיט שוועסטער און ברידער
פֿאַרוואַנדלט אין אַש און אין ערד.

עס הייבן זיך וואָלקנס פֿון שטורעם
און ס'ציטערט די ערד פֿון געוויין,
און ס'קרעכצן די שטעט פֿון יסורים —
און דו האַלטסט פֿאַרשטשעמעט די ציין.

דו הערסט נישט? צי ווילסט נישט דערהערן,
אַרום דיר דאָס בייזע געשפּענסט,
וואָס קומט מיט דער טאָט פֿון צעשטערן
און ברענסט אינעם פֿייער און ברענגסט.

דו פֿלאַמסט ווי אַ פֿאַקל, אַ דאָרן,
אין פֿייער לויכט אויף דיין געשטאַלט,
דיין שטומקייט, דיין צער און דיין צאָרן
און אַלץ, וואָס דיין בוזים באַהאַלט.

אדלערס סימבאלן

אין אויפברויז

כ׳וועל אָנהויבן היינט מיינע לידער
אין אויפברויז פון צאָרן און צער,
ווען מען טרייבט מיט אַ בייטש מיינע ברידער
אינעם טאָג פונעם פינצטערן גזר.

כ׳וויל קיין רו נישט פאַר לייב און פאַר גלידער, —
ווי קאָן איך דען רויק זיין איצט,
ווען ס׳וואַרפט מיט אַ דונער אנידער
און פחד מיט זיג־זאַגן בליצט?

אָ, ברידער, געטרייע אין צאָרן,
געפייניקט, געיאָגט און פאַרפאָלגט!
וואָס איז פון דיר איצטער געוואָרן,
מיין אָרעם, מיין אומגליקלעך פאָלק!

אַ פייער באַגלייט מיך מיט צינגער
פון בראַנדיקן אויטאָ־דאַ־פע,
אַז ווי איז מיר, יידישער זינגער,
וואָס מיין וואָרט איז אַ ליד און נישט מער...

מיין פאָלק האָט קיין צייט נישט צו הערן
קיין טרייסטיקן לידער־געזאַנג.
און וואָס וועט אַליין פון מיר ווערן?
— כ׳וועל מיטגיין מיט אים אין זיין גאַנג...

אין אַ יידישער שול

אין אַ יידישער שול, אין דער אַלטער שטאָט ווין.
מיר מיך, מיין צערפולע וויזיע, אַהין.

דאָרט שפּאַנען אויף חורבות, מיט וווּנדיקן טראָט,
און ווייטיקן שטום פאַרן שאָטן פון גאָט.

און וואַנזיניק פאַלן מיט מויל צו דער ערד
און קושן די שטיינער, וואָס זענען צעשטערט...

אָ, שול־ווענט, איר אַלטע! כ׳וועל שעפּטשען אַזוי:
ס׳האָט ווידער צעשטערט אייך די האַנט פון דעם גוי.

און איך בין געקומען נאָך אַלעם, נאָך אַלץ,
זיך שטיקן מיט ביטערע טרערן אין האַלדז.

אַ קוק טון, נישט מערער, אַ זיפץ און אַן אַך,
און טויט־שטיל באַקלאָגן דעם פינצטערן בראָך.

און פיבערדיק גלעטן פון שטיין אַ פיליאַר,
צו פילן אויף דלאָניעס די שטומקייט פון צער.

די בושה און חרפּה פון מענטשלעכן מין,
אין אַ יידישער שול, אין דער אַלטער שטאָט ווין.

ווינער וואַלץ

שפּיל, אָרקעסטער, שפּיל, מיט פידלען און טראָמפּייט,
אַ ווינער וואַלצער־טאַנץ, וואָס וויגט און שלעפּערט איין.
אין דרויסן בושעוועט דאָס ווינער פאָלק מיט פרייד,
די שויבן ברעכנדיק ביים רויטן פאַקל־שיין.

אין דרויסן פלאַקערן די פאָנען אין דער נאַכט
מיט שוואַרצן האַקן־קרייץ, אין רויטן גלי פון בראַנד:
נישטאָ קיין שרעקלעכערס פון טייוול אויסגעטראַכט,
ווי בלוט און וואַלצער־טאַנץ ביים בלויען דונאַי־שטראַנד.

ווען אָרעמס שטרעקן זיך מיט „הייל"־רוף צו דער הויך,
פאַר נירונס אָנגעזיכט, אין קופּער־פלאַם פון גלאַנץ.
נישט רוים אין פייער ברענט, נאָר ס'זעצן פלאַם און רויך
פון הייזער ייִדישע, ביים שפּיל פון וואַלצער־טאַנץ.

שפּיל, אָרקעסטער, שפּיל! מיט זיסקייט פון אַקאָרד
נעם דורך די שוואַרצע נאַכט, פאַרכישוף ביז עקסטאַז!
אין דרויסן ברום־געשריי: פון בלוט, פון רויב און מאָרד, —
און ס'טאַנצט דאָס ווינער פאָלק דעם טאַנץ פון משוגעת.

אָדלערס סימבאָלן

די פּינצטערע אָדלערס — סימבאָלן
מיט שאַרפע צעשפּיציקטע שנאָבלען,
מיט שוואַרצע געפּעדערטע פליגלען,
באַדראָען שוין ווידער די פעלקער.

זיי פלאַטערן שטאָלצע אויף פאָנען,
מיט פלאַמיקע, גיריקע אויגן,
באַוואָפנט מיט שווערדן און סצעפּטערס
פון בלוטיקע בייזע מלכים.

זיי האלטן די שנאָבלען צעעפנט
און שרייען ס׳געשריי פון מלחמות;
מיט צינגער, ווי פייער צעגליטע,
מיט נעגל געשליפן, ווי שפּיזן.

זיי רופן די פּינצטערע כמאַרעס
מיט רעש פון צעהוליעטע ווינטן
און וועקן דעם גרויל פון פאַנטאַזמעס,
וואָס וועלן אין בלוט אַלץ דערטרינקען.

זיי טרייבן באַוואָפנטע מחנות
אַרויס אויף די פּרוכטבאַרע פעלדער,
מיט פּויסטן געביילטע פון וואַנזין,
מיט הערצער משוגע פון יובל,

באַרוישטע פון בלוטיקע הימנען,
פאַרכליניעט פון אייגענער שיכרות,
פאַרבלענדטע פון ווילדע נצחונות,
געפירטע צום אָפּגרונט פון שטאַרבן.

אין טייכן דאָס בלוט וועט זיך גיסן,
פאַר הינט און פאַר מייז די געדערים;

און ס׳וועלן באַוואַכן די העלדן
די חורבות, ווי נאַקעטע שאַרבנס,

די פינצטערע אָדלערס, סימבאָלן,
מיט הימנען און לידער באַקראַנצטע
אויף זילבערנע פאַלבן פון אַטלאַס, —
באַדראָען שוין ווידער די פעלקער.

עס פליִען אין גאָלד איינגעטונקען
די פרינצן (און ס׳שאַלן טראָמפּייטן)
אויף פערד, אויף צעיושעטע, שוואַרצע,
מיט נאָז־לעכער, שוים אויף די רינגען;

מיט שווערדן, וואָס בליצן אין זון־ליכט,
באַפּאַנצערט, באַוואָפנט, באַקיוורט,
און ס׳שלינגען די מחנות באַרוישטע
דעם סם פון די שפּעטע נצחונות.

עס ברענען אויף לענדער די שלאַכטן,
די אָדלערס, זיי פלאַטערן צאָרניק.
די מחנות, זיי שפּרייזן און שפּאַנען
אויף טויט און אויף ווילדער פאַרניכטונג.

ווער וועט צעברעכן די שנאָבלען
פון שרעקלעכע אָדלערס, סימבאָלן?
די בייכער, די פעטע צעפּליקן,
פאַרברענען, פאַרניכטן די פאָנען?

בלינד זאָלט איר ווערן אויף אייביק!
שטויב!... פון די ווינטן צעטראָגן!
עס שרייען פון ערד די הרוגים.
אַ טויט אייך, איר אָדלערס, סימבאָלן!

סאַנטיאַגאָ, 15טער אָקטאָבער 1938

הער, פאַרטיליקער פון פעלקער!

הער, פאַרטיליקער פון פעלקער!
פאַלן וועסטו, שענדלעך שטאַרבן!...
און עס וועלן שלאַנגען ראָיען
אין דיין אויסגעהוילטן שאַרבן.

דיינע בלוי־צעגלאָצטע אויגן
וועלן ראָב און שפּאַרבער פּיקן;
און מיט לייב פון דיינע זויגלינגס —
וועלן שטשור און מויז זיך קוויקן.

דו, וואָס האָסט מיט בייטש פון פלאַמען
שטעט און דערפער אָנגעצונדן, —
וועסט אַליין אין בראַנד פון פייער
מיט דיין האָב און גוטס פאַרשווינדן.

אומעטום, אויף פעלדער, וועלדער,
איבער דיינע קברים־קופּעס,
וועלן טאָג ביי טאָג דיר שטעלן
פליגן־כמאַרעס שוואַרצע חופּות.

זון וועט שיקן קללה־שטראַלן,
פעסט וועט הילן דיינע טאָלן.
און פאַר חורבן פון די פעלקער —
האַרב און ביטער וועסטו צאָלן.

דער פויער

אויף זיין פעלד, דעם וויסטן, קלאָגט אַזוי דער פויער:
מיינע קינדער־רינדער האָט דער פיינט פאַרלענדט!
נישט קיין בוים געלאָזן, בלויז נאָר חורבות, טרויער,
און מיין קליינע כאַטקע אויך אויף אַש פאַרברענט.

ווו איז גאָט געווען? — פרעגט ער מיט באַדויער:
ווען דער פיינט פאַרטיליקט האָט מיט זיינע הענט
מיינע קינדער-רינדער? ענטפער, הימל בלויער!
הענגט אַ שטומער הימל, און די זון, זי בלענדט...

קיינער האָט אים גאָרנישט מער קיין טרייסט צו זאָגן.
דאָ איז בלוט געראָנען און מיט ביקס און שווערד
האָבן זיך, ווי מערדער, מענטש מיט מענטש געשלאָגן,
און מיט שרויט און פייער האָב און גוטס צעשטערט.
און מיט קאָפּ געבויגן, גרוי פון פיין און פלאָגן,
קניט ער, קושט די שטיינער פון זיין היים און ערד.

נס פון זיג

פאַרהונגערטע, בלויז וווּנד און וויי,
און דורכגעפרווירענע פון קעלט,
פויזן, קריכן מענטשן צוויי
אין פינצטערניש, דורך וואַלד און פעלד.

אַרום זיי — נאַכט מיט גרויל און שרעק,
און אויף דעם וועג, ווו ס׳לויערט טויט,
זיי טראָגן זעק, זיי טראָגן פעק,
מיט האַרטן קעז און שוואַרצן ברויט.

זיי גראָבן טריט אין טיפן שניי:
פאָרויס, פאָרויס!... אין מיד געווויג,
זיי ווייסן איינס, זיי ווייסן צוויי:
אַז ביס פון ברויט — איז נס פון זיג.

זיי בענטשן פראָסט און שוואַרצע נאַכט
און אויך דעם ווינט, וואָס פרוווט נישט אויס
אויף בערג מיט שניי זיין ווילדע מאַכט,
און אָכצן שטיל: פאָרויס, פאָרויס!...

זיי ווייסן איינס, זיי ווייסן צוויי:
אַז ערגעץ־ווו, אין מיט מעת־לעת,
וואַרט מען אויף דעם קעז און ברויט,
ווי אויף אַ גרויס און ליכטיק נס.

אַ פויגל

איז געפלויגן אַ פויגל חדשים און טעג גאָכאַנאַנד,
איז ער געקומען צו אַ נייעם אָרט און אַ נייעם לאַנד.

האָט ער געזונגען, דער פויגל, דאָס ליד פון זיין ווייטער מדינה:
— איך קום פון אַן אָרט אַזאַ, ווו די פעלדער זענען גרינע.

— איך קום פון אַ לאַנד אַזאַ, ווו די טייכן זענען קלאָרע,
און אַלע לידער, וואָס איך זינג, זענען לויטערע און וואָרע.

ביי איך, אַז מען זייעט אַ פעלד, ווערן דערנער געבוירן!
ביי איך, אַז מען זינגט אַ ליד, ווערט עס אין חלל פאַרלוירן.

ביי איך, אַז עס קומט אַ קינד אויף דער וועלט, איז ווי זיין נשמה.
נאָך איידער ער וואַקסט נאָך אַרויס, מען שיקט אים אַוועק אין מלחמה.

מען גיט אים אַ ביקס און אַ שווערד, גראַנאַטן, אַ רימען מיט קוילן,
און ס'פרעסן די ווערים זיין לייב און די ביינער טריקענען און פוילן...

האָט ער געזונגען, דער פויגל, און ס'ליד זיינס געעפנט האָט ווונדן,
געגעבן אַ פאָך מיט די פליגלען און הויך אין די וואָלקנס פאַרשוווּנדן.

טאַנצן

העכער, הויך געזונגען: היפיי, האָפּיי, טאַנצט!
צום באַפעל פון שונא, ווען זיין מעסער גלאַנצט.

אין געפלעכט פון רעדער דרייט איך ווילד און יאָגט
און נישט ברומט פון ווייטיק, ווען דער שונא שלאָגט.

זעט: ווי בייטשן כוואָשטשען, רייסן שטיקער לייב
פון די טענצער, נאַקעט, קינדער, מאַן און ווייב...

ניין, נישטאָ קיין רחמים, נישט קיין דין און שטראָף,
ווען מיט בלוט־דורשט שטייען ווערלף אַנטקעגן שאָף!

רויטע פאַקלען ברענען, טאַנצן אינעם ווינט,
און דאָס בלוט פון ייִדן פון די מעסערס רינט...

שווינדלדיקער, גיכער דרייט איך אינעם ראָד!
ווי איז די, וואָס בעטן ביי דעם פיינט גענאָד.

אָט אַזוי באפעלט ער: פליעסקען מיט די הענט,
ווען אין פייער־פלאַמען שול און תורה ברענט.

וווּ איז גאָט? רחמנות!... ניין, נישט רופט צו גאָט!
ווען דער פיינט, דער מערדער, קוועלט פון פרייד און שפּאָט.

טאַנצן! — שרייט ער — טאַנצן!... ווי צו אים און קלאָג,
אַז אויף אים וועט קומען אויך זיין שוואַרצער טאָג!...

פוילן

ווען פוילן איז נאָך סטעפּ געווען,
ווילדעניש און וואַלד,
זענען אונדזערע זיידעס שוין געקומען מיט אַ שפּראַך
און האָבן אויסגעלערנט די שבטים פונעם אָרט
צו בויען זיך אַ הויז —
מיט פענצטער, טיר און דאַך.
זיי האָבן אויסגעזוכט
דעם קיניג מיעשקאָ פונעם וואַלד
און אָנגעטון אים קליידער
און שטיוול אים גענייט,
און צוגעוויזן אים דאָס איינפּאַכסטע פון אַלץ,
ווי מען שטעלט אַ מיל
און ווי מען פלאַנצט אויף זייט.

אַ שטאָט אים אויסגעבויט —
אַ סטאָליצע — אַ כרך...
און געלטער אויסגעמינצט
אויף אַלט־העברעיִש שפּראַך.
געמאַכט אים ווערקשטאַטן,
וועגן, שליאַכן, — איינגעפירט יריד...
און איצטער?...
איצטער!...
טויג ער נישט, דער ייִד.
דערפאַר פאַרראַטן אים, מיט שענדלעכקייט, ביז גאָר,
און אויסגעמעקט זיין רום —
פון מער ווי טויזנט יאָר...
און צוגעטאַקט מיט פרייד, ווען ס'האָט דער שוואַב, דער הונט,
די פּויליש־ייִדישקייט פאַרניכטעט ביזן גרונט.

תפילת אם

אָ, זונעניו מיינער! דער טאַטע איז קראַנק!
און קאָן שוין פון אָרט זיך נישט רירן...
און קאַלט איז, אַן אימה, דער ווינטער איז לאַנג,
מיר וועלן דאָ אַלע פאַרפרירן.

אויף יענער זייט געטאָ נאָך קריגט מען אַ ברויט,
מען דאַרף נאָר אַריבער די מויער,
דאַן וועלן מיר שטילן די ביטערע נויט
און גרינגער וועט ווערן דער טרויער.

איך האָב נאָך מיין רינגל, איצט טו איך עס אויס,
און זאָל דיך זכות אבות באַגלייטן,
אַז דו זאָלסט בשלום קומען צום הויז,
וואָס שטייט מיט צוויי אָפענע קלייטן.

דאָס הויז האָט אַ גאָרן, געדענק עס געַנוי!
די קלייטן, זיי זענען פאַרנומען.
אין איינער דאָרט האַנדלט מיט צלמים אַ גוי,
און אַהין זאָלסטו פאַרזיכטיק קומען.

ווען ווערן וועט נאַכט שוין, דאָ זאָלסטו באַגליקט
צום פריץ אין קלייט אַריין לויפן
און זאָגן מיט טרערן, אַז דיך האָט געשיקט
די מאַמע, דאָס רינגל פאַרקויפן.

דער טאַטע איז חרוב, דערבאַרעם זיך גאָט!
זיי פאָרזיכטיק, קינד, ביי דעם טויער!...
דאָרט דרייען זיך דייטשן, שיכור, ווי לוט
און היטן מיט ביקסן די מויער.

ביינאַכט אויף דיין צ׳ריקוועגס, מיט שאָטנס, געהיים,
זאָל גאָט דיינע פיס־טריט באַגליקן.
מיט ברויט און מיט שפּייז זאָלסטו קומען אַהיים
און אונדז מיט דיין רעטונג דערקוויקן.

סאַנטיאַגאָ, 11טער יוני 1949

באַנען

באַנען יאָגן, באַנען לויפן
איבער פּוילנס פעלדער, גיך.
וואָס זשע פירן זיי קיין דייטשלאַנד?
בערג מיט קליידער, קאַסטנס שיך.

וועש פון קינדער, האָר פון פרויען,
העמדער, טיכער — פולע זעק.
און ס׳אַנטלויפן פּאַנאָראַמעס
פאַר די באַנען, ווי פון שרעק.

שינעס סווישטשען, בריקן ברומען
און זיי וויסן שוין פּאַרוואָס!...
ווען די בייזע באַנען פאָרן,
פאַלט אַן אימה אויפן גראָז.

ווו זשע לויפן זיי, די באַנען,
און פון וואַנען, און וווהין?
פון טרעבלינקע און מיידאַנעק,
ביז קיין ווייַמאַר און בערלין.

זיצן דייטשן אויף די דעכער
פון די באַנען, שיסן סתם.
ברענען איבער זיי די הימלען
מיט אַ מאָדנעם פייער־פלאַם.

פייפן, אָכצן די מאַשינען,
זעצט פון זיי אַ שוואַרצער רויך,
און זיי שרייבן אָן אַ טויט זיך
אויף די הימלען אין דער הויך.

סאַנטיאַגאָ, 14טער יוני 1949

די מערדער פון קעלץ

כ׳וועל מיך אָנטוען היינט, ווי אַ פויער,
אין אַ לאַנגן שעפּסענעם פּעלץ,
און אַזוי וועל איך גיין במחשבה
איבער די גאַסן פון קעלץ.

כ׳וועל גיין און ס׳וועט קיינער נישט זעען
דעם פּויער, וואָס גייט ביי דעם ראַנד,
און וויל מיט די אויגן געפינען
אַ בלוטיקן פלעק אויף אַ וואַנט.

די זון אויפן הימל וועט שיינען,
ווי גאָרנישט געווען און געשען,
און דער ברוק וועט זיין ריין און געוואַשן,
אַז קיינער קיין בלוט זאָל נישט זען.

נאָר איך וועל דערזען און געפינען
דאָס ווינקל, דעם פּלאַץ און דאָס אָרט,
ווו אַלץ איז געווען דאָרט עדות
אויף שחיטה, אויף בלוט און אויף מאָרד.

אַ שוויס וועט באַדעקן מיין פּנים;
דער באָדן וועט גליִען, ווי פלאַם,
און אַ שטים פון דער ערד וועל איך הערן:
—ווער דו אונדזער גואל הדם!...

כ׳וועל געבן אַ קריץ מיט די ציינער
און אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אין אַ טיר,
אַז דאָס בלוט, וואָס פון אונטער די שטיינער
זאָל זידן און שרייען צו מיר:

— טונק איין אינעם בלוט דיינע פינגער
און שרייב מיטן בלוט אויף דער וואַנט;
אַז קומען אַ טאָג וועט פון צאָלונג
פאַר דער שענדלעכסטער שטאָט פונעם לאַנד!

שרייב גיך, ווייל אָט קומען צולויפן —
די צעיושעטע גויים פון קעלץ
מיט בליציקע העק און זיי זוכן —
דעם ייִד, דעם פאַרשטעלטן, אין פעלץ.

זיי הוזשען מיט כעס און רציחה
אין אימהקן שוואַרצן געפלייץ:
די קיילערס, די לערערס, די קינדער
און אַ קשיאַנדז מיט אַ הילצערנעם קרייץ.

וואָס פרעפלט דער קשיאַנדז און צו וועמען
פאַרגלייזט ער די אויגן און קניט?
„אָ, יעזוס, דערלייזער! אָ, העלף אונדז!
געפינען און טויטן דעם ייִד!!!"

כ'וועל שטיין און די זון וועט אין בלוט־רויט
פאַרוואַנדלען איר גאָלדן געשמעלץ,
און די נאַכט וועט בייז מיט אַ קללה
פאַרשלינגען — די מערדער פון קעלץ.

געטאָ

שוואַרצער שבייסצונאַכטס אויף וואַרשע.
גאַסן יידישע פאַרמויערט.
איבער דזשעלנע, קאַרמעליצקע
שוועבט די שכינה, וויינט און טרויערט.

נאָך דעם טאָג פון כלו שבת
טראָגט אַ יאָמער זיך פון שטיבער;
דאָ און דאָרט איז אויסגעגאַנגען
ווער פון הונגער, ווער פון פיבער.

און די שכינה פלאַטערט, ציטערט,
וואָרקעט, וויינט — אַז ווי און ווינד איר! —
אויף די חורבות פון טלאָמאַצקע,
אין דער נאַכט, דער שוואַרצער. בלינדער.

נישט קיין שאָטן וועט איר נאָרן,
אויסבאַהאַלטן, צער פאַרהוילן.
פון די שול־ווענט, שטיינער־שפּאַלטן
שרייט צו גאָט גאַנץ יידיש פּוילן.

שטיינער ביטערן אין שטילקייט:
איז קיין זכות פאַר זיי נישטאָ מער?
אויף דעם חורבן פון ישראל,
יידיש אומגליק, וויין און יאָמער!

פּלוצים — טראָט, געברום און שוידער
אויף דעם ברוק, ווי האַמערס שמידן
זעלנער־זוילן מערדער־ריטם:
העפּ און העפּ, אַ טויט די יידן!

העל צערייסן זיך די וואָלקנס
איבער וואַרשעס שיפּע דעכער,
און די שכינה שטיל פאַרשטעלט זיך
מיט איר ווייכן פליגל־פעכער.

ביי די שאָטנס בעט זי רחמים:
אויסגעלאָשן זאָל זי ווערן,
איידער זען דעם שונאס שפּיזן
בלישטשענדיק אין שיין פון שטערן!

העפּ און העפּ! דער חלל גליווערט,
זעלנער־טראָט ווערט טויט, צערונען...
און די פינצטערניש נעמט ווידער
אין די שאָטנס סודות שפּינען.

שכינה העלט... אויף וואַנט אָט זעט זי
שאַרט זיך, שוועבט אַ שאָטן גרינגער
און אַ האַנט „נ י צ ח ו ן" צייכנט
מיטן בלוט פון אירע פינגער.

אין דער דאָזיקער נאַכט פון פסח

אין דער דאָזיקער נאַכט פון פסח
זענען פערציק טויזנט גיבורי חיל
אויפגעגאַנגען אויף די בוידעמער פון וואַרשע
און אין די טיפע קעלערן אַראָפּגעגנידערט
באַלאָדענע, ווי קעמלען, מיט ביקסן און פיסטוילן,
מיט שווערדן, מעסערס און באַגנעטן;
יעדער צו זיין ווינקל־אָרט,
קריכנדיק אין פינצטערניש מיט באָמבעס און גראַנאַטן
און מיט אַ וואונדערלעכן זמר אויף די ליפּן:
היינט איז יום־טוב!
ערשטע סדר־נאַכט פון פסח;
מצה.. מרור...
קלינגענדיק געזאַנג פון דער הגדה:
ערגעץ ווייט, אין לאַנד פון גושן,
אין דער קנעכטשאַפט פון מיצרים...
ווי אַ חלום פלאַטערט פאַר די אויגן יענע נאַכט פון פסח...
שישים ריבוא יידן, ווייב און קינדער,
וואַרטן אויף דערלייזונג.

פריי פון יאָך פון קייטן!
אויס מיט קנעכטשאַפט,
און אויסטערלישע וווּנדער שימערן און ליכטיקן אין חושך.

אַלץ איז פול מיט סוד פון וואַרטן.
הייזער גליווערן אין שווייגן,
אין דער דאָזיקער נאַכט פון פסח,
הינטער די קאַרניזן פון די וואַרשעווער דעכער,
אין די נאַסע קעלערן איינגעגראָבענע,
אין גריבער פינצטערע און היילן,
מיט דינאַמיט און אויפרייס־פלעשער,

ביי מינעס, טיף-פאַרקאָפּעטע אין באָדן
ליגן ייִדן,
הויערן און וואַרטן
אויפן אָנקומען פון מאָרגן.
וואַרטן...
וואַרטן...
לויערן, לויערן
אויפן אָנקומען פון שונא —
צו די וואַרשעווער געטאָ־מויערן.
יום־טוב, יום־טוב!
היינט איז ליל־שימורים...
גאַנץ מיצרים זינקט אין חושך,
נאָר אין גושן־וואַרשע לויכטן וווּנדער.
ביז צום אויסגיין טראָגן זיך פאַרהייליקטע ניגונים:
שיר השירים, פרייהייטס־לידער, תהילים־טענער,
שורות קלינגענדיקער הלל...
פערציק טויזנט ייִדן וואַרטן
אויף דעם שאַל־געשריי פון אויפשטאַנד,
אויף דעם ערשטן אָנזאָג־שאָס פון ביקסן און פּיסטוילן,
מיט אָנגעצונדענע חושים, אָפענע אויגן, לוישנדע אויערן,
אויפן נס אויף דעם גרויסן,
וואָס וועט הילכן און דונערן איבער די וואַרשעווער געטאָ־מויערן.

וואַרשע

ווען געברענט האָט די ייִדישע וואַרשע,
האָט די פּוילישע וואַרשע געלאַכט.
מאַרשאַלקאָווסקע געיובלט האָט פריידיק,
ווען דזשעלנע אין שטויב האָט געקראַכט.

האָט די ייִדישע וואַרשע געשריגן
צו דער פּוילישער וואַרשע, דורך בראַנד:
קום העלפן דיין אייגענער שוועסטער,
וואָס פאַרטיידיקט די קרוין פון דעם לאַנד.

האָט די פּוילישע וואַרשע מיט גרינגקייט
פאַרלייגט אויף דער ברוסט אירע הענט
און געקוקט, און געוואַרט, ביז דער שונא
האָט די ייִדישע וואַרשע פאַרברענט.

האָט וואַרשע, די אַלעמענס וואַרשע,
פאַרלוירן איר שיינקייט און ווערט,
און אַלס דאַנק, האָט דער דייטשישער שונא.
ביז אין גרונט זי אינגאַנצן צעשטערט.

האָט אַ ייִדישער דיכטער באַזונגען
גאַנץ וואַרשע, מיט ליבשאַפט אַ סך.
און איצט, ווען נישטאָ שוין איז וואַרשע,
לעבט וואַרשע אין דער ייִדישער שפּראַך.

14טער מאַי 1949

ירמיהו

צווישן די וואַרשעווער חורבות, וואָס שטאַרצן צום הימל מיט שווידער,
זיצט ווידער דער איינזאַמער נביא און קלאָגט אויף דעם חורבן ישראל.

זיין צונג איז פאַרטריקנט צום גומען, זיין פּנים פון גרויל איז צעשניטן,
און זוכט מיט צעהונגערטע אויגן אַן איינציקן ייִד כאָטש צו טרייסטן.

דער הימל הענגט בלוי, אַ צעשפּרייטער,, און ער, ווי אַ שאָטן, אַ שטומער
מאָנט טראָציק ביי גאָט: אל נקמות! אַן ענטפער אויף צער און אויף חורבן!

ווו איז עס דאָס וואָרט, וואָס זאָל טרייסטן? נישטאָ אַזאַ וואָרט אויף
די ליפּן...
אָ, חורבות, איר שטיינערנע עדות, קומט טרייסטן אַן איינזאַמען נביא!

ברענגט אַש פון פאַרשרפהטע ייִדן, איר ווינטלעך, זיין קאָפּ צו באַשיטן,
קומט, וואָלקנס, מיט לאָגלען פון טרערן און שלוכצט אויף די שטיינער
זיין טרויער!

די נאַכט אין איר פינצטערן אומגליק וויל שטום זיך אין שאָטנס
פאַרהילן,
נאָר אים וועט די שטילקייט נישט טרייסטן, דער טאָג וועט אים ווידער
געבוירן.

ביז ס׳וועט זיך אָפּיר פון די חורבות באַווייזן אַ ייִד דורך אַ וווּנדער,
דאַן וועט ער פון שטויב זיך באַפרייען און טרייסטנדיק גיין אים
אַנטקעגן,

און זינגען מיט גרויסקייט און ציטער אויף שטויב פון דעם חרובן תוהו
דאָס ליד פון ישראלס דערלייזונג, דאָס ליד פון טרוים און ביטחון...

ראדעם

צו מיין טאַטן...

גלי און פּיין אויף מיינע ווונדן,
ערגעץ האָב איך נאָך אַ טאַטן,
וואָס איך בין צו אים געבונדן
און זיין אַרבעט כ׳האָב פאַרראַטן.

ער איז נאָך אַ ריגגען־שליסער
אין דער קייט פון לאַנגע דורות.
טאַטע, פּסח, מעשנגיסער,
כישוף־פיילער פון מנורות.

מיך האָט ס׳לעבן האַרט פאַרשאָלטן,
איז אַ בושה מיר פאַר מענטשן.
ווען זאָל איך לייכטער גיסן,
אַז מען וויל קיין ליכט נישט בענטשן?

טראָג איך מיך אַרום מיט לידער,
ווי מיט לוחות. ס׳האַרץ אין קלעמען.
זוך איך שוועסטער, זוך איך ברידער,
ווער עס זאָל די לוחות נעמען.

ראָדעם

וואָס איז ראָדעם?
אַ שטאָט!
און איך בין פון דאָרט!
דערציייל מיר פון ראָדעם,
ציטער נישט, וואָרט...
לאָז אויפגיין, ווי חלום:
אַ געסל, אַ גאַס.
אַ שיל
און אַ מיל —
אַ פעסל מיט קוואַס.
אַ „קאַשטשיאָל" מיט גלאָקן,
וואָס קלינגען: בים... באָם!...
אָ, ראָדעם!
דיין נאָמען — איז ערגער ווי סדום!

ווו איז ער, דער ניגון,
אין גלעט פונעם ווינט?
פון יידישע מאַמעס,
וואָס וויגן אַ קינד?
דאָס שלאָגן פון האַמערס;
דאָס ליד
פונעם שמיד?
דער „וואָל" מיט די ייִדן
אין ברעג פון יריד?
די יונגען,
וואָס זינגען —
צעפלאַטערט און פריי,
מיט פאָנען
מיט רויטע
און גאָלדענעם מאַי?
ווו האָסטו די ייִדן

געפּירט צום תהום?
אָ, ראָדעם!
דיין נאָמען — איז ערגער ווי סדום!...

וואָס איז ראָדעם?
אַ שטאָט?...
— אַ שעכט־הויז פון מאָרד!
דערציייל מיר פון ראָדעם,
ציטער נישט, וואָרט...
רייס אויף, ווי מיט פּולווער,
דאָס שטאָל פון מיין פּיין,
אָ, ראָדעם!
עס זאָל דיר געשאָנקען נישט זיין
פון יידן קדושים — דער בלוטיקער שטראָם.
אָ, ראָדעם!
דיין נאָמען — איז ערגער ווי סדום!...

טערקן

געווען איז אַ קלייניקנע עדה
אין ראָדעם פון „גרעקן" — אַראַבער,
וואָס האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט,
מיט זייערע קינדער און „וואַבער".

גערופן האָט מען זיי „טערקן";
געמיינט, אַז זיי גלייבן אין עגל,
האָבן זיי קיכלעך געבאַקן
און חלות, ווי ריזיקע פייגל.

איז אַ קינד ביי זיי איינמאָל געשטאָרבן,
איז דער טאַטע געגאַנגען צו קהל:
— מיר זענען פון זרע אברהם,
די קינדער פון זיידן ישמעאל.

און יצחק געווען איז זיין ברודער,
פון זעלביקן בלוט זענען בײדע...
אָ, שענקט אונדז אויף אייער בית־קברות
אַ קרקע פאַר אונדזער אבידה!

מיר האָבן איין גאָט און איין פאָטער...
— געלויבט זאָל זיין, אַללאַ, דיין נאָמען!
וואָס דו האָסט באַשערט אונדז צו וויינען
מיט די ליכטיקע זין פון אברהמען.

און דאָ איז ער פלוצים אַנטשוויגן
און געווישט מיטן אַרבל די טרערן.
האָט קהל געצופּט ביי דעם האַרצן
די בלוטיקע ווערטער צו הערן.

האָט דער ראָדעמער רב אויפגעשטעלט זיך
און גערעדט צו דעם טערק מיט חנינה:
— ביי אונדזער בית־עולם צעוואַקסט זיך
אַ וועלדל מיט סאָסנעס, מיט גרינע.

דאָרט קאָנסטו אַ קבר אויסגראָבן,
נישט ווייט פון בית־עלמין, ביים פּאַרקן,
און דאָרטן דיין טויטן באַהאַלטן,
און גאָט זאָל דיך טרייסטן און שטאַרקן.

און אַזוי איז דאָס קברות געוואַקסן
פון מענטשן, וואָס ס'קען זיי נישט קיינער.
פאַרדעקט און פאַרשטעלט מיט מצבות
פון ריזיקע בלאָקן און שטיינער.

„מרדכי האָקע"

אין אַ פּראָסטיקער נאַכט, אין אַ קאַלטער,
ביים שפּילן אין „קוויטלעך" און „אָקע",
האָט פּלוצים צעלאַכט זיך אַ ייִנגל,
האָט אימיץ גערופן אים: „האָקע"!

דאָס ייִנגל פאַרשעמט האָט געשמייכלט
צום עולם, וואָס שפּילט מיט אַ סדר,
נאָר דאָ האָט די טיר זיך געעפנט
און אימיץ אַריין איז איז חדר.

„גוטנאָוונט!" אייך, טייערע יונגעץ!
ווער האָט עס געצײַצן אַ קוואָקע?
און פּלוצים דערמאָנט זיך ביים שפּילן
אין משוגענעם מרדכי האָקע?

דאָס בין איך דער ראָדעמער „דזשיוויאַק",
וואָס קוקט נישט, צי ס'שנייעט, צי ס'רעגנט,
און לויפט סיי זומער און ווינטער
באָרוועס אַרום אין דער געגנט.

— פון „סקאַרשעוו" קנאַק איך קיין „פּשיטיק",
פון „קאָזשעניץ" קום איך קיין „ראָדעם",
אַזויווי איר זעט מיך, „פּאַנאָוויע",
אין זאַקענע, ווייסע בגדים.

אין זומער, ווען ס'ציִען צום לאַגער
די רוסישע פּולקן און ראָטעס,
לויף איך מיט מיט די זעלנער
דורך זאַמדן און שיטערע בלאָטעס.

איך זע, ווי מען שלעפּט די האַרמאַטן,
מען לויפט, ווי געיאָגט פון אַ המן.
און דאָ גאָר, נאָך יאָרן, נאָך לאַנגע,
דערמאָנט מען גאָר פּלוצים מיין נאָמען?

ווער איז ער, דער „האָקע“? — איך בעט אייך! —
וואָס שפּילט אין משוגענע יאָרן?
און נעמען פון טויזנטער יידן
טראָגט ער אַרום אין זיכרון?

אין אַ יינגל דערקענט ער — אַ פעטער,
אין אַ מיידל דערזעט ער — אַ באָבען...
שוין צייט דיר, משוגענער חכם,
אין קבר דיין חכמה צו האָבן.

— דאָ בין איך אַוועק אין „בעסמעדרעש“,
געשריגן אַראָפּ פון באַלעמער:
— הערטס, יידן! איך בין שוין געגליכן
צו אַן אַלטן צעלעכערטן עמער!

גייט, זוכט אייך אַן אַנדערן „וואַריאַט“,
מיין האַרץ איז שוין טרוקן פון ווונדן!
און כ'האָב זיך מיט ראָדעם געזעגנט,
אַוועק מיט אַ פייף און פאַרשוווּנדן...

דער עולם ביים טיש האָט פאַרציטערט.
די לבנה געקוקט האָט קאָסאָקע,
ווי זיס אויף אַ זילבערנעם וואָלקן,
געשמייכלט האָט מרדכי האָקע.

די חתונה

אויף דער חתונה פון ראָדעם
האָט מען קיינעם נישט פאַרבעטן.
בלויז די דייטשן, סאַמע מערדער,
זענען דאָרט געווען פאַרטרעטן.

זייט־ביי־זייט מיט זיי אוקראַינער —
האָבן „היצלעס״, בלויז שיכורים:
ווילדע לעטן און ליטווינער
אויפגעברויזט די נאַכט מיט שטורים.

ריזן־לאָמפּן, פול מיט ליכט-שיין,
האָבן הויך, אויף סלופּעס, דראָטן,
אויסגעקערט מיט ליכט די גאַסן
און פאַרטריבן יעדן שאָטן.

מיט אַ פלוכן, פּאָך פון בייטשן,
מיט אַ פייפעריי און זשומען,
האָט מען יידן פון די שטיבער
צו דער חתונה גענומען.

נישט קיין וויין האָט זיך געגאָסן,
נישט געבראָטן האָט מען רינדער,
נאָר צעשלאָגן קעפּ פון יידן
און געשחטן קליינע קינדער.

קיינעם האָט עס נישט פאַרמיטן.
ווער עס איז נישט גיך געלאָפן,
איז אין רינשטאָקס אומגעפאַלן
מיט אַ קויל אין האַרץ געטראָפן.

אויף די דעכער, נישט פון געטאָ,
האָבן ראָדעמער פּאָליאַקן
צוגעקוקט, ווי ייִדן טאַנצן
און די בייטשן קנאַלן, קנאַקן...

און אַנטציקט זיך פון דעם נאַכט־שפּיל
און די פרייד גאָרנישט פאַרהוילן,
אויף דער חתונה פון ראָדעם,
אין דעם טויטן־טאַנץ פון פּוילן...

יידן און ציגיינער

אַז דער דייטש האָט מיט פייער קיין פוילן געצויגן,
האָט ער די ערד געברענט מיט די אויגן.
אויף „וועסט" און אויף „אָסטן", אויף „נאָרד" און אויף „זידן"
האָט ער געמאָרדעט — ציגיינער און יידן.

גערויבט און געזויפן, געשטעלט עשאַפאָטן
און מענטשלעכע לעבנס מיט שטיוול צעטראָטן.
האָבן פּאָליאַקן געשוויגן צופרידן,
דער דייטש האָט געמאָרדעט ציגיינער און יידן...

אַז דער דייטש האָט צו בויען פאַבריקן באַפוילן;
מיט פייער פאַרברענען די יידן פון פוילן.
האָט ער אויף „פּאָלען" מיט דרייסט זיך אַנטשידן,
דער דייטש האָט געמאָרדעט ציגיינער און יידן...

און אַז די פוילישע ערד, פון דיכטער באַזונגען,
האָט דאָס הייליקע אַש פון די יידן פאַרשלונגען,
האָבן ליטווינער און האָרדעס אוקראַינער
געשלעפּט צו דער שחיטה די לעצטע ציגיינער.

און אַז רוסלאַנד מיט בראַנד־ווינט דעם דייטש האָט פאַרטריבן,
זענען, ווי ווונדער, נאָך יידן געבליבן;
די קעמפּפערס פון געטאָ, אָ! העלף מיר, גאָט מיינער!
צום זכר זאָל בלייבן דאָס ליד פון ציגיינער...

זאמלער

זאַמלער

עס איז אַ שווערד דאָס וואָרט, מיר ווילנ׳ס מער נישט שטאַמלען.
מיר האָבן אוצרות נאָך פאַר דורות איינצוזאַמלען.

מיר האָבן קיינמאָל נישט דעם מוט צום פיינט פאַרלוירן.
די יונגע מאַמע לעבט — זי וועט אויפסניי געבוירן.

די קינדער צאַפּלען שוין אין אירע איינגעווייידן.
דורך רוף פון וויטיקן עס קומען אָן די פריידן.

אָהאָ! זיי קומען אָן, זיי קומען שוין וואָס גיכער — — —
די מעשיות ווערן שוין פאַרשריבן אין די ביכער:

אַ פעלד פון פרוכטבאַרקייט עס שענקען אונדז די ערדן,
מיר האָבן אַקערס שוין געשמידט פון אונדזערע שווערדן.

מיר האָבן זריעה שוין אין ערד־שויס טיף פאַרבאָרגן
און ס׳גייען זאַנגען אויף אין ליכט פון אונדזער מאָרגן.

די נאַכט האָט לאַנג פאַרשפּרייט אויף אונדז איר שוואַרצן שאָטן,
פאַרפלאָנטערט אונדז אין נעץ פון דערנער און פון דראָטן.

דעם ווילן איינגעקנוילט — איצט ווערט דער קנויל צעריסן,
און מיר — מיר רייסן זיך צום זיג פון העלן וויסן.

ווער ס׳ליבט די פינצטערניש, דער זאָל זיך מיט איר האַלטן,
מיר שעפּן אינהאַלטן אַרויס פון קוואַל, פון אַלטן.

מיר צינדן שטורקאַצן די שאָטנס צו פאַרטרייבן
און ס׳וועלן מעשיות נאָך פון אונדז אַ סך פאַרבלייבן.

שטיי אויף

שטיי אויף, דו מאַן, פאַרטונקלטער,
פאַרהאַרטעוועט אין פיינען! —
דער טאָג איז אויפגעגאַנגען,
די זון הויבט אָן צו שיינען

אויף דעכער פינצטערע,
אויף פענצטערדיקע שטאָקן,
און ס׳קלינגען צביעותדיק
די קלויסטערדיקע גלאָקן.

שטיי אויף, דו מאַן, באַגעגענען —
דעם אַרבעטס־טאָג, דעם שווערן.
עס לאָזן זיך סירענעס שוין
פאַרהייזעריקטע הערן.

זיי רופן ערנסטע,
זיי וואָרענען און דראָען:
אַ סוף, אַ סוף צו פרידלעכע,
חלומותדיקע שעהן.

שטיי אויף, דו מאַן, עס נעמען זיך
די גאַסן שוין באַוועגן.
טראָג גיך די קראַפט פון מוסקולן —
אַ קרבן צו די זעגן;

צום שווינדל־גרילץ פון ציין־רעדער,
שטיי אויף, דו מאַן, געשווינדער.
און שלייף דיר אויס אין פינצטערניש
אַ ניי און געטלעך וווּנדער.

פאַראַן אַזאַ איינער

פאַראַן אַזאַ איינער ביי אונדז אינעם לאַנד,
מאַכט מען זיין נאָמען צו שפּאָט און צו שאַנד.

און ער איז דער איינציקער דאָ אויף דער שטעל,
וואָס צאָלט פאַר דעם אמת מיט בלוט פון זיין פעל.

און ער איז דער איינציקער דאָ אויפן אָרט,
ביי וועמען עס לעבט נאָך פון שיינקייט דאָס וואָרט.

ער האָט נישט קיין זילבער, קיין גאָלד, גאָט באַהיט!
נאָר ריטמען, וואָס טריפן מיט בלוט פון אַ ליד.

נאָר פערזן, וואָס האָבן דעם איידעלן קלאַנג
פון גינגאָלד געהאַמערט, און לויטער געזאַנג.

און אים איז באַשערט דאָ צו טראָגן די לאַסט
פון גוטס און פון שיינקייט און ווערן פאַרהאַסט.

פון לעבן באַשאָנקען און קריגן דעם לוין —
אַ שטיין און פון דערנער — אַ שטעכיקע קרוין.

אַ וואָגלער, אַ בעטלער, דאָך שיין אין זיין שאַנד.
פאַראַן אַזאַ איינער ביי אונדז אינעם לאַנד...

מאַשינען־געזאַנג

מיר האָמערן אויס
איינטאָניק און שטאַרק
דאָס ליד.
מיר זענען נישט פויל, מיר זענען נישט קאַרג,
נאָר שמיר אונדז די נאַקעטע גלידער מיט אויל.
מיר זענען פאַרליבט אין דיין האַנט
וואָס באַפעלט.
מיר האָבן דיך ליב, דו מענטשן־פאַרשטאַנד,
דו, וואָס באַזעלסט אונדז
מיט יעדן באַריר.
נאָר שמיר אונדז די נאַקעטע גלידער מיט אויל,
דאַן פאָלגן מיר בלינד, דיין יעדן פאַרלאַנג.
מיר טוען דיין אַרבעט מיט אונדזער געזאַנג.
אין אונדזער געאייזנטן בלוט,
געצירשנט פון דיר...
מיר זענען צופרידן מיט אונדזער געשטאַלט.
זאָל רוען דיין האַנט אויף אונדזערע קעפּ...
און ווערן מיר אַלט,
שטראָף אונדז מיט קלעפּ
פון דיין אייגענער האַנט...

אין טומל

אין טומל פון פרעסן און שטאַמסן,
פאַרשלונגען, באַצוואונגען אינגאַנצן.

אין שווינדל פון ספּריכעס און שטאַנגען
רעדט ס׳בלוט זיך פון ברידער פונאַנדער:

עס בינדט אונדז דורך נויטן איין גורל,
צו טראָגן דאָס לעבן אָן מורא.

ווי ס׳טראָגן די קעמלען אין מאָרגנס
די זוניק־באַצונטערטע האָרבן.

עס האָט אונדז דאָס לעבן פאַרברידערט
צו וואַרטן פאַרפינצטערט און מידע.

ביי מיילער פון אָפענע קוימענס,
צעגליטע פון פלאַם און חלומות.

ביז ס׳וועלן אונדז שטאָלענע קולות,
דורך פינצטערע חללס באַפעלן,

צום אויפשטיין באַוואָפנט זיך שטרעקן
מיט פרענטן, מיט שטאַבעס און שטעקנס.

צום ריטם פון פיס־טריט און הערצער,
מיט רויטע צעזונגענע ווערטער,

וואָס זאָלן נאָך יאָרן פון זשאַווער
צעשניידן מיט הימנען דעם אַוויר.

עלנטע

הונגעריק און אָפּגעריסענע, מיט אויגן רויט־צעפּרעסענע
שלינגען זיי פאַרפּינצטערטע דעם צער פון זייער טרויער;
דעם צער פון נאַקעטע, דערשלאָגענע, און שוידערלעך־פאַרגעסענע,
דעם צער פון ביטערניש און אייביקן באַדויער.

זיי גייען מחנותווייז, צעהויקערט און געבויגענע,
ווי ס׳וואָלטן דורות פּיין פאַרשלאָסן זיי אין קאַמערן,
מיט קינדער קרענקלעכע, מיט קינדער נישט דערזויגענע,
און האַרטע שטיינער־ערד מיט פּיס־טריט זיי צעהאַמערן.

און דורך אַ שוואַרצן וועג פון פעלדער וויסט פאַרבליבענע,
ווו ס׳ליגן שאַרבן־קעפּ און מענטשן־הענט צעטרעטענע,
קומען זיי צעבלוטיקטע, פון פּיין און נויט געטריבענע,
פון קיינעם נישט גערופענע, פון קיינעם נישט געבעטענע.

און וועלטן אימה טראָגן זיי אויף פּלייצעס, דאַר און ביינערנע
און פון די ברוסטן פאַרמעטנע, ווי הויט פון באַראַבאַנען,
ברומען זיי אין וואָגלעניש, מיט קולות האַרטע, שטיינערנע,
דעם גרויל פון צאַרן אייביקן, וואָס איז אין זיי פאַראַנען.

אומרו

אויף זאַמדיקע וועגן
איז אומרו געלעגן
פאַרמאַטערט פון וואָגל, פון שווערן.
אויף זאַמדיקע וועגן
געוויינט האָט דער רעגן
אויף אומרו מיט ביטערע טרערן.

און אומרו, צעבראָכן
איז קרענקלעך געקראָכן
געשלאָגן פון אייביקע ווונדן.
און אומרו צעבראָכן
געשוויגן האָט וואָכן,
מיט ווייטיק אין האַרצן געבונדן.

און שרעק איז געגאַנגען
פון הינטן געפאַנגען
און פאָרויס איז צווייפל געריטן.
און שרעק איז געגאַנגען,
מיט טאָרבעס באַהאַנגען,
און אומרו מיט ווייטיק אינמיטן.

ביז זון האָט באַפוילן
מיט פלאַם, ווי פון קוילן
און שטורעם האָט ווינטן געשמיסן.
ביז זון האָט באַפוילן,
מיט בראַנד אויף די זוילן,
און צער האָט די האָר זיך געריסן.

האָט אומרו געשריִען,
מיט בלוט אויף די קניִען

און שרעק האָט געברומט מיט געבייזער.
האָט אומרו געשריִען,
ווי וועלף וואָלטן וו יִ ע ן,
שעלטנדיק — רו, זיין דערלייער.

גייסט פון אָרעמקייט

גייסט פון אָרעמקייט, דערהויבן זיי
איבער אונדז און איבער אונדזער נויט,
און הויב אויף הענט באַוואַקסענע,
און בענטש אונדז שווייגנדיק און שטום.

מיר שטייען עלנטע — און הונגעריק —
פֿאַר דיינע טויטע טרעפּ,
מיט ווונדן אין די פּנימער,
מיט דאַר געשמידטע קני און ליפּן קראַנק צעפּלאַקערטע
און שטומע וואַרטן מיר —
מיט שטיינער אין געמיט...

גייסט פון אָרעמקייט, גייסט פון אונדזער פלייש!
קנױען קרום, צעבויגענע די שאָטנס שוואַרץ, פון אונדז,
מיט אויגן בלוט־פאַרלאָפענע,
מיט האַרץ־בלוט אויף די הענט,
און טריפנדיק אין אייטער־ווונד בעטן מיר צו דיר;
און דראָענדיק צעוואַקסן זיך די קולות אין געברום,
די פויסטן שטאָל־באַפליגלטע,
די פינצטער־הויט געפּאַנצערטע,
און וויגן אויס מיט אומעט־וויי צעצויגן מיד געשריי...

גייסט פון אָרעמקייט, גייסט פון ביטערניש,
גייסט פון נויט און פּיין!
דו בלוטנדער, דו נאַקעטער, דערהויבן זיי!
און בענטש —
די שטים פון אונדזער בלוט...

דערלייזונג

פליסט בלוט אין די אָדערן —
גלי׳ענדיק בליי.
שרייען מאַשינען אַן איינציק געשריי:
אַרבעטער דו,
פאַרוואָגלט פון רו;
דיין ווילן,
דעם שטילן,
פון קנעכטשאַפט באַפריי!
די צייט איז געקומען
מיט שטרענגן באַפעל,
ווי גלאָקן זאָל ברומען
די שטים פון דיין קעל.
ווי פייער זאָל גלי׳ען
און ברי׳ען —
דיין בליק.
די שרעק און דעם פּחד —
דערווערג און דערשטיק.
זאָל וועקן,
אַנטפּלעקן —
דיין טראָט און דיין שפּאַן
דעם שטאָלץ פון דעם ניי אויפגעשטאַנענעם מאַן,
וואָס האָט אין די אייגענע וווּנדיקע הענט
די קראַפט פון זיין שטאָלענעם האַמער דערקענט.
וואָס האָט זיך דערהויבן
מיט גלויבן
און גייסט,
אַליין זיך באַפרייען — און ווערן דערלייזט.

חבר, חבר

חבר, חבר, ס'ווייגט די דרייבאַנק,
נעם דעם בוימל, שמיר איר שטאָל.
לאָד איר אָן פון הענט פון שווערע,
פול מיט אייזערנעם געדולד.

שטויב געדיכטער פאַרבט דיין פנים
און דיך רינגלט אום גערויש.
פון די שוואַרצע שלאַנגען, רימענס
לאָז נישט ווערגן דיין געמיט.

פעסט פאַרשמידט אין קייט פון שעהן —
קרעכצן רעדער אין דיין מאַרך.
טרייב און צוים דעם ווילדן אימפעט
פון דער אייזערנער מאַשין.

אין דיין פולן קאָפּ, דעם שווערן,
גראָבט אַן עקבויר שאַרף און דרייסט;
שטאָל און אייזן מוזן ווערן
אונטערטעניק צו דיין גייסט.

דאָס ליד פון גייַן

נישט צוריק, נאָר אַלץ פאָרויס,
דער וועג פון גייַן א״ז פעסט באַשטימט.
דער בליק, ער זוכט זיך טרוימען אויס
און יעדער טרוים, ווי שוים, צעשווימט...
דער ווילן בלויז איז דראַטיק, שטאַרק,
און זייַן באַגער איז האַרט ווי שטיין.
ער שפּאַנט מיט שטויב דורך טאָל און באַרג
און ווערט נישט קיינמאָל מיד פון גייַן.
ער טראָגט די לאַסט פון פּייַן און מוט
מיט אומגעדולד צום ווייטן ציל.
דער זין אַליין פון גייַן איז גוט,
און שייַן איז אויך פון קאַמף דער שפּיל.
די זון גייט אויף, די נאַכט פאַרשווינדט,
צווישן פייער, גלי און בראַנד,
קאַמף איז שפּיל און טאַנץ פון ווינט;
קאַמף איז קראַפט און ווידערשטאַנד.
גייַן און גייַן,
נישט בלייבן שטיין,
טאָל און באַרג מיט מוט באַטרעט,
ברעך די פעלדזנס שאַרפע צייַן
און באַפליגל זיי מיט שטעט.
גאַרטל זיי אַרום מיט שטאָל,
און פון דאָרטן ברייט און ווייט...
גייַן און גייַן דורך בערג און טאָל
און באַגעגענען די צייט.

נעוויאָרקיש

נעוויאָרק

איז אַ פליג פון סאַנטיאַגאָ קיין נעוויאָרק געפלויגן;
די שטאָט, וואָס איז פול האַראַמידער,
ווייל ס׳האָט זי אַ בענקשאַפט אַן אַלטע געצויגן,
זיך זעען מיט שוועסטער און ברידער.

געשוועבט איבער וואָלקנס, מרחקים געשניטן,
דורך שטורעמס און טראָפּישע היצן.
דורך וואַלד און אוראַלט, נישט געבליבן אינמיטן
אויף בערגישע הויכקייטן זיצן.

אַוועק פון די פּאַלמעס, די שלאַנקע, מיט קרוינען
פון בלעטער, צעשפּרייט ווי אַ פעכער.
אַהין צו דער שטאָט, ווו אייגענע וווינען,
געפלויגן אַלץ העכער און העכער.

געזעען די באַנען, אין אייל אין געשווינטער,
ווי ס׳שלעפן אויף ימים זיך שיפן.
אַז דאָרטן אין נעוויאָרק איז אייזיקער ווינטער,
ווער וואָלט זיך געגלויבט און באַגריפן.

אַז ס׳פירן דאָרט פליגן אַ ביטערן לעבן,
וואָס ממש ס׳איז שווער צו באַשרייבן,
און צווישן די הייזער נישטאָ ווו צו שוועבן,
דעם לאַנגווייל פון האַרץ צו פאַרטרייבן.

אַזוי איז געפלויגן מיט כוחות, מיט לעצטע
די פליג, און אַ זשומען פאַרנומען.
אַריין אין די שטאָטן מיט פליגל פאַרנעצטע,
און זיכער קיין נעוויאָרק געקומען.

נאָסטאַלגיע

סאַנטיאַגאָ איז שיין מיט די גאַסן און געסלעך,
נאָר וואַרשע געווען איז נאָך שענער.
ווער ס׳זאָגט גאָר, אַז נעוויאָרק איז מיאוס און איז העסלעך —
אַ ליגנער אַ גרויסער איז יענער.

די הייזער דאָרט שטייען געשטרעקט צו דעם הימל,
ווי טורעמס מיט שטאָקן אויף שטאָקן,
און פליגן, מיליאָנען, אין רעש און געווימל
זיך מיַען צווישן די בלאָקן.

דער „סאָבוויי" פון אונטן, אין קעלערס, טונעלן,
דער „פערי" מיט ליאַרעם און קראַכן.
מיט וועווריקעס ספּאָרטלער און פייגלען, וואָס טרעלן
פון פרייהייט אויף אַלערליי שפּראַכן.

מיט שילדן פון נעאָן און שרייאיקע פאַרבן,
מיט עוועניוס ווילדע פון פריידן.
מיט גליק ביז צום פאַלן, מיט גוטס ביז צום שטאַרבן,
פאַר פליגן דאָס שענסטע גן־עדן...

סאַנטיאַגאָ איז שיין מיט די בערג, ווי אַ לאַנדשאַפט,
נאָר וואַרשע געלאָזט האָט אַ בענקען.
און ווער ס׳האָט געשלאָסן מיט נעוויאָרק באַקאַנטשאַפט,
דער וועט זי אויף תמיד געדענקען.

גאַריבאַלדי

אויף וואַשינגטאָן־סקווער — ווער קאָן נישט די סקווערז? —
אַ מענטש שטייט פאַרשטיינערט שוין יאָרן,
וואָס ווייט איבער אַזיע און ביז קאַרדיליערן
זיין נאָמען קלינגט שטאָלץ אין זיכרון.

די שטיינערנע שווערד פאַרקלעמט אין דער דלאָניע,
און טראַכט, ווי עס וואָלט אים פאַרדריסן:
ווי שרעקלעך אין לעבן דאַרף זיין די איראָניע,
אַז בלוט זאָל ער דאַרפן פאַרגיסן.

ער עפנט דאָס מויל אויף און ציילט זיינע זילבן,
און ס'פּנים יופּיטערדיק ברענט שוין:
אַז ווי צו די פליגן, וואָס קריכן ווי מילבן
און יוילן נישט לעבן ווי מענטשן!

איז וואָס, אַז אין שטיין איז פאַראייביקט מיין דאַ־זיין?
און אויגן מיט שטאָלץ מיך באַטראַכטן?
— מיך עקלט די פרייד פון צעשראָקענע האָזן,
וואָס ליבן אין נאַרעס צו שמאַכטן!!!

אַז ווי צו די פליגן, וואָס וואַרפן זיך אימהיק
מיט שרעק פאַרן ברויט, ווי אין קרעמפן,
און פאַלן ביים אַקערן ערד, וואָס איז ליימיק
און האָבן קיין מוט נישט צו קעמפן.

עקסטאַזיס

געלויבט זאָל זיין דער, וואָס גאָט האָט באַוויליקט
צו געבן אים דרייסטע פאַרלאַנגען.
און ער האָט אין האַרצן די תאווה פאַרטיליקט
צו זיין אין אַ פּאַלאַץ געפאַנגען.

צעשפּרייט זיינע פליגל צום וועג, וואָס אָן ענד איז:
ווי ס'וואָלט אים גערופן אַ שופר:
צום לאַנד, וווּ עס לאָקן מיט נייע לעגענדעס
די גאָלדענע גראָבנס פון „אופיר".

זיך לאָזן אויף הפקר, נישט פרעגן קיין עצות,
ווי עפּעס אַ פראָש אַ בראָדיאַגע.
אָן זאָרגן פאַר מאָרגן, מיט פרייד אויף די פּלייצעס,
אַוועק פון דער שיינער סאַנטיאַגאָ.

צו קומען קיין נעוויאָרק און גליקלעך זיך פרייען,
צו זעען די דיכטער די פליגן:
זשאַוואָראָנקעס, קוקולקעס און שפּיל־סאָלאָווייען,
וואָס זינגען פון דורות דעם ניגון.

אַ טריל טון אַליין אויפן קול און באַווייזן
די זינגערס אַ זמר אַ נייעם,
און ברידערשאַפט שמידן, ווי שטאָל און ווי אייזן
און טרינקען צום הימל לחיים.

קאַפע „גאַרדען"

אויף „קאָרנער", איסט־בראָדוויי, איז דאָ אַזאַ „גאַרדען",
ווו ס'שטייט אַ מאַשין מיט אַ קלינגער.
ווער ס'שפּאַנט נאָר אַריבער די שוועל, ווי דעם ירדן,
דעם שפּרינגט גלייך אַ „טשעק" אין די פינגער.

דאָרט זעט מען אַ זעאונג, וואָס שווער איז צו גלייבן,
ווי הונגער הייסט גריזשען און בייסן,
ווי ס'ווערן די פליגן פאַרוואַנדלט אין לייבן,
מיט גרייטקייט אַן אָקס צו צערייסן.

מען לויפט מיט די טאַצן, מיט מעסער און גאָפּל,
אין ענגשאַפט מען מאַכט דיר אַ וואַרע.
אַזש ס'טוט דיר דער הונגער אַ קיצל ביים נאָפּל
ביים שלינגען פון פיש־יויך די פאַרע.

דאָרט זיצן די „זי'ען" און „ערן" ביי טישלעך,
מען עסט און עס טרעשטשען די ציינער
ביים שלינגען די הייסע צעווירענע פישלעך,
און עמיצער קרעקט זיך מיט ביינער.

אין דרויסן איז כמאַרנע און ווינט רייסט דיביימער
אין פאַרקן, וואָס פרירן געדולדיק.
און דאָ אַ קאַסירער, אַ כעסן, אַ שומר,
שטייט בייז ביי דער טיר, ווי אַ בולדאָק.

ער זידלט די קונים און כאַפּט די מטבעות.
— נו, היידאַ, געגאַנגען, כאַלאָטע!
דער דאַך פון דעם „פּאָרוועָרטס" באַדעקט מיט אַ שניי איז,
נאָר נעוויאָרק זיך טאָפּטשעט אין בלאָטע.

דיכטער

ווער ס'שוועבט אין די ספערן פון כישוף־חלומות,
וועט ביטער אין טרויער דערוואַכן,
ביים זעען, ווי הילפלאָז אין לעבן אַ בוים איז,
ווען ווינטער מאַכט אַנדערש די זאַכן.

די וואָר פון דעם לעבן איז פונקט ווי אַ שפּאַרבער,
וואָס לאָקט אויף דיין חלום פון דרום:
ווי גוט וועט זיין — ברודער! — אין נעוויאָרק דער האַרבער
זיך טרעפן מיט דיכטער, כלי-זמרים.

אַ שפּיל טון, אַ זינג טון אין כאָר פון די ברידער:
אָ, פרייהייט!... אָ, טרייהייט!... אָ, געטין!...
אין צייט פון ירידה דורך קלאַנגען און לידער
צו שפּירן דעם גייסט פון פּאָעטן.

עס זענען דאָ דיכטער, וואָס ווילן זיין שטאַמען,
(נאָר ווי איז דער פליג, וואָס איז זינדיק!)
און איינער, וואָס שפּילט זיך מיט נויט פון זיין מאַמען
און בלאָזט זיך מיט שטאָלץ, ווי אַן אינדיק.

און פערזן־באַנייער און זינגער־זשאָנגליאָרן,
וואָס שפּילן מיט גראַמען, ווי בליצן,
און איינער אַ יונגער, כאָטש גרוי שוין פון יאָרן,
וואָס שטאַמט פון די גילדערנע שפּיצן.

און איינער, וואָס טראָגט זיינע ווונדן מיט אייטער
און קאָן נישט די ווונדן פאַרבינדן.
אָ, האַרץ מיינס! מיר דוכט זיך, אַז וועסט, ווי אַ שייטער,
אַליין זיך אין חושך צעצינדן!

די דאַמע פון בראָדוויי

די דאַמע פון בראָדוויי איז „ביזי" זייער,
זי איז שוין ביי פופציק אויף זיכער.
איר פרישטיק איז „פודינג" און לאָקשן מיט אייער,
און ס'יאָגט זי צום „דזשאָב", ווי אַ וויכער.

זי לויפט צו צום שפיגל די האָר זיך פאַרקעמען
און טוט אַזש אַ שמייכל אַ זיסן:
ס'וועט קומען אַ בחור און וועט זי נאָך נעמען
און ס'וועט אים שוין גאָרנישט פאַרדריסן...

געהאַט האָט זי יוגנט, אַ קאָפּ האָר — אַ בלאָנדן,
מיט „באָיעס" געטאַנצט און געשפרונגען,
און שטאָלץ האָט גאַנץ נעוויאָרק, פון וואַרשע ביז לאָנדאָן,
„די דאַמע פון בראָדוויי" געזונגען.

די וועלט האָט געדרייט זיך, און זי האָט געפרייט זיך,
פאַרשייט מיט די אויגן געשטאָכן,
געטרונקען, געררויכערט, געלעבט און צעשיידט זיך
און הערצער פון מענער צעבראָכן.

און איצט איז פאַרגעסן „די דאַמע פון בראָדוויי",
נישטאָ מער קיין ליד און קיין זינגען.
דאָס זייגערל שטייט נישט, עס רופט זי דער „סאָבוויי",
וואָס וועט ווי אַ וואָלף זי פאַרשלינגען.

דער שמעלץ־טאָפּ

ווי פעסטונגען שטייען די הייזער פון ציגל,
געגאַרטלט מיט בריקן און רעלצן.
ס׳איז נעוויאָרק אַ גרויסער צעפייערטער טיגל,
וואָס וויל אַלע פעלקער צעשמעלצן.

נאָר זעטיק און שמיידיק אין הייזער די היים איז,
מיט מילך און מיט שמאַנט און וואָס מעגלעך.
ווו נעמט מען אין נעוויאָרק אַזוי פיל בהמות,
וואָס לאָזן זיך מעלקן טאָג־טעגלעך?

און הינדלעך, ווי טייבעלעך ווייסע צום צערטלען,
וואָס לייגן די אייער גאָר שטילע,
און לאָזן זיך שעכטן און לאָזן זיך פערטלען,
און האָבן קיין האָן נישט אַפילו.

און לאַקסן און הערינג, געשיילט און געווענדזלט,
און זופּן געמאַכט אין פאַבריקן.
ווו נעמט מען די פאַרבן, ווו נעמט מען דעם פּענדזל,
צו מאָלן די גאָלדענע גליקן?

ווו נעמט מען די כוחות, דעם שמייכל דעם קלוגן,
צו קאָנען באַגרייפן מיליאָניק,
אַז ס׳זאָלן פון זאַטקייט נישט ווערן די פליגן
דערטרונקען אין אייגענעם האָניק?

אזוי זענען דיכטער

אַזוי זענען דיכטער,
ווי קינדער, פאַרוווּנדערט:
כאַפּן זיי שטראַלן
פון יעדן יאָרהונדערט.

שפּילן מיט שאָטנס,
ניואַנסן און קלאַנגען,
און ווילן צום האַרצן
פון עתיד דערלאַנגען.

מיין האַרץ

האָסט קיינמאָל נישט, מיין האַרץ, דערמאָנט ביי דיר אין ליד,
דעם נאָמען דיינעם — ייִד...

צי האָסטו נישט געהערט פון דורות דאָס געזאנג:
— מיין זון, דיין פאָלק איז קראַנק...

דיין פאָלק איז שטערבלעך קראַנק, פון בענקעניש פאַרצערט,
אין טרוים נאָך היים און ערד.

און דו, פאַרכישופטער פון לידער, האָלטסט אָן שאַנד —
די פעדער אין דער האַנט.

צי הערסטו נישט, ווי ברודער־לייב פון פיינט געשענדעט שרייט
אין אומרו פון דער צייט?

ווי ס׳פלאַקערן אין שייטער־פלאַם ביי יעדן וועג און שליאַך
די שימות פון תנ״ך?

מיט בלוט איז פול די וועלט, אין פיין דאָס פּנים גליט,
און דו, מיין האַרץ, ווו איז דיין ליד?

משה דוד

וואָס מאַכט משה דוד, מיין דיכטער און פריינד,
אין טשילע דעם לאַנד, פאַרוואָרפן, העט ווייט?
צי זינגט ער נאָך לידער, צי שרייבט ער נאָך היינט,
ווי אַמאָל, אין דער שווערער, פאַרהאָרוועטער צייט.

ווען ער האָט די פינגער געוווּנדיקט, צעביילט,
געבוקט צו דעם שלייפשטיין, ביים דרייבאַנק, אין גאַנג,
געווינטן געשניטן און שרויפן געפיילט,
און אַזוי ביי דער אַרבעט געטראַכט פון געזאַנג?

וואָס האָט ער געשעפּטשעט, געמורמלט קוים־קוים
מיט פאַרטריקנטע ליפּן: וואָס איז מיט דיר מער,
מיין גורל־מכשף, וואָס שפייזט מיך מיט טרוים,
ווען דאָס לעבן, דאָס האַרטע, איז ביטער און שווער?...

און ס'האָט פון אַ שמעלץ־טאָפּ, מיט פלאַמען געדיכט,
אַ רויך אים פאַרוואָלקנט און שפּיאַלטער, דער סם,
געשטיקט האָט זיין אָטעם, געקושט זיין געזיכט,
געקושט און באַלויכטן מיט פייער און פלאַם.

זינג, פּאַיאַץ

זינג, פּאַיאַץ, און טרייסט מיט געזאַנגען די ליידיקע, פּוסטע געמיטער,
און קוועטש אויס די טרערן פון אויגן, וואָס זענען געוווינט שוין צו טרערן.
און נאָכדעם צעלאַך זיך מיט חוזק, ווי ס׳כיכעט אַ לץ אַ געניטער,
זינג, פּאַיאַץ, אַן אָדע צום הימל און זינג אַ געזאַנג צו די שטערן.

נאָר שטענדיק האַלט גרייט דיין גיטאַרע, די וואָלקנס פון צער צו פּאַריאָגן
מיט זיסלעכע חוזק־געזאַנגען, וואָס ברענגען דעם עולם צו לאַכן.
און וועט זיך אַ וויכער פון קוועלן אין חלל דעם טויבן צעטראָגן,
דאַן, נאָכדעם, דערצייל זיי אויף ווידער פון אַנדערע ביטערע זאַכן.

נאָר, פּאַיאַץ, פאַרגעס נישט די גלעקלעך ביי דיר אויף די אַרבלען צו הענגען,
ווייל ס׳טאָר נישט דער טרויער אויף לאַנג זיך ביי זיי אין די אויגן צעגלאַנצן.
אינמיטן דעם טרויער דעם שטאַרקסטן, אינמיטן דעם אומעט דעם שטרענגן
הויב אָן צו קלינגען אויף חוזק און נעם זיך משוגע צום טאַנצן...

די גוטע ברידער

פאַרצווייפלט און דערשלאָגן, מיד
פון הונגערן און שרייבן לידער,
האָט ער זיך צ׳ריקגעקערט אין שענק
צו זעען זיך מיט גוטע ברידער.

האָט ער זיך צ׳ריקגעקערט אין שענק,
און ווי ער איז אַריינגעקומען,
האָט אים די טוכלעקייט פון דאָרט
מיט רויך און שוויס אַרומגענומען.

האָט אים די טוכלעקייט פון דאָרט —
ביים טרינקען ביר און קנאַקן קערלעך,
געוויזן אַלע אַלטע פריינד,
וואָס מורמלען, „אַז ער לעבט נישט ערלעך״.

געוויזן אים די אַלטע פריינד,
איז דאָרט געוואָרן אַ גערודער,
און יעדער האָט אַ האַנט געשטרעקט:
וואָס מאַכט אַן אַלטער, גוטער ברודער?

און יעדער האָט אַ האַנט געשטרעקט,
געהייסן ביר און וויין דערלאַנגען,
און גלאַט אַזוי אים שטאַרק געלויבט,
און ליבנדיק זיך ווייט פאַרגאַנגען.

און גלאַט אַזוי אים שטאַרק געלויבט,
געשאָלטן פיינט און פריינד באַשפּיגן,
און טרינקענדיק האָט ער דערהערט,
ווי ס׳גרילצט ביי זיי אין מויל דער ליגן.

און טרינקענדיק האָט ער דערהערט,
ווי ס׳וויינט אין אים זיין גוף דער מידער:
אַנטלויף, באַפריי דיך פון דער שענק
און פּין די אַלע גוטע ברידער.

ביינאַכט אַזוי מיד

איך ווייס נישט, מיין חבר, צי האָט זיך געלוינט
באַזינגען מיט בענקשאַפט צעשלאָגענע הענט,
ווען דו האָסט מיט ווייב און מיט קינדער געוווינט
אין ענגשאַפט פון גרויע צעקרישלטע ווענט.

וואָס האָט דיך געפייניקט, געצוווּנגען דערצו,
צום טיש זיך צו בויגן, ביינאַכט, אַזוי מיד?...
אַליין זיך באַרויבן פון שלאָף און פון רו,
און פיבערן וויזיעס אין פערז פון אַ ליד?

ווו האָסטו געפונען דעם שפרוך, וואָס פאַרטויבט
מיט וואַנזין — אַ ייִדישער דיכטער צו זיין;
אַ נאַר, אַ מאַרטירער, וואָס בלוטיקט און גלויבט
אין טרוים, אַז די וועלט זאָל אַ שענערע זיין?...

איך ווייס נישט, מיין חבר, צי האָט זיך געלוינט
באַזינגען מיט בענקשאַפט צעשלאָגענע הענט,
ווען דו האָסט מיט ווייב און מיט קינדער געוווינט
אין ענגשאַפט פון גרויע צעקרישלטע ווענט.

אין אַ שענק־הויז

היינט וועל איך אַ פּרוּוו טון אַן אַנדערער זיין,
אַריין אין אַ שענק־הויז מיט ווי' און פאַרדראָס.
אַ שריי טון צום שענקער: — אַהער גיב מיר ווײַן!
און שיכורן, טרינקען אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז.

דער ווײַן וועט צעזידן, באַרוישן דאָס בלוט,
און איך אינעם טיש־ברעט וועל שלאָגן דעם קאָפּ.
און שרייען, אַז ס'איז מיר אויסטערליש גוט...
און ווישן געזאַלצענע טרערן, ווי באָב.

אין דרויסן וועט גיסן אַ רעגן־גוס, ווינט
וועט פּייפן און וואָיען, צעטראָגן די שטאָט,
און איך וועל זיין טויב, און איך וועל זיין בלינד,
און ס'וועט מיר שוין גאָרנישט זיין מער קיין שאָד.

אַפילו דיין בענקשאַפט, וואָס כ'טראָג טיף אין האַרץ;
אַפילו דיין נאָמען כ'וועל ברומען פאַר גרויל;
אַז די וועלט איז געוואָרן פינצטער און שוואַרץ,
און שוים וועט באַדעקן ס'צעשריגענע מויל.

און שטום ווערן פלוצים, פאַרגליווערט און שטייף;
פאַרשטיינערט פון אומעט, פון טרויער, פון צער...
און געבן מיט אָטעם־צוג לעצטן אַ פייף,
און שלאָפן, פאַרשלאָפן דעם בייזן קאָשמאַר.

אַ בריוו

אַ בריוו געשריבן האָסט צו מיר,
האָב איך אים געליי'נט מיט באַנג.
און ס'האָט געצויגן מיך צו דיר
אַ בענקעניש פון יאָרן לאַנג.

כ'האָב וואָרט, דיין וואָרט אין בלוט דערשפּירט,
דעם ריטם דיינעם כ'האָב דערהערט,
און ס'האָט די בענקשאַפט מיך געפירט
אַהין, אויף יענער וויטער ערד,

ווו דו, צופוסנס בערג, אור-אַלט,
פאַראיינזאַמט קוקסט אַרויף צו זיי,
ווי שטום זיי שטייען, בייז און קאַלט,
די קרוינען־קעפּ באַצירט מיט שניי.

נאָר טיף אין זיי, אָ, גאָט באַהיט!
קאָן זיין, אַז אונטער שטיין און קעלט
מיט דונער־שאַל אַ פייער גליט
און ברענט — אַן אויסוועג צו דער וועלט.

איך זע די בערג און טאָלן טיף,
די גרויזאַמקייט פון פעלדז און שטיין.
און ס'ציטערט אין מיין האַנט דיין בריוו.
און ס'זינגט אין מיר מיין גאַנץ געביין.

מיין לייב

מיין לייב, ווער קאָן עס, לייב פון הויט און ביין?
לייב פון ביין און הויט
און אָרעמס, דאַר און לאַנג.
און אַ מויל אַ קליינס מיט פאַרקלעמטע ציין
און צוויי שטאַרקע פיס,
וואָס וואַקלען נישט ביים גאַנג.

אַ מויל, וואָס זינגט און שרייט
און אויגן, ברוין, ווי ביר;
און אַ האַרץ וואָס שלאָגט האַסטיק ביי אַ פרייד,
און בלוט, וואָס צינדט זיך אָן מיט יעדערן באַריר —
פון טרוים און האָפענונג —
מיט שיין פוןווירקלעכקייט...

מיין לייב, ווער קאָן עס, לייב פון הויט און ביין?
אויסגעפייניקט לייב, וואָס טראָגט נאָך פעסט און שטאַרק
דעם גדלותדיקן קאָפּ מיט בענקשאַפט אויפן קאַרק.
און הענט, וואָס שלאָגן אויס, מיט פויסטן, ווי פון שטיין
אַ ליד, וואָס שטראָמט און שוימט, ווי קוואַלן פון אַ באַרג...

אונדזער קוואַל

ערגעץ מוז ער זיין, אונדזער קוואַל,
דער לויטערער קוואַל,
וואָס איילט אין זיין בענקשאַפט
נאָך זון און נאָך פרייד.

ערגעץ מוז רוישן זיין שטראָמיק געלויף
אין שויס פון אַ גראָזיק באַוואַקסענעם טאַל.
נאָר מיר, וואָס מיר בענקען,
מיר ווייסן נישט ווו...

ערגעץ פון טיפעניש בערג, דאָרט הויבט ער זיך אָן,
פון זידיקן דאַמף, פון שוועבל און רויך,
פון הויכע היגלען באַדעקטע מיט אייביקן שניי,
פון זילבערנע וואָלקנס, פון באַלזאַם און טוי...

אַ לויטערער וואונדער, וואָס פליסט מיט געזאַנג
דורך היילן און וועלדער, וואָס היטן זיין סוד,
פון וואָרצלען פאַרפלאָנטערט, ער לויפט אין זיין האַסט
דורך קוסטן און גראָזן פאַרוואַקסן מיט מאָך.

און קיל איז זיין שאָטן, ווי בלויער קרישטאַל,
נאָר ער, אַ פאַרבענקטער, זינגט אין זיין צער:
מיין וואַסער איז זאַפט און געטראַנק פאַר דער ערד,
מיין וואַסער איז קילונג און שטילונג פאַר דאָרשט,
נאָר מיך האָט פאַרפלאָנטערט אַ ווילדער געפלעכט
פון דערנער און ווערבעס,
וואָס היטן פאַרצערט
דעם שטראָם פון מיין בענקשאַפט, וואָס לעכצט נאָך באַפריי. —
ווער איז ער, דער ניגון, וואָס טראָגט זיך אין חלל?

אַ מענטש, אַ פאַרבענקטער, זינגט ווי אַ פידל:
דאָס ליד פון זיין חלום:

ערגעץ מוז ער זיין, אונדזער קוואַל,
דער לויטערער קוואַל,
וואָס איילט אין זיין בענקשאַפט
נאָך זון און נאָך פרייד,
נאָר מיר, וואָס מיר בענקען,
מיר ווייסן נישט ווו...

קליינע פּאָעמען

מאַרימבאַ

כ'בין מאַרימבאַ,
כ'בין מאַרימבאַ,
די ציגיינעריןְ, די יונגע.
ס'פּנים ברוין פון זון אינגאַנצן,
און מיין שמייכל מאַכט מיך זיכער.
ווען איך הויב אַ פוס צום טאַנצן,
טאַנצט מיט מיר אין סטעפּ דער וויכער.

העי, איר פּריצים!
העי, איר שליאַכטע!
מיט די שמייכעלעך געמאַכטע,
קוקט און שטוינט און פּליעסקעט אונטער —
האַנט צו האַנט דעם פייקלס ניגון:
העי, מאַרימבאַ, מאַך אונדז מונטער,
לאָז די היפּטן דיינע וויגן!

פּויקל, פּייקל,
פּייקל, פּויקל,
ס'וועט דיר, פּייקל, גאָרנישט שאַטן.
האָבן פּריצים פאַרגעניגן
וואַרפן זיי זיך מיט דוקאַטן.
טרינקען וויין זיי פון די קרוגן,
בליצן שדלעך אין די אויגן,
ווערן פון די קרומע שיידן
שווערדן בלאַנק אַרויסגעצויגן.

העי, מאַרימבאַ,
ביסט געפעלן,

טראָג זשע זיך אין טאַנץ, אין שנעלן,
פריצים שפּילן איצטער ריטמיש
מיט די שווערדן אין דועלן.

פּערלט שווייס אויף יעדנס שטערן,
ברוסטן העשען, שווערדן פּאָכן,
איינער מוז געהרגעט ווערן —
און אָט ליגט ער שוין דערשטאָכן...

אויף זיין ברוסט די וווּנדן גליִען,
און דער טויט אין זיינע אויגן.
פריצים סודותדיקע קניִען,
קעפּ אַנטבלויזט און שווער געבויגן.

העי, מאַרימבאַ,
העי, מאַרימבאַ,
דו ציגיינערין, מכשפה!
גאַנצע האָריזאָנטן ברענען
אין אַ גליִענדיקער שׂרפה.

— גאַנצע האָריזאָנטן ברענען —
זאָל אַלץ ברענען, העי, טייוולאָנים!
ווער עס וויל מיך איינמאָל קענען,
מוז אַ קנעכט זיין צו מיין פּנים.

שוואַרצע זענען מיינע לאָקן
און מיין בליק איז אומדערשראָקן,
לאַך איך — ווערט מיין יונג געלעכטער,
ווי אַ ווידערקלאַנג צעשאָטן...

כאַ־כאַ־כאַ! אַ ווילדע פרייד
ווערט אויף אַלץ און אַלץ צעשפּרייט.

כ׳קום פון שוואַרצע, שוואַרצע וועלדער,
כ׳קום פון גראָטעס, כ׳קום פון היילן.
וויפל איינער קאָן נאָר נעמען,
מערער קאָן איך נאָך צעטיילן.

כ׳בין מאַרימבאַ,
כ׳בין מאַרימבאַ,
די ציגיינערין, די יונגע,
אַ פאַרשאָלטענע פון מיידן
פאַר דעם טויט פון זייערע יונגען
אַ פאַרשאָלטענע פון מאַמעס
פאַר דעם טויט פון זייערע זינען.
אַלע קומען זיי צום האָניק —
פון מאַרימבאַ — ווי די בינען...

נעם איך לאַכן, לאַכט אַ יעדער,
נעם איך טאַנצן, פליִען רעדער.
גלייך אַ סאָקאָל וואָלט געפלויגן,
טראָג איך מיך, ווי פייל פון בויגן.

— — — — — — — — — — —

איינגעשרומפן, אַלט, געבויגן,
איבער רוישנדיקע גאַסן
מיט צעטריפטע מאַטע אויגן,
אַ ציגיינערין, געלאַסן
קריכט און שלעפּט זיך, מורמלט אונטער:
כ׳בין מאַרימבאַ, כ׳בין מאַרימבאַ...

מאַרטירער

פון אַ הויכן קלויסטער־טורעם
האָט אַ גלאָק געקלונגען שווער,
און געענטפערט האָט די שטאָט
מיט אַ טומלדיק גערויש.
דורך די גאַסן ס׳לעבן זידט,
וואָגנס לויפן הין און הער,
נאָר דער האַרטער גלאָקן־קלאַנג
אַרט נישט קיינעמענס געהער...

קיינער פרעגט נישט: וואָס און ווען
האָט צעקלונגען זיך אַ גלאָק?
ס׳קריכט די זון מיט פולן ברען
איבער יעדן טראָטואַר.
ערגעץ שפּייען קוימענס רויך,
און אַ הויז פון פופצן שטאָק
רייצט זיך רויבעריש מיט ליכט,
ווי מיט קנעכט — אַ בייזער האַר.

קנוילן קוימענס רויך געדיכט,
ווערן קיינמאָל גאָרנישט מיד.
ערגעץ הינטער שווערע ווענט
זינגט אַ מענטש זיין שוואַנען־ליד.

ערגעץ הינטער גראַטעס ווו —
דאָרט, ווו טויערן שטייען צו,
וואַרט אַ מענטש שוין שעהן־לאַנג
אויף זיין סוף און אונטערגאַנג.

גייט דער מאַן מיט שווערן שפּאַן,
קלינגען קייטן אויף די פיס,

פאַר דער פרייהייט זינגט דער מאַן —
איז צו שטאַרבן שטענדיק זיס!

ערגעץ שטייט אַ תליה גרייט
מיט צעוויגטע גראָבע שטריק,
און אַ בייזער תליון שטייט
פאַר דער תליה אָנגעגרייט...

עך, איר נאַרן, זינגט דער מאַן,
ס'איז קיין טויט גאָר נישט פאַראַן,
ברענגט איר איינעם מיך צום טויט,
זידט מיין בלוט נאָך אַלץ און זידט...
אינעם טויט און אינעם פיין
הויב איך ווידער אָן צו זיין.

ערגעץ שוין צום לעצטן מאָל
וואַרט די זון מיט ליכט אויף מיר,
מיינע קייטן וואַרטן אויך
מיט משוגענעם פאַליר.
נאָר די אויגן לייכטן קלאָר,
ווייסן אַלץ, אַז ס'איז נישט וואָר.

נישט מיין בלוט פאַרגליווערט ווערט,
ווען עס פליסט אויף האַרטער ערד.
נישט מיין האַרץ פון טרויער ווייסט
פאַר דעם אָנגעזיכט פון טרויער.
ווי אַ וווּנדער שלאָגט מיין גייסט
זיך אַדורך דורך וואַנט און מויער.

שעהן רוקן אָן די צייט,
היטערס וואַרטן ביי דער זייט,
האַלב פאַרגליווערט, האַלב מיט גרויל
און די רגעס קריכן פויל.

העי, דו מאַן, ווי פעלדזן האַרט!
מאַטערט דיך נישט קיין פאַרדרוס,
ווען דער גורל אויף דיר וואַרט
מיט זיין פינצטערן באַשלוס?
וואָסער האַרץ
ביי דיר, אַ האַרטס,
נישט עס ציטערט, נישט עס פילט
פאַר דעם אָנגעזיכט פון סוף,
ווען דיין לעבן איז פאַרשפּילט?

דיינע קייטן וועקן אויף
אָנזאָג אויף דער לעצטער שעה.
דו גייסט שטאַרבן אין אַ טאָג,
ווען די הימלען זענען בלאָ.

אין די ווינקלען פון דער צעל
שפּינען שפּינגעוועבס.
אין דער טיפעניש פון זעל
יונג און שטאַרק דער גלויבן לעבט.

— עד, ווער טראַכט דען גאָר פון סוף,
ווען אַ נייער אָנהויב ווערט
אָנגעלאָדן פול מיט שטאָף
און פון שטילער קראַפט גענערט?!

העי, די תליה שטייט שוין גרייט
מיט צעוויגטע גראָבע שטריק!
און דער תליון שטום, אָן רייד,
וואַרט שוין אויך מיט גלאָז אין בליק.

זאָג, וואָס וועקסטו, קייטן-קלאַנג,
אין דער טונקל פון דיין צעל?

ווײנסטו גאָרנישט בײַם געדאַנק,
אַז דער טויט קומט צו דיך שוועל?

איצטער צײל די רגעס, צײל,
וואָס פֿאַרזינגסטו זיך מיט רײד?
ס׳וואַרט די ערד שוין אויף איר טײל,
ס׳פֿינצטער מויל צעעפֿנט ברײט.

שטיל. ווער קלאַפּט עס דורך די ווענט
פֿון דעם טויבן קרימינאַל,
ווו געשמידט איז קראַפּט פֿון הענט
און עס קומט נישט צו קײן שטראַל?

ברידער קלאַפּן דאָרט און דאָ
אויס די בשורה זיך דורך ווענט.
אײדער ס׳קומט די לעצטע שעה,
ווען אַ לעבן ווערט פֿאַרלענדט.

אומעטום דאָס זעלבע ליד,
שמעטערט אָן אַ מינדסטער שרעק,
אומגעצוימט און אומגעשמידט,
טראָגט עס פֿרײ דער ווינט אַוועק.

קומט עס צו דער תּליה שטרענג,
ציטערן דעם תּליונס הענט.
שווידערט ס׳לײב זײנס אַ מינוט,
בײ דעם רעש פֿון שווערע טריט,
ווען פֿון זעלנער־רינג באַגלײט,
קומט דער קרבן אָן מיט שטאָלץ
צו דער תּליה, וועלכע שטײט
אויפֿגעשטעלט פֿון פֿרישן האָלץ.

— „שטום, פֿאַרגליווערט, ערנסט, האָרך,
וואָס באַפֿוילן האָט ס׳געריכט:

דיין פֿאַרדינטע שטראָף איז טויט,
האָסט פֿאַרזינדיקט גאָט און לאַנד.
איצטער קומט דיר ס׳לעצטע וואָרט
אין דער אַנגסטלעכער מינוט,
ווען דו זעסט נאָך ס׳לעצטע ליכט
און דו שטאַרבסט אַ טויט פֿון שאַנד...״

— איצטער קומט מיר ס׳לעצטע וואָרט:
פֿאַר דעם אַנגעזיכט פֿון שיין,
אומעטום אויף יעדן אָרט,
וועל איך שטענדיק, אייביק זיין.

איידער נאָך די ערד פֿאַרשלינגט
ס׳לעבן מיינס און מיין געזאַנג,
זאָג איך אָן צום לעצטן מאָל
אייך דעם סוף און אונטערגאַנג!

דער קוילן־טרעגער

איז געווען אַ קוילן־טרעגער,
איצטער איז ער מער נישטאָ.
שטיל איז ער אויף זיין געלעגער
אויסגעגאַנגען, אַלט און גראָ.

אויסגעגאַנגען, שטיל דעם אָטעם
אָפּגעגעבן צו דער נאַכט.
און עס האָבן שוואַרצע שאָטנס
אים די אויגן צוגעמאַכט.

ווען געקומען ס׳איז באַגינען,
האָט אין שיין פון מאָרגן־רויט
אים דער טאָג שוין טויט געפונען
און באַוויינט זיין שטילן טויט.

זענען פייגעלעך געקומען,
אין זיין פענצטער אָנגעקלאַפּט.
נאָר עס האָט זיך נישט דער אַלטער
פון זיין שלאָף שוין אויפגעכאַפּט.

האָבן זיי גענומען קלאָגן,
טרילנדיק אַ זיס געוויין.
און ווו ס׳האָט זיך נאָר דערטראָגן,
מיטגעוויינט האָט יעדער שטיין.

— וועסטו אייביק שלאָפן, שטומער?
וועסטו מער נישט זיין שוין וואַך
ווען מיר וועלן ווידער קומען
יעדן מאָרגן צו דיין דאַך?

— ווער וועט עפענען דיין פענצטער,
קוילן-טרעגער, ליבער דו?

אין די בעסטע טעג, די שענסטע,
וועט עס שטענדיק זיין שוין צו.

צי געדענקסטו די פאַרטאָגן,
ווען מיר האָבן דיך געוועקט?
זעק מיט קוילן פלעגסטו טראָגן
איבער שטאָט פון עק צו עק.

אונדזער ליד האָסטו געזונגען
אין דיין פרייד און אין דיין נויט,
פון דיין לעבנס־טאָג, דעם יונגן,
ביז געקומען ס'איז דיין טויט.

יעדער מענטש האָט דיך געמיטן,
דיך פאַרשעמט מיט מיאוסע רייד,
נאָר ווען פלעגסט אונדז קערנער שיטן,
פלעגסטו פלאַטערן פוּן פרייד.

ווער וועט זיין איצט אונדזער חבר?
ווער וועט יעדן מאָרגן־פרי
אונדז באַגעגענען מיט ליבשאַפט?
טרילעריי, אָ, טרילערי!...

ס'שלאָפט דער אַלטער קוילן־טרעגער,
שלאָפט — און ס'וויינען זיינע פריינד.
און ביי זיך אויף זיין געלעגער
יום־טובדיק זיין פנים שיינט...

דאַן כואַן

(אַרגענטינער מאָטיוו)

שווער און סאָפּענדיק שטייט אויף דאַן כואַן
אין דער טונקלקייט פון גרויעז אינדערפרי.
ער לייגט אַ פייער אָן פון דינע שפּענדלעך האָלץ
און גרייט די מאַטע צו, ווי ר׳איז עס לאַנג געוווינט.
נישט קיינער שטערט אים איצט צו טראַכטן וועגן זיך
און ס׳פּנים רויטער ווערט, צעבלאָזנדיק דעם פלאַם.

„ווען נישט דער פּוס דער הילצערנער, — רעדט ער צו זיך בייז: —
וואָלט ער לאַנג געווען שוין צוריק ביי זיך אין לאַנד...״
עך! וואָס דאַרף ער קלערן גאָר, עס קומט פון זיך אַליין
דאָס ביטערניש פון טראַכטן, פאַרשאָלטן זאָל עס זיין!...
ער איז שוין גאָרנישט יונג... אַ, וויפל איז ער אַלט?
זיבעציק, צי מערער נאָך? אין טאָג פון „סאַן כואַן״,
דער גרויסער הורן־זון, צו אַלדי שוואַרצע יאָר!
אַ, וואָסער ריח ס׳האָט די „זשערבע״! פוי, זי שטינקט!...
ער שפּייט היינט מער, ווי אַלע מאָל און אויך די שוואַרצע קאַץ
פאַרטראָגט ער נישט און זידלט זי, — גענוג דיר, שוואַרצער שד;
וואָס ווילסטו, גלעטן דיך? דערווערג דיך מיט די מייז!

עס טוט אים ווי דאָס האַרץ, עס טוט אים צופיל ווי;
זיין הונט האָט נעכטן נאָך געלעקט אים זיינע הענט
און איצטער איז ער שוין, צום טייוול, מער נישטאָ...
עך, אַ קלאָג, אַ הונט־שלעגער, ווען ער זאָל בלויז נאָר זיין,
ער וואָלט דערשאָסן אים, דערוואָרגן מיט די הענט,
אַזאַ מין שנעק, אַ גאָרנישט־נישט, ער איז נאָך שטאַרק גענוג
צו מעסטן זיך מיט יעדן יונג און ווייזן, וואָס ער קאָן...

און רעדנדיק אַזוי מיט זיך: קומט אים אויפן זין
דאָס נעכטיקע געשלעג אין שכנס „אַלמאַסען״;
ער פילט נאָך היינט דעם טעם פון זורן ווין אין מויל,

עד, אַ צייט דאָס איז, שוין גאָרנישט, וואָס אַמאָל.
דער וויין, אויב דאָס איז וויין, בין איך אַ הונט! איר הערט,
ביי אונדז אין לאַנד אַמאָל איז וויין געוועזן וויין
און איך געוועט מיך נאָך צו טרינקען היינט פאַר דריי.

נאָר אַלץ די שווינדל-שטיק, זיי מיינען ר׳איז אַ נאַר.
אויב טרינקען, כ׳טרינק מיט אייך, נאָר ערלעך זייט אין שפּיל,
איר הערט, „קאַנאַליעס״! שווייגט! אַז ווי ווען זיין צו אייך,
אויב איר דערצערנט מיך! איך בין צו יעדער צייט
גרייט צו מעסטן זיך און ווייזן, וואָס איך קאָן!...

אָ, וואָסער פינצטערניש, די קלייט איז פול מיט רויך.
אויב שלאָגן ווילט זיך אייך, — אינדרויסן קומט אַרויס!
נישט דאָ איז ס׳אָרט פאַר דעם, איר הערט! נישט דאָ איז ס׳אָרט!
צינדט אָן דאָס ליכט, זאָל ליכטיק זיין! ווי איך בין דאָן כואַן,
אַז ווי ווען זיין צו אייך, ווען איר הויבט אָן מיט מיר!

ער וואָלט דערמאָנט זיך נאָך:
דאָס שפּילן אויף דער פלייט,
און ווי מען האָט עס דאָס געזונגען אינעם כאָר.
נאָר אומגעריכט געפאַלן איז זיין בליק אויף שטיקלעך וועש,
וואָס האָבן זיך געוויגט אין ווינט און מיטן ווינט געשפּילט:
צוויי ווייסע העמדער, מיידלשע, מיט שפּיצעלעך באַנייט,
און דינע קליינע נאָז-טיכלעך פון איידעלן באַטיסט.
אַ קלייד און זאָקן זיידענע, און נאָך אַזעלכע שטיק,
וואָס פרויען בלויז באַנוצן עס און דאָך איז עס אַ סוד...

דאָ הענגט זי דאָך, די מויד, אינגאַנצן, ווי זי איז,
שוין איינמאָל גאָר אַ כוואַט, ערשט נעכטן אין „סאַגוואַן״
געפּאַקט זי קושנדיק. ווער איז ער דאָס דער יונג,
וואָס גנבעט זיך צו איר, און ווי ער הערט נאָר טריט,
אַנטלויפט ער איינס און צוויי און לאָזט זי שטיין אַליין.
ער וואָלט געוויזן אים, אַזאַ מין נישט, אַ שנעק!

נאָר באַלד דערמאָנט ער זיך, ווי ער פלעגט דאָס אַמאָל
זיך כיטרע שלאָנדערן דורך גערטנער און דורך הייף,
כדי צו גנבענען ביינאַכט אַ מיידלס קוש.

ער וויל צעשמייכלען זיך און שטרעקט שוין אויס די האַנט,
זוכנדיק די פעל פון זיין באַליבטן הונט,
ווי פלוצים רירט ער אָן זיין פוס געמאַכט פון האָלץ
און שוידערט אויף מיט שרעק און גיט אַ קריץ די ציין:
געווען אַמאָל אַ פוס און איצטער מער נישטאָ.
פאַרלוירן אים, דעם פוס, דעם גוטן, ליבן פוס,
וואָס וואָלט געפעלט אים דען און כאָטש ער איז שוין אַלט,
וואָלט בעסער דאָך געווען צו גיין, ווי יעדער מענטש,
אויף צוויי געזונטע פיס.
עך, די אייזנבאַן, די רייכע לייט,
דאָס ווייב אַוועקגעשיקט, געשטאָרבן אים,
און איצט אַליין, אַליין...
דעם פוס אים אָפּגעהאַקט, די אייזנבאַן... די רייכע לייט...
וואָס מיינען זיי, ער וועט זיי שווייגן דאָס? ער איז נאָך שטאַרק גענוג,
צו ווייזן זיי, די הינט־שלעגער, אַז ער איז דאָן כואַן...

דאָניע סטאָליער

אין אַ שטעטל אַ פּאָדאָליער,
צי אין פּוילן ביי דער האַנט,
האָט געלעבט אַ יונג, אַ סטאָליער,
גאָר באַרימט אין גאַנצן קאַנט.

איינער בלויז אין זיין מלאכה,
איינער גאָר אין סטאָליער־פאַך...
און באַשאָנקען מיט גאָטס ברכה
נאָכצומאַכן יעדע זאַך.

האָט מען אים גערופן: דאָניע,
ווייל ער האָט געדינט ביי „פּאָניע",
ערגעץ ווייט, אין סאַמאַרקאַנד...
גאָרנישט קיינמאָל קיין פּאַוואָליער,
איי, איז דאָס געווען אַ סטאָליער!...
איינער אינעם גאַנצן לאַנד.

פיינט געהאַט אַ סך צו קלערן:
בלויז אַ שוטה קשיות פרעגט.
און מיט טראַסק — אַ דעמב אַ שווערן —
אויפן אָרט האָט ער צעזעגט.

און אָט ליגן שוין די ברעטער,
„ווי אַ פּעפּער" — טרוקן האָלץ...
ווער מיר פרי̇ער, וואָס מיר שפּעטער!...
און „פּאָ רוסקו" זינגט ער שטאָלץ.

איי, איז דאָס געווען אַ דאָניע,
כאָטש ער האָט געדינט ביי „פּאָניע",
ערגעץ ווייט אין סאַמאַרקאַנד...

און שוין גאָרנישט קיין פּאַוואָליער,
איז ער דאָך אַ גרויסער סטאָליער,
איינער אינעם גאַנצן לאַנד...

ווער עס וויל אַ „דאָס", אַ „יענצל",
נעמט ער הובל, זעגל, דלאָט...
און אָט שטייט שוין אַ קרעדענצל,
און מיט צאַצקעס — אַ קאָמאָד.

און אויף גזימסן, שניצערייען:
עפּל, באַרנעס, רייס און פּרעס!
בערן ברומען, פייגל שרייען,
טאַקע, ממש, ווי אַ נס.

איי, איז דאָס אַ יונג, אַ דאַניע,
כאָטש ער האָט געדינט ביי „פּאַניע",
ערגעץ ווייט אין סאַמאַרקאַנד...
כאָטש שוין גאָרנישט קיין פּאַוואָליער,
איז ער דאָך אַ גרויסער סטאָליער!
איינער אינעם גאַנצן לאַנד.

איז געווען אַ מיידל, כאַווקע,
אינעם שטעטל, — אויגן בלאָ,
האָט ער איר געמאַכט אַ שאַפקע,
וואָס קיין גלייכס איז גאָרנישט דאָ.

שוועלבלעך בלויע אין דער לופטן,
בינען גילדערנע, אָן שיעור.
פישלעך שווימען, בלומען דופטן,
און זיין האַרץ, וואָס איז ביי מיר.

איי, איז דאָס אַ יונג, אַ דאַניע!
טאָקע, כאָטש געדינט ביי „פּאַניע",

ערגעץ ווייט אין סאַמאַרקאַנד...
דאָך, שוין גאָרנישט קיין פּאַוואָליער,
און מיט האַרץ, אַ גרויסער סטאָליער,
איינער אינעם גאַנצן לאַנד.

נאָר דאָס מיידל האָט געשמייכלט:
פּע, אַ סטאָליער... גראָבע הענט...
און גאָר נאַריש, אָן אַ שׂכל,
האָט זי ס׳שאַפּקעלע פאַרברענט.

און אין שאַפּקעלע געלעגן
איז אַ זיס געזאַנג, אַ צאַרטס...
איצטער וויינען, קלאָגן זעגן,
און עס בלוטיקט דאָניעס האַרץ.

איי, דו שיינער, יונגער דאָניע,
כאָטש דו האָסט געדינט ביי „פּאָניע",
ערגעץ ווייט אין סאַמאַרקאַנד...
דאָך, שוין גאָרנישט קיין פּאַוואָליער,
דאָניע שיינער, יונגער סטאָליער...
איינער אינעם גאַנצן לאַנד...

מענדל

ווי זאָל איך, אָ, חבר, געטרייער!
דערציילן די מעשה אַזוי...
ווען אַלץ איז אַוועק מיטן פייער,
ווי האָלץ און צעטריקנטער שטרוי.

אַמאָל איז געווען אַ רב מענדל,
אַ ייִד מיט אַ רויטלעכער באָרד,
וואָס האָט פון אַ הילצערנעם קענדל
סוואָרעכץ פאַרקויפט אויף דער קוואָרט.

און פוטער, ווי זאַפראַן, באַטעמטע,
און שפּיציקע קעזלעך מיט זאַלץ.
ווו נעמט מען די שורות געגראַמטע,
וואָס זאָלן באַזינגען דאָס אַלץ?

געלעבט אין א דאָרף הינטער ראָדעם
מיט עכום״ס, אָן יידישן „דוך״ —
אַ פּאַסטעך, אין צייגענע בגדים,
נאָר ס׳היטל געווען איז פון טוך.

און אויגן, פרום־ייִדישע אויגן,
וואָס קוקן פאַרבענקט אין דער ווייט.
און ער האָט אַ ייִנגל דערצויגן
אין פרומקייט, צו גאָט און צו לייט.

און טעכטער צוויי ליבע, וואָס ביידע
געהעפּט און געוועבט האָבן שיין:
ווי יצחק, מען פירט צו עקידה,
און יעקב, וואָס שלאָפט אויף אַ שטיין.

און ס׳שטרעקט זיך אַ גילדערנער לייטער
צום הימל, באַשטערנט, אָן סוף.
און ס׳פליִען מלאכים כסדר
אויף שטאַפּלען, אַראָפּ און אַרויף.

אויף ווענט, די געפּאַרבטע אין בלאָען,
עס ליכטיקט אַ בילד ביי אַ בילד;
פון בעש״ט און פון ווילנע דער גאון,
און אין מיטן אַ מיזרח באַגילדט.

אין שטוב שטייט אַן אַלמער מיט ספרים,
קרעדענצן, (דאָס הויז אַ פּאַרמעסט),
מיט גרויע פיר גרויסע חדרים,
פּאַר זיך און פּאַר שטאָטישע געסט.

און ס׳ווייב, זיין עקרת־הבית,
(אין גוטסקייט, אין מצוות איר לוין),
און צווישן די גויִים און גאַיעס,
אַ זיסע נשמה, אַ קרוין...

זי האָוועט פון פריִען באַגינען
ביז שפּעט אינעם אָוונט אַריין.
ביים מעלקן די קי און ביים שפּינען
אין ווינטער דעם וואָל און דעם ליין.

זי בויגט איבער מולטערס דעם נאַקן
און הייצט איין די הרובע און... קנעט...
און שטעלט זיך די ברויטן צו באַקן
און שעפּטשעט צו גאָט אַ געבעט.

זי זינגט מיט אַ ניגון די תחינה
פון שרה בת־טובים, באַזינט:

אָ, גאָטעניו! זאָלסט מיט דיין שכינה
אויף ווייטער באַצירן מיין קינד.

אין זכות פון די זיידעס צדיקים,
פון דורות קדושים, חז״ל,
מיט תורה און חכמה דערקוויק אים,
זוי אַ דאָרשטיקן אינד ביי אַ קוואַל!...

זי גרייט פאַר די קי צו דעם קלייען
און מענדל פאַרניגונט שטייט גראָד
און איז אין אַ ספר מעין
און טראַכט — פון דעם זון אין דער שטאָט...

ער וויס שוין די בשורה די פרישע
און וואַרפט זיך אין אייגענער שרעק;
צי זאָל ער דערציילן זיין אישה,
אַז ס׳קינד איז „לתרבות״ אַוועק.

אַנטלאָפן פון „גער״ און זיין תורה
און רעדט קעגן גאָט, אומעטום...
און שלעפט זיך בפרהסיה, אָן מורא
מיט מיידן און שטרייקערס אַרום.

איצט קריכןביים פאַכטער די וואָכן
גאָר פינצטער און אימהדיק שווער.
די מאַמע ליגט קראַנק און צעבראָכן
מיט אויגן פון וויינען, אָן טרער.

פאַרטריקנט די לאָגלען פון טרערן,
איצט בעט זי און ציט קוים דעם דעך,
אַז גאָט זאָל איר תפילה דערהערן
און נעמען וואָס גיכער צו „זעך״.

אין קאָפּ ביי איר בילדער זיך קריצן:
„ווי זיס איז פון תורה דער עול...“
אָט זעט זי איר ייִדעלען זיצן
ביים לערנען דעם ש״ס אויפן קול.

זי קוקט אויף איר קינד און עס פרייט זי,
די אייגעלעך בלישטשען, ווי טוי...
און איצטער — נישטאָ מער קיין עצה.
איר זון איז אַ שטרייקער, אַ גוי!...

איז וואָס האָט געטויגט איר דאָס יאָגן
אויף וועגן פאַר חגא, אין ליים?
אָט פאָרט זי פאַרנאַכט אויפן וואָגן
מיט מענדלען פון ראָדעם אַהיים...

דאָס פערדל, עס קלאַפּט מיט די טלאָען,
דאָס פורל, עס סקריפּעט און קרעכצט,
און טשאַטעס פון וואָראָנעס און קראָען
דערשרעקן און „וואָראָזשען“ אויף שלעכטס.

זי ווערט אויף אַ רגע פאַרדרימלט,
און פּלוצים עס שפּרייט זיך פאַר איר
מיט פלאַם דאָס גיהנום און ס'ווימלט
מיט שדים און רוחות אָן שיעור.

זיי לויפן און יאָגן מיט פעסער,
געלאָדז מיט סמאָלע און קין,
און מאַכן דאָס פייער אַלץ גרעסער,
און שלעפּן איר ייִדלען אַהין.

ער שרייט און מען שמייסט אים מיט ריטער:
— אָ, מאַמעשי! קוק אויף מיין סוף!...

און פלוצים גיט ס׳פורל אַ ציטער
און ס׳וועקט פון דעם דרימל זי אויף.

— — — — — — — — — — —

אָ, מענדעלע פאַכטער, רב מענדל!
וואָס רופסטו פון שלאָף מיט געשריי?
געהאַט האָסט אַ גילדערנעם רענדל,
האָט גאָט אים פאַרביטן אויף בליי.

געהאַט האָסט אַ בחור אַן עילוי,
וואָס גאָט האָט מיט גליק דיר געשענקט,
האָסט דו אים פאַרזינדיקט אַפילו,
און ס׳ווייב האָט דיין נחלה פאַרקרענקט!

איצט זיצט ער אין שיבעה, ווי איוב.
און רייסט פון זיך פאַסן פון לייב;
פאַרוואָס איז אויף אים נאָר דער חוב
צו בלייבן אָן זון און אָן ווייב?

אַז ער זאָל פאַרלירן זיי ביידן,
צוויי קרוינען אין גינגאָלד גערעמט;
זיין דוואָשע, וואָס רוט אין גן־עדן,
און יידל, וואָס האָט אים פאַרשעמט.

אים פייניקט די שרעק פון אַנומלט,
די חרפה, וואָס מאַכט אים אַזש בלאַס,
ווען ער איז מיט רעש און צעטומלט
אַריין אין דער וואַרשעווער גאַס,

און ראַפּטום דערזעען אַ פּעבל
פון יונגען, ווי גויים געקליידט,

און איינער שיט פייער און שוועבל
און שרייט מיט באַנומענע רייד.

ער רעדט קעגן קייסער, דער פושע —
אויף טרעף — און ער וואַרפט מיט די הענט...
אַז ווײ אים, דער צער פון זיין דוואָשע,
ווען זי האָט איר יידלען דערקענט:

געשריגן, געקנייפּט זיך די באַקן:
— אוי, מענדל! אַנטלויף פון דעם אָרט!
און פלוצים אַ סווישטש פון קאָזאַקן,
וואָס יאָגן פון דאָ און פון דאָרט

אויף פערדלעך מיט שווערדן און פיקעס,
אַזש ס׳פערד טוט אַ צי זיך, ווי דראָט.
און ס׳טראָגט זיך דורך געסלעך און ליקעס
אַרויס פון דער זינדיקער שטאָט.

— — — — — — — — — — —

אַוועק ווי אַ רויך איז דער זומער,
אַן האָלץ פאַרן ווינטער, אָן טאָרף.
טאָ זיצט ער ביים קאַניץ אַ שטומער,
אַליין, ווי אַ הונט אויפן דאָרף.

די טעכטער, געשיקט צו אַ מומען:
די אייזערנע קליאַמקעס פאַראָסט,
און שנייאיקע „טשאַטשקעס" און בלומען
מאָלט אויף די שויבן דער פראָסט.

אָט שטעלט זיך ביים איינפאָר אַ שליטן
און ס׳עפנט אַ פויער די טיר:

— פאַן מענדעלי! כ׳האָב סאָסנעס געשניטן
און כ׳ברענג זיי צום קויפן פאַר דיר!...

כ׳האָב פעלעכלעך פרישע פון טכוירן
און כ׳וויל זיי דיר געבן אויף באָרג!
נאָר מענדל זיצט שטום און פאַרלוירן
און קוקט צו דער סטעליע מיט זאָרג.

און אפשר גאָר קוקט ער מיט טרויער
אַרויף צו דעם הימל, וואָס האָט
געמאַכט — אַז ס׳זאָל קומען אַ פויער
אים ברענגען ביטחון צו גאָט.

— — — — — — — — — — —

אינדרויסן־ווו וואָיעט אַ הינטל,
און שוואַרץ איז די נאַכט, ווי אַ גרוב.
דער פויער שלעפּט האָלץ פון אַ בינטל
און הייצט איין די הרובע אין שטוב...

מען קלאַפּט אין די פענצטער: „העי, פאַכטער!...״
פאַרפאָרן צום הויז איז אַ קאָטש,
און דאָרט אין דער קאָטש דער פאַרמאַכטער
געקומען אַ פּרוילין פון לאָדזש.

איר פּנים באַדעקט מיט אַ טיול איז,
דאָך זעט מען: ס׳איז אויסטערליש שיין...
— צי ווינט דאָ דער טאַטע פון יוליוס?
נאָר מענדל, ער ענטפערט, אַז ניין!

עס ציטערט איר שטים, ווי אַ פידל,
וואָס בעט זיך מיט צער און געוויין:

— זיין נאָמען אויף יִדיש איז יִדל!...
נאָר מענדל, ער ענטפערט, אַז ניין!...

זי שטוינט, ווי אַן אָנשפּאַר געבליבן,
און עפנט איר זאַמשענעם טאַש;
אין טאָג־בוך שטייט דייטלעך געשריבן:
דער פּאַכטשיאַרזש, רב מענדל פון פּשיאַש...

— — — — — — — — — — —

אין ווינקל דאָרט שטייט נאָך דאָס קעסטל
פון יענער „פּאַניענקע״, אין הויז.
נאָר נאָך נישט איז פול אַלץ דאָס מעסטל,
אַז ער זאָל פון עצבות אַרויס.

— ווי קומט צו אַ ייִד אַזאַ רישעות!...
וואָס שאָקלט ביים „מאָדליען״ זיך? און...
זאָל ביי דעם גרוב, וואָס נאָך פריש איז,
זיך וואַשן אין בלוט פון זיין זון?

— איז וואָס? אַז דער זון איז פון טאַטן
אַוועק אויף אַן אַנדערן שליאַך!
צי האָט ער דען וועמען פאַראַטן?
און ס׳טוט זיך די טיר אַ פאַרמאַך.

נאָך הערט ער דעם כעס פון דער פרעמדער
און ס׳קעסטל צעעפנט איז ברייט,
און ס׳ליגן דאָרט ניי נאָך די העמדער,
וואָס ס׳האָט אים די מאַמע פאַרגרייט.

און ס׳ליגט נאָך דער סידור, די תפילין, —
אַ בריוול... חומשים אַ גאַנג,

אַז גאָט זאָל זיין רצון דערפילן —
דער טאַטעשי זיין זאָל נישט קראַנק.

און חוץ דעם אַ מעשה, צום שטוינען,
באַשריבן אויף בלעטלעך אַ סך,
פון רייכע אין שלעסער, וואָס וווינען,
און מענטשן, וואָס ס׳פעלט זיי אַ דאַך...

אָט לייי׳נט ער די ווערטער מיט אייפער
און ס׳ציט אים דער ענין אַריין,
ווי עפּעס מיט חכמה אַ ספר:
אַז יושר און צדק זאָל זיין.

דער היטער

(פּאָעמע)

א. דער היטער

ערגעץ, ווייט, אויף גאָטס באַראָט,
האָט אַ ייִד געהיט אַ סאָד.
פול מיטביימער, פול מיט בוש
און מיט גראָז — ווי גרינער פּליוש.

פרילינג האָט דער סאָד געבליט,
ווו אַ צווייגל — פול מיט צוויט,
ווו אַ שטענגל — שפּראָץ און קווייט,
איז מיט שטראַל פון זון באַנייט.

און אין סאַמע מיט, אָט דאָרט,
אין אַ טיפסטן, שטילן אָרט,
האָט אַביידל, ווי אַ דאַך,
איינגעדעקט מיט שטרוי און סכך,
זיך געטוליעט טיף אין גראָז
מיט אַ פענצטערל פון גלאָז.
און מיט ליבשאַפט האָט דער ייִד
טאָג און נאַכט זיין סאָד געהיט.

וואָסער חידוש ס'איז גאָטס וועלט?
שטייט אַ סאָד אין מיטן פעלד
און איין ייִד, וואָס גאָט נאָר ווייס,
היט אים אָפּ פון אַלדאָס בייז.

קאָן די פויגלען, אות ביי אות:
שפּערל, קוקאַווקע און קאָס.

ווערעמל, שרץ — יעדן מין,
פון דעם מויל־ווורף ביז דער בין;
פון דער זשאַבע, קראָליק, האָז
ביז דעם שנעק, וואָס קריכט אין גראָז.

ב. כעלות השחר

אין באַגינען, שחרית־צייט,
ווען דער ערשטער פויגל שרייט —
אַז ס'איז מאָרגן, אויף זיין שפּראַך,
איז דער ייִד פון לאַנג שוין וואַך.

מאָרגן־ווינט מיט גראָז זיך שפּילט
און אין טלית איינגעהילט,
ווייסער טלית, תפילין — שוואַרץ,
דאַוונט ער צו גאָט מיט האַרץ.

אַלע שטערן בלייכן שנעל,
בלויז נאָר איינער שימערט העל,
ווי אַ דימענט, אַ בריליאַנט,
גיי און נעם אים מיט דער האַנט...

זון באַווייזט זיך, ווי אַן אויג,
אין איר גאָלדן רונדן בויג.
ווי אַ רויטער פייער־ים
שטייט דער מזרח־ראַנד אין פלאַם.
טאָפּאָלס ווערן הויך און שלאַנק,
פויגלען גיבן גאָט אַ דאַנק,
זינגען שירה פריילעך אויף.
„הודו ל'אַדוני, כי טוב!...“

ג. די אַרבעט

ווי עס קרייעט נאָר דער האָן,
ליכטיק הייבט דער טאָג זיך אָן.
יעדעס ווער׳מל האָט צו טאָן,
און ווי פייער גליט דער מאָן.

נאָר אויף גראָז דער קילער טוי
בליצט נאָך לויטער־ריין אַזוי,
און אַ שפּערל, זילבער-גרוי,
טראָגט צום נעסט מיט פרייד אַ שטרוי.

פליט מיט לוסט אַ שמעטערלינג,
טראָגט זיך לייכט און פלאַטערט גרינג,
און די בין פון בינשטאָק פליט
פול מיט פרייד צום פרישן צוויט.
און ווי ס׳ווייזט זיך נאָר דער פראָש,
טוט דער ייִד אויס — דעם „של־ראש״.
שמייכלט: — פרעשל! צום געבעט,
קדוש שפּרינגען איז שוין שפּעט!...

אָפּגעוויקלט דעם „של־יד״,
לייגט ער איין דעם טלית גלאַט
אין דעם סאַמעט טלית־זאַק
און ער זינגט זיך צו געשמאַק:

גרויסער גאָט, אין זיינער לויב!
הייבסט דעם מענטשן אויף פון שטויב.
זאָגסט דעם בלימל: — וואַקס און בלי!
און באַפעלסט דעם פויגל: — פלי!
אויך די מילב, די מינדסטע, ווערט
פון דיין ברייטער האַנט גענערט.

ד. די ציג

גיט זיך שטיל דער בוש אַ וויג,
קריכט פון אים אַרויס אַ ציג.
ווייס און שטאַלטנע, הערנער צוויי,
קרום געדרייטע, ווי אַ פּיי.
נישט קיין ציג, נאָר ווי אַ קו
גייט זי צו דעם ביידל צו.

ס׳איז איר אייטער פול און שווער.
מעלק מיך, מעלק! — איז איר באַגער...

זעצט דער ייִד זיך אויף אַ שוועל
און ער גלעט איר ווייסע פעל:
— ציג, דו, מיינע! גוטע, דו!
זאָג, פון וואַנען ברענגסטו, וווּ?
אַזאַ פעטע מילך אין קוואַרט?

שאָקלט זי די ציגן־באָרד:
— ווערסט נישט וויסן סיי־ווי־סיי,
מעלק מיך אויס און לאָז מיך פריי!...

מעלקט ער זי און ס׳שפּריצט די מילך
אין דעם קריגל מיט געהילך.

שוימיק־זיסער, פעטער שמאַנט
זאַלבט די פינגער פון זיין האַנט.
און ס׳איז לייבלעך־וואַרעם, גוט
אויף דער מיצווה, וואָס ער טוט.

איז ער טועם מילך אַ טרונק,
פילט ער זיך געשטאַרקט און יונג;
טעם גן־עדן, גאָט ברוך הוא
האָט געשיקט די ציג אים צו...

ה. זומער־זמן

וויפל ס׳איז צו טו͏ּן פֿאַראַן
דורך דעם לאַנגן זומער־זמן,*)
ווייסט נאָר דער, וואָס היט אַ סאָד
און ער וואַרט אויף גאָטס גענאָד,
אַז ס׳זאָל רעגענען מיט מאָס
און עס זאָל קיין שלעכטער גראָז
נישט פֿאַרצערן יעדן זאַפֿט,
וואָס ער גיט די צווייגן קראַפֿט.

יעדער בוים באַלאָדן שטייט,
שמעקט פֿון אים אַרויס די פֿרייד —
קעפּלעך גרינע, דאַר און קוואַר,
אָנזאָג אויף אַן ערשטן באַר;
אויף אַן עפּל און אין טרוים,
זעט מען שוין די בלויע פֿלוים.

הייבן טעג זיך אָן פֿון מי,
רופֿט כביכול אינדערפֿרי:
— גיי אַדורך די ביימער, שווייג...
און שפּאַר אונטער יעדן צווייג.
ביסט אַ שומר, האָב געמיט,
הייל די ביימער, היט און היט.

ו. שקיעה

נויגט דער טאָג זיך, ווערט פֿאַרנאַכט,
זיצט ער אויף אַ שטיין פֿאַרטראַכט.

---

*) זומער־זמן — פֿון פּסח ביז סוכּות

האַלט אַ ספר, קוקט אַריין,
דרימלט ער אַ ווײַלע איין .
כאַפּט זיך אויף און זוכט דאָס בלאַט,
נאָר פֿאַרהוילן בלייבט דער פּשט.

אַלץ איז מיכשול, טעות, שפּאָט
און פֿאַרשטעלט דעם וועג צו גאָט.
יעדע תנועה, יעדער אות
איז פֿאַרשלאָסן אויף אַ שלאָס.
שורות טאנצן הין און הער,
שטערן אים אין זיין באַגער.

זעען גוטס אין יעדן אָרט
דורך דעם שורש פֿון אַ וואָרט.

אָבער איבער אים מיט זין
פֿלעכט איר נעץ אַ גרויע שפּין.
גינגאָלד־פֿעדים, קלוג געוועבט,
צו די צווייגן צוגעקלעפּט.

ליגט זי רויִק אין איר אָרט,
צוגעגרייט אויף טויט און מאָרד.

קומט אַ ווינטל, וויגט איר וויג,
פֿליט אין איר אַריין אַ פֿליג,
קלינגען סטרונעס: דין, דין, דין...
כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף די שפּין.

קוקט דאָס ספר, זעט די זינד
און די בלעטער מישט דער ווינט...

ד. גאָטס באַשאַף

ווי אַ שוואַלב אין גרינגגן פלי,
פאַלט אַ שטראַל אויף זיינע קני.
אָנגעשטרענגט מיט בלינדער מי,
גיט ער זיך מיט קראַפט אַ צי.
עפנט ער די אויגן ברייט —
אויף זיין קני אַ הינדל שטייט.

הינדל, פיצל, איי די גרויס,
שפרינגט און ציטערט אויף זיין שויס.
העלדזל, גופל, געלער פוך,
קוים עס דעכעט מיטן דוך,
קוים עס פישטשעט, שוואַך און שלאַף.
נאַקעט, ווי אַ גאָטס באַשאַף.

גיי און ווייס און זוך דעם זין
פון דעם הינדל ביז דער שפיץ?...

ס׳האָט פאַרבלאָנדזשעט, ס׳איז אַליין,
ווייסט עס מער נישט ווו צו גיין.

ערגעץ רופט אַ מאַמע־הון,
ווייסט פאַר צער נישט וואָס צו טון.
קוואָקעט, יאָמערט ביטער, שווער:
ניין, נישטאָ איר הינדל מער!

נעמט ער עס אויף דלאָניע מילד.
ווערט ער פון דער זון באַגילדט...
ס׳איז אַ נפש אים פאַרטרויט,
טראָגט ער עס צו זיך אין בויד.

שיט ער הירזשלעך, דינעם גריק,
עסט דאָס הינדל: פּיק, פּיק, פּיק.
גיסט אָן וואַסער, טרינקט עס דרייסט
מיט די אויגעלעך פאַרגלייזט.

שווינדן נעכט און קומען טעג,
גליקלעך, ווי פון גאָטס פאַרמעג.
גייט ער איבער סטעזשקעס, שטום,
גייט עס מיט אים אומעטום
און עס רעדט צו אים אויף ווונק:
— גיב מיר עסן... כ׳וויל א טרונק...

עפנט ער אַ ספר אויף,
שפּרינגט עס אויף זיין קני אַרויף.
קוקט אין ספר, גיט אַ פּיק
און עס שפּרינגט אַראָפּ צוריק.

טראַכט ער: ס׳איז א גאָטס געשאַנק...
לערנט ער מיט זיס געזאַנג...
שטייגט דער ניגון הימל־הויך,
ווי פון בשמים — זיסער רויך.

ח. דאגות

ערגעץ גרילצט אין וואַלד אַ זעג:
ס׳איז דער ווינטער שוין אין וועג...
סאָסנעס פון דעם וואַלד, דער שטאָלץ,
פאַלן, אויף צו ווערן האָלץ.
שרייען ביימער, בליצן העק,
וויי, דער זומער גייט אַוועק!...

טראָגן פּעדעם זיך אין רוים,
ווײַנט אין סאָד דער עפּל־בוים.
קרעכצט דער באַרן־בוים צעצווייגט,
גייט דער ייִד אַרום און שווייגט.
גייט ער, בלאָנדזשעט אויף און אָפּ,
פּאַלט אין גראָז אַ פּרוכט אַראָפּ.
פּאַלט אַ בלעטל שטיל, אָן שאָרך,
שניידן פֿויגלען וואָלקנס דאָרך
און אַנטלויפן סטאַיעסווייז
פֿאַר דער שרעק פֿון שניי און אײַז.

ט. דער באַלעבאָס

איז דער באַלעבאָס פֿון סאָד
אָנגעקומען פֿון דער שטאָט.
ברייט, מיט גדלות, שטאָלץ אָן שיעור,
מעשה פּריץ און גביר.
ברומט ער כמורנע, שפּייט אין גראָז
און ער קרימט אויף אַלץ די נאָז.
טאַפּט די ביימער, שנאַפּט און זוכט
און ער שאַצט די לעצטע פּרוכט:
— ווינטער־עפּל, בעסטער מין,
גרויסע באַרנעס — זשאַווער-גרין.
זאָלן פּרעסט נאָר זיין בכלל,
קאָן מען מאַכן געלט — אַ שלל.

שלעפּערס, סאַדאָווניקעס, שלעק!...
גיב זיי כאָטש דעם סאָד אַוועק!
גלעט די באָרד זיך, חשבונט, קלערט:
— כ׳האָב זיי אַלעם אין דער ערד!
אָט די פּירות, הער נאָר, דו!
נעם איך בלויז פֿאַר מיר נאָר צו!...

גיט ער פלוצים זיך אַ כאַפּ.
— וויפל קומט דיר? קלאַפּ און קוק!
שכירות... חשבון עשרים רו״כ...
מעל און צוקער, ליכט און נאַפט —
דיר דעם גאַנצן זמן פאַרשאַפט.
שטיוול מיינע אַ געשאַנק...
קומט נאָך מיר אַרויס אַ דאַנק.
חשבון — צדק, אַלץ איז קלאָר,
האָסט דעם סאָד נאָך אויף אַ יאָר!...

שפּעטער, קומט צו מינחה־צייט,
שטעלט ער זיך אַוועק ביים זייט,
גאַרטלט פעסט אַרום די לענד,
הייבט אָן וואַרפן מיט די הענט,
וויינט און דאַוונט, מאַכט אַ רעש,
אַז דער סאָד פאַרציטערט אַזש...

י. הוריות

ס׳איז דער ווינטער נאָך נישטאָ,
אָבער ס׳קראַקעט שוין די קראָ,
מעג נאָך וואַרעם זיין אַצינד,
אָבער אַנדערש בלאָזט דער ווינט.
אַנדערש, אַנדערש... הער, ווי ס׳ציט!
קעלט און פראָסט אויף דיין געמיט...

אַנדערש קלערט ער גאָר און טראַכט,
ווען עס קומט די קילע נאַכט,
אויף דעם טיש אַ קאַניץ ברענט
און באַלייכט פון בויד די ווענט.
קרומע ווענט, שיפּועים צוויי,
קריכן שאָטנס איבער זיי.

זיצט ער ביי דעם טיש, ביים שיין,
טריפט זיין האַרץ מיט בלוט און פּיין.

פּלוצים זעט ער פון באַהאַלט
לייכט פאַר אים אַ יונג געשטאַלט.
הוילע שאַנקייט, זיסער חן,
אויגן שוואַרצע — ווייסע ציין.
בלייכע פינגער, קלאָר ווי שניי
און די ברעמען — בויגנס צוויי:

— אוי, דו מאַן! געטרייער מאַן!
וויין מיין פּיין אין דיר אַריין...
שלוכץ און יאָמער אויס מיין קלאָג
און באַוויין מיין חופּה־טאָג,
און דערהער מיין שטיל געוויין,
אפשר וועט דיין הארץ צעגיין.

אפשר, און אַ קול ער הערט:
האָסט דיין הויז אַליין צעשטערט!
האָסט פאַרשוועכט דאָס פרומע לייב
פון דיין אויסגעחלומט ווייב;
צער און בראָך אויף איר געבראַכט
און פאַרשעמט איר קינד אין טראַכט...
ווי ירבעם בן נבט,
וועט דיך שטראָפן, שטראָפן גאָט!!!

יא. אלול

קומט דער אלול, ווײנט די לופט,
ווען דער שופר ווערט געפּרוווט.
— נו, געננוג שוין! צייט איז קנאַפּ, —
תרועה, שברים, וויי און אוי!...

פייפן ווינטן מיט געוווי.
פּאַטשן רעגנס, טריפּ און טראָפּ,
ווי טאַבונעןן אין גאַלאָפּ.
דונערס קנאַלן, ווי אין שלאַכט,
פינצטער ווערט דער טאָג, ווי נאַכט...
בליצן בלענדן, אָן אַ סוף,
ביז די זון גייט ווידער אויף —
מיד און מאט פון בייז געשלעג,
קומען ווידער שיינע טעג.
און כאָטש ווינטלעך בלאָזן פריש.
„ציטערט אין דעם טייך דער פיש"
און די חיה וואַרט מיט צער
אויף דעם בייזן ווינטער־גזר.
דרעשט דער פויער, ווערט נישט מיד,
קרעכצט אין שטאָט איעדער ייִד.
גייט אַרום פאַרזאָרגט און ברומט:
ראש־השנה, יום־טוב קומט!...

יב

דאַרף מען גרייטן האָלץ און טאָרף,
דאַרף מען ברענגען שטרוי פון דאָרף;
פלייש אויף יום־טוב, חלות, פיש...
גאָרנישט פעלן זאָל צום טיש.
כריין און האָניק, ווייַן און מעד
און אַ גאַסט פון ווייטע שטעט.

גייט דער ייִד פון שטאָט מיט זאָרג,
טראַכט נאָר ווו מען נעמט אויף באָרג —
הייזלעך פאַר די קינדערס לייב,
און אַ שייטל פאַר דעם ווייב,
און אַ ליילעך, און אַ ציך,
און אויף ווינטער — גאַנצע שיך.

און קאַרטאָפּליעס, זאַלץ און שמאַלץ.
און אַ טיכל אויפן האַלדז,
און אַ קלייד דער כלה־מויד,
ציטערט אויף דעם ייִד די הויט...
כאַטש דעם לוח נעם, פאַרמיש!
ציטערט אויך אין טייך דער פיש.
און דיביימער אינעם וואַלד
שרעק און ציטערניש באַפאַלט.
היילט דער וואָלף און ס׳ברומט דער בער,
לויפט דער וועווריק הין און הער —
זאַמלט ניסלעך, גרייט די נעסט
פאַר גאָטס שטראָף — די בייזע פרעסט.

יג. סליחות

ווער־זשע וועקט צו סליחות איצט,
ווען דער ייִד אין בײדל זיצט?
חושך, פינצטער. נאַכט אָן סוף...
אימיץ קלאַפּט: — שטיי אויף, שטיי אויף!...

זאָל עס זיין דער ווינט פון סאָד?
צי דער שמש פון דער שטאָט?
אימיץ קלאַפּט מיט פאָרכט־געוויין,
רופט: מען זאָל צו סליחות גיין.

שפּרינגט דער ייִד אויף מיט געבריל,
שרייט: — ווער קלאַפּט? — זאָל ווערן שטיל!!!
רייסט אויף ווינט די טיר מיט ברויז,
לעשט דאָס ליכט פון קאַניץ אויס.
שטרעקט דער ייִד צו גאָט די הענט,
צינדט זיך אָן די נאַכט מיט בלענד.
ערגעץ ווו אַ שטים באַפעלט —
נאָך אַ ייִד צום מנין פעלט.

קוקט דער סאָד און זיפצט פאַרטיפט,
און אַ רעגן — טריפט און טריפט.

יד. דער גייער

גייט אַ גייער, גייט און שפּאַנט
מיט אַ קלומעק אין דער האַנט.
זינגט ער פריילעך, נישט לגנאַי,
ווי אַ פויגל אויף דער פריי:
— אויס מיט שאָטנס, צוים און גבול
און זיין האַרץ מיט פרייד איז פול.

גייט ער איבער וועג און שליאַך,
זעט ער: דערפעלעך אַ סך,
איינגעטוליעט, שטיל אַזוי,
כאַטקעס, דעכלעך — קוטשמעס שטרוי.
שייערס שוואַרצע, ברייט און לאַנג,
ווו מען דרעשט דעם פולן זאַנג.
צלמים, ווי די דזשיאַדעס בלינד,
אויסגעקרימטע פון דעם ווינט.
קערט ער אָפּ דעם קאָפּ פון זיי,
ווי אַ שטאָך וואָלט טון אים וויי.

טו. מאַגענץ

אין דער בורג־שטאָט — מיינץ, מאַגענץ,
אין דעם בישאָפּס רעזידענץ,
שטייט רב אמנון שטאָלץ, אין צער,
וואַרט, אָט קומט אויף אים זיין גזר.
האַרט פאַר אים אַ יויזל הענגט
און אַ תליון, בייז און שטרענג,
פּרוווט די מעסערס, קלייבט די העק,
פול מיט גלאַנץ פון טויט און שרעק.

רעדט דער בישאָף — ווייס, ווי קרייד:
— הער, רב אמנון! האָסט נאָך צייט!
גיב אַ קוש דעם צלם בלויז,
ועסטו ווערן רייך און גרויס!
זאָגט רב אמנון, לאָזט אַ טרער:
— טו, מיין פריינד, ווי דיין באַגער...

גיט די האַק מיט שווונג אַ בלענד,
שפּרינגען אָפּ רב אמנונס הענט.
שפּרינגט דער בישאָף אויף און שרייט:
— הער, רב אמנון, האָסט נאָך צייט!
כ׳וועל דיר געבן פאַר די הענט
אוצרות פון דעם שענסטן בלענד!
קוש דעם צלם, טו צוליב!
וועל איך גיין פאַר דיר אין גריב!
זאָגט רב אמנון, טראַכט נישט מער:
— טו, מיין פריינד, ווי דיין באַגער.
הייבט די האַק דער תליון־ריז,
שפּריצט דאָס בלוט פון אמנונס פיס.

טז

פליִען סטאַיעס ווילדע גענדז,
שרייען זיי: מאַגענץ!... מאַגענץ!...
טראָגט זיך זייער גאַגעריי
איבער יעדן דאָרף פאַרביי.
לאָזט דער פויער ס׳פּורל שטיין,
קוקט צום הימל — נישטיק, קליין.
שרייען זיי אין זעלבן כאָר,
ווי אַ שטראָף פון דור צו דור,
קוקט דער גייער, פול געוויין,
ביז ער זעט זיי שוין נישט מיין.

שפּאַנענדיק מיט פעסטן שפּרייז
איבער פעלדער, וויאָרסטנווייז
טראַכט ער, טרוימט מיט זיס געפיל:
אָט־אָ קומט ער שוין צום ציל.
נאָר נישט מיד זיין, גיין און גיין
און קיין ווייל נישט בלייבן שטיין.
זון מעג בראָטן, גליִען הייס
און באַדעקן אים מיט שווייס.
אין זיין בענקשאַפט, אייפער־גלי
וועט ער לויפן — רץ כצבי,
קל כנשר און ער פליט
ווי אויף פליגלען פון אַ ליד.
אָט־אָ דאָרט פון נעפל אויס
שיילט זיך שוין זיין שטאָט אַרויס,
ווי אין גינגאָלד, רויט צעגליט,
אויסגעהאמערט, אויסגעשמידט.

יז. די קוזשניע

קלינג־און־קלאַנג און הוק־און־האַק,
ביי אַן אַלטן דעמב אַ פּניאַק,
שטייט אַ קוזשניע ביי אַ בארג,
שלאָגן דאָרטן האַמערס שטאַרק.

אויפן באַרג אַ „באַשטע" שטייט.
אונטער אים — אַ טייכל גייט.
שטייט די „באַשטע" אַלט און וויסט
און דאָס טייכל פליסט און פליסט,
און די קוזשניע — אייזן, שטאָל,
קלאַפּט אויס מעשיות פון אַמאָל,
נאָר דער קאָוואַל פון גוריי,
ווייס אפילו נישט פון זיי.

אָבער איבער פעלד און סטעפּ
הערט מען ווייט די האַמער־קלעפּ:
קלינג־און־קלאַנג — פון פרייד אַ גרוס
פאַר דעם מענטש, וואָס גייט צופוס:
— אַט־אָ דאָ, נישט ווייט אַ שפּאַן...
איז מסתּם אַ דאָרף פאַראַן!
גיט זיין האַרץ זיך אַ דערפריי,
ביז עס פירט אים קיין גוריי...

יח. מענדל קאָוואַל

מענדל קאָוואַל פון גוריי
האָט געזונטע יונגען צוויי.
צווילינגס־קינדער, שטאַרק ביז גאָר,
נאָך נישט אַלט קיין דרייצן יאָר.
נאָר ווי גרויסע, אָן אַ רו
העלפן זיי דעם טאַטן צו,
און דער פאָטער פירט דעם שטאָט
מעשׂה „מייסטער" און „נאַש־בראַט".

איז די קוזשניע פול מיט רויך,
פול מיט קלאַפּעס, בּרייט און הויך;
פול מיט פוי׳רים, בידנע לייט —
שטומע צינגער ביי דער זייט.
נאָר די קאָוואַלס, דריי אין קאָן,
זינגען, ברומען אין איין טאָן —
אַ נעריצך־מאַרש, אַ ליד
און מען האמערט און מען שמידט:
הוק־און־האַק — דאָס אייזן בליצט
און אַ בעזים פונקען שפּריצט...

אָבער פּלוצים, אין געזאַנג,
לאָזט דער קאָוואַל אָפּ די צוואַנג,

גיט אַ דונער: — יונגעך, שטייט!...
און ער לויפט צום גאַס מיט פרייד
הענדום, פענדום — מיט געמיט —
כאַפּט אַרום אַ פרעמדן ייִד.
רייסט זיין קלומעק, רעדט מיט האַסט
און ער שרייט: — אַ גאַסט!... אַ גאַסט!...
לויפט פון שטוב דאָס ווייב אַרויס:
— „סקאָצל קומט! אַ גאַסט אין הויז!"
און די גויים, גראָב, ווי חם:
„זשיד פּרזשיִעכאַל, יאַסני גראָם!"*)
כאַפּן פערד די בנים גלייך
און מען פּאַטשט אַוועק צום טייך.

יט. ביים טיש

זיצט דער ייִד ביים קאָוואַלס טיש
און פאַרזוכט פון אַלץ אַ קריש:
ברויט און פּוטער, באָרשטש און קעז,
ס'בלאַנקט און פּעכלט פון געפעס,
ווייס דאָס טישטוך — בלוי די ווענט,
אָפּגעהיט פון גוטע הענט.
טראָגט צום מויל דעם לעפל שוואַך,
רעדט אַ וואָרט און קלערט אַ סך...

קעגן אים אַ „מיזרח" הענגט
און דער ייִד אַ ראיה ברענגט
פון אַ ספר ערגעץ דאָרט,
זיס ווי האָניק יעדעס וואָרט.

*) אַ ייד איז געקומען, העלער דונער!

רעדט דער קאָוואַל: דאָס און יענץ,
קוקט דער אורח צום קרעדענץ,
ווו עס קניט אַן אַלטער מאַן
פאַר אַ פרינץ פון פאַרצעלאַן.
נעבן פרינץ אַ לייכטער שטייט
מיט זעקס העסעס — בייכיק ברייט.
גלייך דאָס מעש וואָלט נאָר געוואָלט
תמיד בלענדן ריין ווי גאָלד.

כ. דער זכות

— אויב ס׳איז דאָ פון גאָט אַ זכות!
זענט איר, ייִד, אין מיין רשות:
— מענדל קאָוואַל וואַרט שוין טעג,
היט פון „וואָליע־בוג" דעם וועג.
און אויב גאָט האָט זיך געמיט,
זענט איר דאָ דער צענטער ייִד.
ראש־השנה קומט שוין גלייך
און אַן עדה וואַרט אויף אייך;
גוטע ייִדן, פראָסטע לייט,
נאָר פון שטאָט פאַרוואָרפן ווייט;
נישט קיין חזן, נישט קיין רב,
ייִדן ווי די בלינדע שאָף.
— מוזט איר בלייבן, מענדל הייסט!
גאָט צו בעטן הילף און טרייסט...

כא. די קרעטשמע

שטייט אַ קרעטשמע, ווי זי שטייט,
מיט אַ טויער — שווער און ברייט.
אנדערש גאָר ווי אומעטום,
נישט פון האָלץ, צעהויקערט, קרום,

נישט פון סקיבעס שטרוי דער דאַך,
נאָר אַ שלאָסביים סאַמע שליאַך.
פענצטער טיפע אין די ווענט
און פון שטיין דער פונדאַמענט.
שפּייכלערס, שטאַלן — ברייט און גרוים
און אַרום דעם הויף אַ צוים
און אַ ברונעם מיט אַ ראָד,
וואָס דערמאַנט אַן אַלטע שטאָט.

אפשר גאָר אַמאָל... אַמאָל...
האָט דאָס הויז באַשיצט דעם טאָל
מיט די מויער־ווענט, ווי טרעפּ,
קעגן פיינט אין ווילדן סטעפּ
און פון טורעמס, שאַנץ און הייל
איז די קרעטשמע נאָר אַ טייל.

ליגן גיטער, רייכע הייף,
אין דער נידער, ווי אַ רייף:
„ראָדנאַ“, „זגאָדנאַ“, פלאָדנאַ“, „ליאַסק“;
„דרזשעוונא“, „קרעוונא“, „נאָווי ברזשאַסק“.
„דומנא, טלומנא“, „סטרומנא“, „שטשיט“
און די קרעטשמע אין דער מיט.

כב. יאַנקל קרעטשמער

רעדט רב יאנקל קרעטשמער, רעדט
און ער טוט זיין באָרד אַ גלעט.
אַזאַ שיינע באָרד, ווי זייד,
איז צו זוכן מיילן ווייט.
רעדט און פסקנט: — ווייס און הער,
אַז ער איז נישט אַבי ווער.
און ער גיט מיט זין און מיין
צנין קרעטשמע צו פאַרשטיין:

— קרעטשמער, פּאַכטער, אַרענדאַר
הייסט צו לעבן ווי אַ נאַר.
יונג צו ווערן אַלט און גרוי,
טאַנצנדיק פאַר יעדן גוי...

— האָט אים אָפּגעגליקט... מה רעש!...
איז ער דאָ אַ „גאָספּאָדאַרזש"!
„וויעלקי קופּיעץ" — גוט באַקאַנט
מיט זיין זיידנס און געוואַנט.
ברענגט ער פאַר די פּריצות אַלץ,
ביז אַ פּערל אויפן האַלדז;
שטרימף און גלאָזוואַרג, „פּיערוושי קלאַס",
וויין און טאַבאַק פון קאַווקאַז.
באַמקען אַלע פּריצים מיט:
„אַ נאַש יאַנקעל, מאָנדרי זשיד"!*)

אלא וואָס, ביי אים אין קלייט
אין אַ שטוב א טומבאַנק שטייט
מיט פאַרבייסעכצן אָן שיעור
און אַ פאַס מיט ביירישע ביר.
איז עס נאָר פאַר פּריצים בלויז,
ווערט ער גדולדיק און גרויס
און ער אָטעמט אָפּ, דערפרישט:
— יאַנקל איז קיין קרעטשמער נישט!...

אָבער פּלוצים, ווי און אָך!
ווערט זיין פּנים געל ווי זאַך.
דורך דער וואַנט פון יענער זייט
פּריצים זינגען ווילד, פאַרשייט:

*) אונדזער יאַנקל איז אַ קלוגער ייד.

— העי קאַרטשמאַרזשו, איי, איי, איי!...
זשיד, צעבוליו, פיווא דאַי!
גראָשו ניעמאָ, צאָ טאָ יעס?...
טשי טאָ ראַבין, טשי טאָ פיעס!!!"

און אויף יידיש, פּרעך און רוי —
קלינגט דער טייטש פון ליד אַזוי:

„העי, דו, קרעטשמער! ווי צו דיר!*)
ייד, ציבולניק, ברענג אונדז ביר!
איז מען גאָלע, שריי געזונט:
יעדער „ראַבין" איז אַ הונט"!...

הוליען פּריצים, וואָיווען ווילד,
ווי עס וואָלטן הינט געבילט;
שווישטשען, מיאַוקען, ברעכן גלאָז,
ציטער קרעטשמער, ווי אַ האָז!

בייג זיך, נייג זיך, לאָך און קוועל
און מיט כיטראָסט היט דיין פעל!
היט דיין פעל און ס'שטיקל ברויט,
וואָס איז ביטערער ווי טויט.

כג. גלות

וואָסער גלות? ווער און ווער
האָט פאַרוואָרפן דאָ אַהער?
דאָ אַ קרעטשמער, דאָרט אַ שמיד
און אין וואַלד אַ סמאָלע־ייד.

---

*) די איבערזעצונג איז נישט טעקסטועל, אָבער פּיל־ווייניק נאָענט צום אינהאַלט.

און אַ דאָרפס־גייער אָ מרוק
און אַ לץ אַ שניידערוק;
ייִדן איינציקע, גאָט העלף!
ווי די שאָף צעווישן וועלף.
ייִדן — תמימים, קליין אין צאָל,
נישט קיין מנין דאָ צומאָל,
און אויף יום־טוב, גאָט באַהיט!
תמיד פעלט אַ צענטער ייִד...

כד

האָט ער שטיל אַהיים באַגערט,
איז אים נישט געווען באַשערט
דורך די וועגן, שטויב און ליים
קומען ווידער צו זיין היים.

יעדע נאַכט האָט ער געהערט,
ווי מען שלוכצט פון פיין פאַרצערט,
אימיץ רופט און קלאַפּט אין טיר:
לאָז דעם סאָד, מען וואַרט אויף דיר!

האָט דער סאָד זיך שטאַרק געווערט:
היטער! היט דיין שטאַנד און ווערט!
זע, ווי נאַקעט בוימער־לייב,
פאָלג נישט, הער אונדז! בלייב און בלייב!...

כה

נישט נאָר בלויז אַ מענטש אַליין
קאָן אין יאָמער זיך פאַרגיין.
נישט נאָר בלויז אַ הונט אין טאָל
קאָן צעוואָיען זיך אַמאָל
אין זיין אומעט אויף דער וועלט,
ווי אַ וואָלף אין מיטן פעלד.

נאָך אַ בוים אַליין, אין ווינט,
קאָן אויך קרעכצן ווי אַ קינד,
וואָס איז קראַנק, און זיין געוויין
רירן זאָל דעם האַרטסטן שטיין.

כו

קרעכץ נישט, בוים, און קלאָג נישט, קזשאַק!
גאָט באַהיט אייך פון דער האַק!
איר האָט וואָרצלען, מאַמע־ערד
שפּייזט אייך תמיד און דערנערט.
און אַז פראָסט וועט טון אייך ווי,
וועט איר רוען אונטער שניי.

איר האָט פרילינג, פרייד געהאַט,
יונגן צוויט און גרינעם בלאַט.
חדווה און אין זומער האָט
אייך מיט פרוכט באַשאָנקען גאָט...

און ווען טוי, ווי ווייסער ראָסט,
האָט באַדעקט דעם סאָד מיט פראָסט,
האָט ער שטיל אין מאָרגן־שיין
זיך געלאָזט אין וועג אַריין...

כז. אַהיים

שפּאַנענדיק מיט פעסטן שפּרייז
איבער פעלדער מיילנווייז,
טראַכט ער, טרוימט מיט זיס געפיל,
אָט אָ קומט ער שוין צום ציל.
נאָר נישט מיד זיין, גיין און גיין!

און קיין ווייל נישט בלייבן שטיין.
זון מעג בראָטן, גליִען הייס
און באַדעקן אים מיט שווייס,
אין זיין בענקשאַפט, אייפער-גלי,
וועט ער לויפן — „רץ כצבי״,
„קל כנשר״ — און ער פליט,
ווי אויף פליגל פון אַ ליד.

אָט אָ דאָרט, פון נעבל אויס,
שיילט זיך שוין זיין שטאָט אַרויס!
ווי אין גין־גאָלד, רויט צעגליט,
אויסגעהאַמערט, אויסגעשמידט.
הייזער, קוימענס, גאַסן, מערק,
ווי פון גאָטס אַ מייסטער־ווערק.

כח. באָזשיץ

באָזשיץ איז אַ שטאָט, אַ כרך
קעגן שטעטעלעך אַ סך.
זי האָט ברייטע גאַסן דריי
און אַ גרויסע גאַרבעריי.
און פון באָזשיץ, נאָר פון איר,
שטאַמט דאָס בעסטע בלוי־געשיר.

ווױנען אין דעם כרך כמו
אויף דריי ייִדן בלויז איין גוי,
דאָך האָט באָזשיץ, גיי פאַרשטיי, —
פאַר די גויִים תיפלות צוויי
און אַ קלויסטער ביי דער מיל,
נאָר פאַר ייִדן בלויז איין שיל...

לעבן ייִדן ענג אין שטאָט,
נעבן הקדש, שול און באָד;
און די הייזער, אַלט און שטאַרק,
רינגלען שטאָלץ אַרום דעם מאַרק,
אָנגעפּראָפּט מיט קלייטן פיל,
ווו מען קריגט אַלץ, וואָס מען וויל,
פון אַ הערינג, וואָל און לייַן,
ביז אַ פלאַש בורגונדער ווייַן.

ציט אַיין גאַס זיך, לאַנג און גראָד,
צו דעם צווייטן מאַרק פון שטאָט,
ווו אין מיטוואָכס קאָכט און זידט,
וואָך ביי וואָך — אַ שטאָט־יאַריד.

איידער „ס'טאָגט אין פינטשעווו"... פרי...
טרייבט מען שוין די סטאַדעס קי,
פערד און שעפסן — קאָכט און קנאַקט
פון די בוידן, פול געפּאַקט:
גראַבליעס, שוכוואַרג, היטלען, פוץ,
פאַר דעם פאָלק פון אַלדאָס גוטס.

פירט די צווייטע גאַס און פירט,
מיט פּאַלאַצלעך אויסגעצירט,
ווי אַ שלאַנג, אין קרומען לויף,
צו דעם כראַביעס שלאָס און הויף.

אויף אַ זייל, ביים זייט, אַליין,
שטייט אַ געץ פון מירמלשטיין;
גויים קניִען, קושן ס'אָרט,
ייִדן וואַרפט אַ שרעק פון דאָרט.
און אַנטקעגן, שטיל און שאַ,
קוקט מיט רוגזה די „קאַזנאַ".

אוןביים טויער פון שטאָכייט
מיט אַ ביקס אַ זעלנער שטייט.

און די דריטע גאַס, עד כאַן, —
איז די לענגסטע, פירט צום באַן.
דראָזשקעס פליִען, קנאַק און קנאַל,
צו דער שטאָט און צום וואָקזאַל.
הייזער נייע — אומגעפער
פון צוויי גאָרנס און נאָך מער,
מיט געשעפטן, גרויס און רייך,
ווי אין וואַרשע, גלייך אויף גלייך;
שטייען שנייד־מאַשינען ברייט,
ווי צום שניידן תבואה גרייט;
אַקערס, סערפּן, מעסערס, העק
און מיט זריעה פולע זעק.
היטלען צוקער, האָניק, קוואַס,
ביז עס ענדיקט זיך די גאַס.

כט. די שיקסע

חלום, דאגה, זיץ און בענק
אין דעם איינפאָר־הויז, די שענק.
אונטערוועגנס, אינדערפרעמד,
פרעסט אַ שיקסע דיר דאָס העמד,
פוצט דיין מלבוש, היט דעם שפּאַן
פון דעם שיינעם, „דזשיוואני פּאַן"!
וואַשט און ווישט דעם שטויב פון שויב.
לויפט און האַוועט, ווי אַ טויב,
דאָ אַ רוים און דאָרט אַ קער,
ווי מיט ליבשאַפט פאַר דעם „ער".

באַלד באַגינען, נאָך גאָר פרי,
מעלקט זי שוין די גביאַדע קי.

רופט די עופות, לאַכט באַגליקט:
— הינדלעך, קאַטשקעס, דזשאָבט און פּיקט!...

ווי אַ פויער האָלץ זי האַקט.
גרייט אָן וואַסער, קאָכט און באַקט.
קוועלט פאַר נחת, שטראַלט און בלענדט,
ווען דער „פּאַניטש" וואַשט די הענט.

זי געשייערט האָט די קוואָרט,
זעט זי אין דעם מעש זיין באָרד,
זיינע אויגן — „באָזשע מוי!"
ווי דער הימל טיף און בלוי...

פלאַטערט זי פון שטילער פרייד,
זי האָט אים דעם טיש געגרייט:
טישטוך, טעלער, מעסער, ברויט,
פלאַמען אירע באַקן רויט
און איר לייב באַשלאָגט אַ היץ,
ווען זי טראָגט אים צו די גריץ.
שטייט פאַר אים פאַרשעמט, אָן ריר,
נאָר ער קוקט גאָר — אויף דער טיר...

ווערק פון מ. ד. גיסער:

פּלעמעלעך און פּייערלעך, 1929

ביי די פייערן, 1930

פּאָעמען און באַלאַדן, 1931

לידער און פּאָעמען, 1933

לידער און לענדער, 1945

יוליוס און מאַרי, 1950

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה) (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאָכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56) שלום אַש — פּעטערבורג (ראָמאַן)
57) שלום אַש — וואַרשע (ראָמאַן)
58) שלום אַש — מאָסקווע (ראָמאַן)
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד
62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) **נחמן מייזיל** — געוועז אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסטעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)
73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פּולער וואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)
89) **מ. ד. גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

ד״ר עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
ז. י. אנכי — ר' אבא און אַנדערע דערציילונגען
יאָנאַס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן (זכרונות)
פּועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין

עס גרייט זיך צום דרוק:

ב. מיכאַלעוויטש — זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט
מנשה אונגער — חסידות אין פּוילן און גאַליציע
ד״ר יעקב וויגאָדסקי — זכרונות פון אָקופּאַציע־יאָרן
ד״ר גרשון לעווין — דאָס בוך פון מיין לעבן
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — אַמאָל איז געווען
הערשעלע — שבת אויפן טראַקט
אברהם לעוו — אַ ליד נאָך אייך
משה זאַנשיין — „יידיש וואַרשע"
מיכאל מ. באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע—לאָדזש (זכרונות)
י. הירשהויט — נאָפּט־מאַגנאַטן
דניאל טשאַרני — אַ ליטוואַק אין פּוילן
אליהו דיזשור — יידן לויפן פון פּוילן (זכרונות)

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

★

יעקב גלאַטשטיין שרייבט וועגן ש. איזבאַנס ראָמאַן „פאַמיליע קאַרפּ" אין זיין רובריק „אין תוך גענומען" („יידישע קעמפער", ניו־יאָרק, 12טער יאַנואַר 1951):

אין 1926, ווען ס'איז דערשינען דער ערשטער באַנד פון זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור", איז נאָך נישט פאַרצייכנט געוואָרן דער נאָמען ש. איזבאַן, וואָס האָט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, זיך ערשט גענומען באַווייזן מיט זיינע ערשטע דערציילונגען, וואָס האָבן שוין דעמאָלט געמאַכט אַ רושם. איזבאַן איז אין 1926 געווען אַן 21 יאָריקער בחור, אָבער זיינע ערשטע טריט האָבן גלייך געוויזן, אַז ער פאַרנעמט זיך אויפן וועג פון רחבותדיקער דערציילערישקייט, פון אַ שרייבער וואָס האָט צייט און געמיט און וואָס איז געקומען באַרייכערן די ליטעראַטור, נישט נאָר קוואַליטאַטיוו נאָר טאַקע אויך אין כמות — זיך באַזעצן אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ סך ביכער. זיין נייער ראָמאַן „פאַמיליע קאַרפּ", אין צוויי בענדער, האַלט אַן ערך פון 600 זייטן, אָבער ביז דעם ראָמאַן האָט ער אַרויסגעגעבן זעקס

אַנדערע ביכער, נישט צו רעכענען זיינס אַ באַנד דערציילונגען, וואָס איז דערשינען אין העברעאיש. „פאַמיליע קאַרפּ", וואָס איז אַגב אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם אונטערנעמערישן און אַמביציעזן

פאַרלאַג — „צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע", איז שוין זיין דריטער ראָמאַן. צווישן זיינע דערשינענע ביכער געפינט זיך אויך דאָס בוך „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען, אַ פאַרצייכענונג פון אַ ריזיקאַלישער, מ'קאָן אַפילו זאָגן, העלדישער אָדיסייע, צוזאַמען מיט יידן וואָס האָבן בוכשטעבלעך געשפּאָלטן ימען, נאָכדעם ווי זיי האָבן, פּונקט אַזוי בוכשטעבלעך, געריסן קברים. איזבאַן איז אַרעסטירט געוואָרן מיט אַ סך „אומלעגאַלע" און ער האָט געהאַט דעם כבוד אונדז צו געבן דאָס ערשטע יידישע בוך פון לעבעדיקן, אומדערשראָקענעם און אַקטיוון רעפּאָרטאַזש, וואָס איז אַ באַדייטנדיקער ביישטייער צום יידישן זשורנאַליזם, ווייל דאָס בוך האָט דערהויבן אונדזער זשורנאַליזם צו אַ וועלט־מדרגה. „אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ימען" איז אַ קינסטלערש נאָטיץ־בוך וועגן די העלדן, פון דער גרויסער „אומלעגאַלער" פּלאַטע אונדזערער, וואָס איז אַרויס אין קאַמף קעגן דער סטאַבילער ענגלישער פּלאַטע און איז איר סוף כל סוף ביינעקומען.

„פאַמיליע־קאַרפּ" איז געשריבן געוואָרן אין די יאָרן 1941—1944. ווען איזבאַן האָט פאַרענדיקט זיין ראָמאַן, איז ער געווען בלויז פיר יאָר נאָענט צו דער גרעסטער געשעעניש אין יידישן לעבן, אָבער געמאָסטן מיט נאָרמאַלער צייט, איז ער געווען ווייט פון דער געשעעניש ווינציקסטן אַ פופציק יאָר. ס'איז אַן ענין וואָס רייצט די פאַנטאַזיע און איזבאַנס בוך קאָן אפשר דינען פאַר אַ מעגלעכקייט אויסצורעכענען, ווי ווייט מיר זענען געווען פון אַ יידישער מלוכה, ווען מ'זאָל נעמען אין באַטראַכט בלויז יידישע געשעענישן אין לאַנד גופא — דעם געשפּאַנטן געראַנגל און די אָנגעשטרענגטע פּעלזיקע אַנטשלאָסנהייט פון ישוב, און נישט דעם ניסימדיקן קפיצת הדרך פון וועלט־געשיכטע.

איזבאַן ווייזט אונדז, אַז דער ישוב איז געווען גרייט פאַר דעם קאַמף פון באַפרייאונג, אָבער מדינת ישראל, וואָס איז ממש אַרונטערגעפאַלן פון הימל, מיט אַלע גרויסע יסורים און אַלע גרויסע פריידן, האָט פאַרשנעלערט דעם פּראָצעס און אַרויסגערופן די העלדישקייט פון ארץ־ישראל אַ סך פריער, ווי מ'האָט זיך געקאָנט ריכטן. די העלדישע איינוווינערס האָבן פון דער גרויסער פאַרצווייפלונג זייערער אומגעריכט געמוזט אויסשמידן געווער, וואָס האָט נישט געקאָנט און נישט געטאָרט באַזיגט ווערן. ווען מ'לייענט איזבאַנס ארץ־ישראל ראָ־

מאַן, זעט מען, הערט מען די טריט פון דער גרויסער באַפרייאונג־אַרמיי וואָס איז געווען גרייט אונטערצו־יאָגן דעם צו־לאַנגזאַמען היסטאָ־רישן פּראָצעס.

דער הויפּט־העלד, לייב קאַרפּ, קומט קיין ארץ־ישראל, ווייל אים זענען דערעסן געוואָרן די יידישע „גליקן" און דער באַפרייטער פוילן. ווען ער ווערט אָבער אַ סטאַטיסט אין דער גרויסער דראַמע פון לאַנד־באַפרייאונג הויבט זיך אים אָן דאַכטן, אַז ער איז ווידער אין אַ לאַנד, וווּ יידן זענען נאָך אַלץ קרבנות פון אַן איינזייטיקן, טראַ־גישן חשבון. זיי קריגן די קלעפּ, זיי זענען נאָך אַלץ און כסדר די נרדף־פים. ער אַנטלויפט, נאַקעט און באָרוועס, פון דעם יפור פּאָגראָם. דאָס לאַנד ווערט אויפגעטרייסלט פון דער חברונער שחיטה, פון די אויסגעשטרעקטע פרומע ישיבה בחורשע העלדזער, וואָס זענען אָן ווידערשטאַנד אַריינגעפאַלן צום קוילער אין די הענט אַריין. דער באָדן אונטער דער ערד גיט זיך אַ וואַקל. ס'דאַכט זיך לייב קאַרפּן, אַז יידן קאָנען נישט אַנטלויפן פון זייער גורל, אפילו אין דעם צוגע־זאָגטן לאַנד.

אָבער ווען דער ראָמאַן ענדיקט זיך, האָט שוין לייב קאַרפּ בייגע־טראָגן צו דער ערד זיין זון בנימין, וואָס האָט העלדיש געקעמפט מיט אַנדערע יידישע יונגעלייט. לייב קאַרפּ האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ קריגן כאָטש יידן אַ געלעגנ־הייט צו קעמפן און צו זען דעם שונאס האַרץ און צילן און טרעפן, און אַז די באַלוינונג פון קאַמף איז אַ גרויסע זאַך, וואָס באַרעכטיקט דעם קאַמף מיט אַלע אבידות — אַ מקום־געוואָרענע בענקשאַפט פון דורות. ס'איז נישט קיין מיאוסער פּאָגראָם, נאָר מלחמה.

איזבאַן שילדערט סצענעס פון קאַמף און אים געלינגט צו ווייזן די ערשטע גבורים, ווען זיי האָבן נאָך געשטעלט די ערשטע אומגע־וואַגטע טריט אין דער נאָענטער צוקונפט אַריין.

דאָס בוך איזבאַנס פאַרמאָגט, פון דעם שטאַנדפּונקט, אַ סך קלוג־פּאַראויסזעערישע מאָמענטן, וואָס טייטשן אויס שפּעטערדיקע געשעע־נישן, פאַרבינדן זיי לאָגיש און כראָ־נאָלאָגיש מיט אַלץ, וואָס איז געקו־מען שפּעטער, וואָס האָט געצוווונ־גען דעם ישוב אַרויסצושטעלן אַלע העלדישע בנימינס מיטאַמאָל, פאַר אַ גרויסער און טויט־ערנסטער פאָלקס־צייִלונג. אַלע בנימינס האָבן געענטפערט, אַז זיי זענען גרייט.

ש. איזבאַן האָט אַ צייט געוווינט אין ארץ־ישראל און מ'זעט, אַז ער איז באַקאַנט מיט יעדער ווינקעלע,

אַז ער איז באַהאַוונט אין דער גאַנ־צער מסכתא ארץ־ישראל, אַז ער קאָן די געשיכטע פון ישראל קאַמף, פון סאַמע ערשטן מאָמענט, ווען ס׳איז געקומען צום טערק און פון אים געמוזט אַרויסנאַרן מיט כאַבאַר יעדער שטיקל מענטשלעכע פּריווי־לעגיע, ביז צום צוזאַמענוווקס מיט יעדער ביסן באָדן, וואָס מ׳האָט מיט די ציין אויפגעאַקערט.

דער ראָמאַן — „פאַמיליע קאַרפּ" איז ווייניקער אַ ראָמאַן פון מענ־טשן, ווי אַ גוט־צוזאַמענגעשטעלטע כראָניק פון געשעענישן. אַזאַ ראָ־מאַן איז שווער געווען צו שרייבן, ווייל דער עלעמענט פון שפּאַנונג האָט אייגנטלעך געפעלט פון אָנ־הויב. די געשעענישן אַליין האָט דער מחבר נישט געקאָנט אויסטראַכטן און ער האָט אַפילו נישט געקאָנט אויסטראַכטן די מענטשן. איזבאַן האָט פאַר זיך געהאַט דעם שווערן אויפגאַב צו שרייבן אַ נאָענט־גע־שיכטלעכן ראָמאַן, וואָס האָט דעם מחבר געגעבן קנאַפּע געלעגנהייטן צו באַפרייען די אייגענע מייסטערי־שע הענט. ס׳איז שווער צו כאַפּן אַ מחבר ביי דער האַנט, ווען ער שילדערט פאַר אונדז די צייטן פון בר־כוכבא, אָבער אַ שריפטשטעלער, וואָס וועט זיך דערלויבן צו־שטאַר־קע קינסטלערישע פרייהייטן אין אַזאַ ערב־גאולה ראָמאַן, וועט גלייך אַרונטערפאַלן אונטערן קאָנטראָל פון טויזנטער לייענערס, וואָס לייענען אַזאַ ראָמאַן נישט אַזוי פאַר קינסטלערישער פאַרווייַלונג, ווי פאַר באַשטעטיקונג, אַז אַזוי איז עס טאַ־קע געווען און געשען. געשיכטע האָט אויך איר שפּאַנונג, אָבער ס׳איז אַ שפּאַנונג פון עבר, בעת אַ שרייבער איז דער האַר איבער דער שפּאַנונג פון מאָמענט.

איזבאַן איז אין אַלע פריערדיקע ווערק געווען דער פרייער שרייבער־אויסטראַכטער און מיט דעם ראָמאַן האָט ער זיך געלאָזט אויף דעם אַמ־ביציעזן וועג צו נעמען צאַפּלדיקן צייטונג־שטאָף און עס קינסטלעריש באַלייכטן.

איזבאַן פאַרמאָגט אַ סך שרייבע־רישע מעלות. איינע פון זיינע מע־לות איז, אַז ער קאָן אָנרעגן דעם אינטערעס פון לייענער און אים האַלטן אונטער דער ממשלה פון זיין פען אַזוי לאַנג ווי ער וויל. נאָך עפּעס — דער יונגערמאַן, וואָס איז מיט 46 יאָר צוריק געבוירן געוואָרן אין גאָסטינין, פּוילן, האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעלעבט אין דער ארץ־ישראלדיקער עקזאָטיק, אַז זי איז געוואָרן אַ גרויסער טייל פון זיין שעפערישן אינטערעס. די תימנער יידן, די מאַראָקאַנער יידן, די בוכאַרישע און קאַווקאַזישע יידן זענען אים גלייך געוואָרן היימיש.

זייער הילוך, זייער ארט ריידן, זייער קינדיש־נאאיווע, אבער קרעפטיקע יידישקייט, זייער איידעלע גשמיות און גרעבלעכע רוחניות, האבן אים געגומען. ווען ער שילדערט די דאזיקע נאענט־ווייטע יידן, איז ער ממש ווי א פיש אין וואסער. ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אז דער יונגער איזבאן האט אין ארץ־ישראל גלייך געזוכט די ביבלישע עקזאטיק. זיינע אייגענע פוילישע יידן אין ארץ־ישראל זענען געווען דאס אריבערגעטראגענע קליינע שטעטל, וואס פון דעם איז איזבאן אייגנטלעך אנטלאפן. ער האט מיט א זעלטענער נייגעריקייט זיך צוגעקוקט און זיך איינגעהערט אין דעם ארץ־ישראל, וואס האט זיך ביי אים פארבונדן אין זכרון מיט זיין קינדערישן תנ״ך־לאנד.

אין דעם בוך — „פאמיליע קארפ״ זענען אויך די סאמע געלונגענסטע קאפיטלעך און אפילו די געלונגענסטע זייטיקע געשטאלטן, די תימנער יידן, די קאווקאזער יידן, אפילו די אראבער, דער אריענטאלישער מארק מיט די אויסרופערס. אומעטום ווו איזבאן נעמט עס אריין אין זיין בוך, אפילו ווען די קאפיטלעך זענען ווי אריינגעשלעפט, און קינסטלעך אריינגעשרויפט, איז ער אלץ קינסטלעריש־איבערציייגנדיק. אפילו דאס זייטיקע קאפיטל, ווי מען נארט אריין א יונגן אראבער, כדי אים אפצורגעווינען פון דער שיינער אלישבע, לייענט זיך זייער קינסטלעריש, הגם ס׳איז כמעט נישט פארבונדן מיט דעם גאנצן גאנג פון ראמאן.

דאקעגן, דער הויפט־העלד קארפ, זיין פרוי און זיינע קינדער, די פשוטע פוילישע יידן און דער יונגער דור, וואס איז אריין אין קיבוץ און אין דער הגנה, זענען אלע צוזאמענגעשטעלטע כאראקטערן, וואס לאזן נישט דעם קינסטלער איזבאן אויסצושפרייטן די פליגל. לייב קארפ איז א נישט־עקזאטישער פוילישער ייד און ער איז איזבאנען צו גוט און אומעקזאטיש־באקאנט, דערפאר האט ער זיך צו אים נישט גוט צוגעקוקט. ער האט אויך מורא אים צופיל צו מייסטרעווען, כדי ער זאל נישט אפשטיין פון דעם גאסטינינער, ווארשעווער אדער, לאדזשער רעאליטעט.

לייב קארפ מיט אלע זיינע ראנגלענישן און אמביציעס אין לאנד, איז נישט קיין טראגישע פיגור און ער איז אויך נישט שטארק גענוג און נישט פארפירט גענוג צו קאנען טראגן אויף זיינע פלייצעס די אתחלתא פון דער אתחלתא. מיט אלע ריידערייען און שילדערונגען ארום אים, איז ער אליין נישט אינטערעסאנט. זיין ווייב רחל איז

אויך אַ פּאַסיווער טיפּ וואָס איז גאַנץ ווייט פון קאָנען זיין דער פּאַסיקער עזר כנגדו, פון דעם הויפּטהעלד, וואָס קומט אין נייעם לאַנד בויען און זיך איבערצובויען. איזבאַן וואָס קאָן זינגען און באַזינגען האָט זיינע אייגענע פּויליש־יידישע העלדן אַריינגעלאָזט אין לאַנד אַריין אָן געזאַנג. בנימין, דער זון איז שוין בעסער געצייכנט, מיט מער ליבשאַפט, כאָטש דער מחבר גיט אים צופיל פּובליציסטישע ווערטער. איזבאַן, רעדט אין דעם ראָמאַן צופיל, מ׳הערט ווי ער האַלט באַקאַנטע ארץ־ישראל דרשות, דורך די מיילער פון זיינע העלדן.

אלישבע ,די טאָכטער איז אויך אַ סינטעטישע יידישע טאָכטער. זי איז פאַרליבט, איזבאַן דערציילט עס אונדז ביי יעדער געלעגנהייט, אָבער איזבאַן האָט נישט קיין גערולד פאַר קיין ליבע. ער קאָן פאַרשרכנען מיידלעך מיט יונגעלייט, אָבער ער קאָן זיי נישט אָפּלאָזן אויף זייער אייגענער אחריות. ער גייט זיי נאָך פוס־טריט און זייער ליבע קומט אויס, ווי דער מחבר וואָלט זיי נישט געוואָלט לאָזן אָן אַ שאַפּעראָן. איזבאַן דערלאָזט נישט, אַז דער יחוד אַליין זאָל זינגען. ווי אַ מחבר זעט מען, אַז ער וואָלט שוין געוואָלט שטעלן אַ חופּה און איבערגיין צו וויכטיקערע זאַכן.

און איזבאַן קאָן שרייבן. דערהויפּט געלינגען אים מאַסן־סצענעס. אין זיי ווייזט ער אַרויס גרויסע מעלות פון אַ ראָמאַניסט. אָבער, ווי געזאָגט, דער אויפגאַב אין „פאַמיליע קאַרפּ” איז נאָך אַלץ אַ שווערע משא פאַר יעדן ראָמאַניסט, וואָס איז געצוווּנגען צו באַזיגן אין זיך דעם קינסטלערישן אויסטראַכטער און צוטראַכטער.

דאָס לעצטע קאַפּיטל, — דעם טאַטנס פאָרן צו זיין זונס לוויה, די שילדערונג פון דער לויה, איז באמת די דערהויבונג פון גאַנצן בוך. דאָס ארץ־ישראלדיקע לאַנדשאַפט זינגט אַרויס פון די שורות און איזבאַן ווייזט, אַז ער פאַרמאָגט דעם ריטם פאַר דער טרויעריקער פרייד. די ווערטער פאָלגן אים און ער ווערט נישט ליריש־צעקראָכן. ער פאַרמאָגט דאָס לשון פאַר דער גרויסער דראַמע פון לאַנד־דעראָבערונג.

דאָס גאַנצע בוך איז אַ באַדייטנדיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון ארץ־ישראל. די היסטאָרישע מאָמענטן פון דער גרויסער באַפרייאונג זענען געשריבן מיט פאַרשטענדיקער ליבשאַפט. ווי אַ ראָמאַן איז „פאַמיליע קאַרפּ” אפשר אַזוי געלונגען, ווי אַזאַ קינסטלעריש ווערק האָט געקאָנט אַרויסקומען, אונטער אַזעלכע אומשטענדן, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם עול

פון אמתדיקייט, אויף די פּלייצעס פון שרייבער. איזבאַן היט זיך אוים פון איבערטרייבונג, פון איינזייטיקייט, אפילו פון פאַרדאַמונג. ער דערמאָנט גוטע אַראַבער, אַ האַרציקן קריסטלעכן אַראַבער און אַפילו די רוצחים קריגן ביי אים אַ קינסטלערישע ראָלע אין דער גרויסער דראַמע. „פאַמיליע קאַרפּ" איז אַ ווייטערדיקער שריט פון איזבאַנס „אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ימען". דער ראָמאַן ווייזט אונדז שוין לעגאַלע יידן, וואָס גרייטן, אפשר אַליין־נישט־וויסנדיק, דעם וועג פאַר דער גרעסטער היסטאָרישער לעגאַליטעט — מדינת ישראל.

ד״ר א. מוקדוני שרייבט וועגן זיגמונט טורקאָווס בוך „פראַגמענטן פון מיין לעבן" („מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק):

זיגמונט טורקאָוו איז אַ בינע־קינסטלער. ער איז דער שאַפער פון דעם מאָדערנעם יידישן טעאַטער אין דעם געוועזענעם יידישן פוילן. אָבער ער איז אויך אַ שרייבער, און דאָס פּאַסירט אַזוי זעלטן צווישן בינע־קינסטלער.

אין זיין בוך „פּראַגמענטן פון מיין לעבן" האָבן מיר פראַגמענטן פון זיין לעבן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

איר האָט דאָ דעם יידישן מיטלקלאַס פון פוילן.

זיגמונט טורקאָוו דערציילט אייך ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ יידישער שוישפילער.

אין טעאַטער האָט ער זיך פאַרליבט נאָך ווען ער איז געווען אַ תלמיד אין קרינסקיס יידישער גימנאַזיע.

טורקאָוו דעם קינסטלער, דעם בויער פון דעם נייעם יידישן טעאַטער אין פוילן, זעען מיר נישט אין דעם דאָזיקן בוך. ער דערפירט אונדז בלויז ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

טורקאָוו קומט אויף ווי אַ יידישער טעאַטער־קינסטלער ערשט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

איז דאָ די יידישע וועלט אין פוילן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די יידישע וועלט, אין וועלכער איך האָב געלעבט און קען גוט.

וואָלט איך געקענט פאַריכטן אַ היפּש ביסל טעותן, וואָס טורקאָוו מאַכט, ווען ער רעדט וועגן דעם

יידישן טעאַטער אין יענער צייט און וועגן יידישע שרייבערס אין יענער צייט.

אָבער זכרונות זענען נישט קיין געשיכטע, זיי זענען איינדרוקן.

און פאַרשידן זענען די איינדרוקן,

וואָס איין און די זעלביקע געשעעניש מאַכט אויף פאַרשידענע מענטשן.

אַזוי, למשל, שרייבט ער צו י. ל. פרצן די אידייע און די איניציאַטיוו פון אַ געזעלשאַפטלעכן טעאַטער.

דער אמת איז, אַז עס איז געווען א. ווייטערס אידייע און איניציאַטיוו.

אָבער י. ל. פרץ איז געווען דער קאָנטיקסטער יידישער קינסטלער, דערצו דער טעטיקסטער און דער אָפּט־געזעענער אין אַלע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען און אַרויסטרעטונגען, און ממילא איז אים צוגעשריבן געוואָרן אַלץ.

אָבער נישט די זכרונות וועגן יידישן טעאַטער און יידישע שרייבער זענען דער עיקר אין זיגמונט טורקאָוו. דער עיקר איז — די יידישע וועלט, געזען פון אַ יונגן וועלטלעכן ייד אין פוילן.

דאָ האָט איר גאָר אַן אַנדער יידיש וועלטל.

נישט די געוויינלעכע חסידישע וועלט, וועלכע אַלע באַשרייבן, האָט איר דאָ. איר האָט דאָ דווקא די אין די אויגן זיך נישט וואַרפנדיק מיט איר אויסערלעכקייט וועלטלעכע יידישע וועלט.

עס איז אויך אַ וועלט פון אמתע יידישע מענטשן — מען לעבט יידיש, מען דענקט יידיש און מען פילט יידיש. עס פעלט בלויז די אויסערלעכע באַזונדערשקייט פון דער חסידישער וועלט.

דער פאָטער טורקאָווס איז געווען אַ יידישער טעאַטער־גייער.

אָבער ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן זיין זונס פלענער צו ווערן אַ יידישער שוישפילער, האָט ער זיך

פונדעסטוועגן שטאַרק דערשראָקן און האָט שטאַרק פּראָטעסטירט.

אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

די בעסטע קינדער פּאָלגן נישט אַ טאַטן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַן איינגעבוירענע נטיה צו אַ וועלכן עס איז קונסט־צווייג.

האָט איר דאָ פיין דערציילט ווי אַזוי אַ ייִדיש ייִנגל פון אַ גוטער משפחה און מיט אַ גוטער עלעמענטאַרער בילדונג, ווערט אַ ייִדישער שוישפּילער און שפּעטער אַ נאָוואַטאָר פון דעם ייִדישן טעאַטער.

אַ לערנער פון די פּריִע יאָרן, ווייסט ער, אַז אַלץ דאַרף מען לערנען.

און ער גייט לערנען אין אַ פּוילישער דראַמאַטישער שולע די שוישפּילער־קונסט.

ער איז דאָרט אַ גוטער תּלמיד, אָבער די רביים זענען רשעים און די גאַנצע וועלט אַרום איז אַ נישטפריינטלעכע און אַ בייזע.

און אַזוי אַרום ווערט ער ממש אָוועקגעשטופּט צום ייִדישן טעאַטער.

דאָס איז בלויז אַ גאָר קורצע סכעמע פון דעם וואָס ס'ווערט דערציילט אין בוך.

אָבער עס איז נישטאָ קיין רוגז אין בוך, עס איז נישטאָ קיין תּערומות און, דער עיקרשט — ס'איז נישטאָ קיין לשון־הרע אויף ייִדן.

ס'איז אַ ריין, ציכטיק און ליב בוך.

מיט ייִדישע שרייבערס און מיט דער ייִדישער ליטעראַטור באַקענט ער זיך זייענדיק אַ תּלמיד אין קרינסקיס ייִדישער גימנאַזיע. קרינסקי פלעגט אָפט איינלאַדן שרייבערס אין זיין שולע.

האָט איר דאָ איינדרוקן פון אַ יוגנטלעכן וועגן ייִדישע שרייבערס.

י. ל. פּרץ איז דער שרייבער, וואָס באַצויבערט אַלעמען און, פאַרשטייט זיך, אויך די תּלמידים אין קרינסקיס גימנאַזיע.

נישטאָ קיין פּסול וואָרט אין בוך.

יאָ, ער דערציילט פיל וועגן דאָ נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם שלמה מענדעלסאָן.

די צוויי חברים זענען געגאַנגען אויף פאַרשידענע וועגן, אָבער זיי האָבן זיך באַגעגנט אין ייִדישן טעאַטער:

איינער, ווי אַ שוישפּילער און ווי אַ בויער פון אַ נייעם טעאַטער, און דער צווייטער, ווי אַ גוטער מבין אויף טעאַטער און אַ גוטער טעאַטער־קריטיקער.

עס איז אַ בוך פון אַ קינסטלער.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Tomo 89

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el Depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el día 30 de Marzo de 1953 en la Impr. de ZLOTOPIORO Hnos. — Gascón 1231 — Buenos Aires.

M. D. GUISER

CANTO DE UNA VIDA

(OBRAS POETICAS)

★

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
y EL COMITE PRO-HOMENAJE A M. D. GUISER EN CHILE

Buenos Aires, 1953